STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05215

DI YUDISHE TSIGEYNERIN, ODER, DOS GEROYBTE KIND

Shalom Lederer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דיא יודישע
ציגיינערין
אָדער
דאס געראָבענע קינד

איין אינטערעסאנטער ראמאן פון פוילישען און אמעריקאנישען יודישען לעבען אין 4 טהייל.

פערפאסט פון

שלום לעדערער.

ערשטער טהייל

פערלאג אונ אייגענטהום פון מרדכי קאצענעלענבאגען בוכהענדלער ווילנא.

ווילנא

בדפוס י. פיראָזשניקאָוו.
שנת תר"ס לפ"ק

ЕВРЕЙСКАЯ ЦЫГАНКА.
Романъ въ 4-хъ частяхъ. Соч. Ш. Ледерера.

Часть I.

Изд. и соб. виленскаго книгопродавца М. Каценеленбогена.

ВИЛЬНА. Типографія И. I. Пирожникова.

1900.

Дозволено Цензурою 25 Ноября 1899 г. Вильна.

פאררעדע.

ענדליך, נאך אלאנגע ווארטען, האב איך פאר אייך ליעבע לעזער, געענדיגט מיין „יודישע ציגיינערין“. — עס קען זיין, דאס איהר האט נאך איהם גאנץ וועניג געבענקט, דען קאריג ביכער האט מען פאר אייך אין דער צייט אויסגעטראכט? פאריז האט אייך געשאנקען א געבענטשטע „קאפיטאן דרייפוס“, פון וועלכע איהר לעקט דיא פינגער .... אמעריקא, דיא וועלט-שפיזערין, האט אייך בעזארגט מיט איהרע צוואנציג טהייליגע ראמאנען, אין וועלכע איהר האט געפונען אמחמדישע גן עדן .... גראפען, דועלען, טירקישע הארעם, נאקעטע בעשעפענישען ... א. ז. וו. היינט וואו האט אייך אמאל געקענט קומען אויף דיא געדאנקען מיין ארימע „יודישע ציגיינערין“?

דאך קען איך אייך פערזיכערען, דאס איהר וועט פון מיין „יודישע ציגיינערין“ צופריעדען זיין. אמווייניגסטענס, וועט איהר אין איהם בעגעגענען אייניגע בעקאנטע בילדער, וועלכע וועלען אייך מעהר אינטערעסירען, אלס דיא לייכטע „פאלדע־קאקס“ ראמאנען....

מיין „יודישע ציגיינערין“, וואס איז אייגענטליך אפארטזעצונג צוא מיין ראמאן: „דיא ציגיינער“, וועלען אויך קענען לעזען דיעזע, וועלכע האבען יענעם בוך ניט געלעזען און וועלען אלעס פערשטעהען, דען איך האב איהם אין אגאנץ בעזאנדערן ראמאן געשריבען. האפע, דאס מיין „יודישע ציגיינערין“ וועט אייך געפעלען און איהר וועט דאנקען

דעם פערפאסער.

I.

אהונד אהן ציין.

פאן טאמאש פעסאווסקים אלטער וואנדער־זייגער האט דיא נײַנטע שטונדע געשלאגען. דער אלטער אבגעלעבטער גוטבעזיטצער, אדער וויא דיא ליוקער בויערען רופען איהם, יאשניע וועלמאזשניע פאן חראביע, איז נאר וואס אויפגעשטאנען אונד ארײַנגעגאנגען אין זײַן ארעם־מעבעלירטען עסצימער, וואו ער האט איינגע טהעע גלאזער קאניאק אויסגעטרונקען אונד בעפאהלען זײַן אלטען בעדיענטען, פראניק, ער זאל איהם ברענגען דעם פריהשטיק.

פאן טאמאש פעסאווסקי, איז איין אלטער פונפציגיאהריגער קאוואלער, (בחור) מאגער וויא אשטעקען, דאס זײַן שווארצער אבגעקאלירטער פראק איז אויף איהם וויא געהאנגען. זײַן וואוקס איז מיט צוויא קאפ האכער פון זײַן גרויסען הונד, מיט אקליין קאפעלע, אין וועלכען עס זיטצען צוויא קלײנע פערשלאפענע היהנערישע אויגען. —

ביז צוואנציג יאהר, האט ער זיך ערצויגען אין דער עסטרייכישער שטאדט קראקאו אונד קיין מאל ניט געוועזן אין רוססלאנד, נאר אלס זײַנע עלטערין זײַנען פלוטצלינג געשטארבען, איז ער נאך ליווקע דאס ערשטע מאל געקוממען אונד זײַנע עלטערענס גיטער (אימעניים) איבערגענוממען.

טהייל פון דיא ליוועקער בויערען האבען צווישען זיך שטילל געמורמעלט, דאס טאמאש איז גאר ניט עהנליך צוא זײַנע אדעלע עלטערען אונד געצווייפעלט אויב ער איז זייער וואהרער זאהן, אבער אויף בעשטימט האט קיינער ניט געקענט זאגען, דען טאמאש האט צוגעשטעלט אלע גאטהיגע פאפיערען.

פאר וואס ער איז אונפערהייראט געבליעבען, דארף איך אייך, ליעבע לעזער, ניט פיעל ערקלערען, דען אבוואהל ער שטאמט פון גרעסטען פאלנישען אדעל אונד וואר אין דער יוגענד גאנץ רייך, דאך האט זיך קיין איין פאלנישע פרײַלין געפונען, וועלכע זאל זיך יאגען נאך דעם גליק...

וויא פאן טאמאש בעריהמט זיך, האט מען איהם אין דער יוגענד פארגעשטעלט דיא רייכסטע פארטייען (שדוכים) נאר ער האט ניט געוואלט, ווייל אין אלגעמיין, (בכלל) איז ער אגרויסער פרויען־פיינד, אבוואהל אלטע בויערען ערצאהלען, דאס אין דער יוגענד האט ער פיעל פרויען

אונגליקליך געמאכט, אויך יעטצט ענטלויפען פון איהם די יונגע בויערען טאכטער וויא פון דער פעסט (חלי־רע).

אבער פון דער ווארהייט קענען מיר ניט אוועקגעהן: חראבריע פעסאווסקי איז א הייסער פאלנישער פאטריאט אונ קלאגט אויף זיין „אויטשיזנע" (פאטערלאנד) וויא איין ערליכער יוד אויף ירושלים. זיטצענדיג אין געזעלשאפט פון זיינע בעקאנטע פאליאקען, זאגאר מיט זיין טרייען בעדיענטען פראניק, האט ער ליעב צוא ערצאהלען, וויא זיינע היילינע אונשטארבליכע אורעלטערן האבען זייער לעבען פאר דעם פאטערלאנד געאפפערט. אויך ער האט אין פאלנישען מאטעזש (אויפשטאנד) גרויסע העלדענטהאטען בעוויזען אונ בעווארפען די קאזאקען מיט שטיינער, נאר וויפיעל ברענענדע שמיץ ער האט געליזט, האט ער פיינד צוא ערצאהלען....

פאן טאמאש פעסאווסקי האט אויך ניט פערגעסען יענע גוטע צייטען, ווען יעדער פערדיקטער פאלנישער גוטבעזיטצער, האט געשפיעלט ארא־לע פון אפירט אונ פאר אמינדעסטע זאך האט ער געקענט הונדערטער בויערען צום טויט פערשמייסען. וויא לעבעדיג קומט איהם פאר דער צוקיילטער אונ צוביילטער יעקב, וועלכער איז אמאל דורך זיין דארף געגאנגען אונ געמוזט זינגען „מה יפית" אם ענדע האט ער אויף איהם זיינע בעזע הינד אנגערייצט, וועלכע האבען דעם אונגליקליכען יוד צוביסען אונ צוריסען. וויא אגוטע מוזיק, קלינגט נאך יעטצט אויך אין זיינע אויערען יעקבס יאמערליכעס געשריי, וואהרענד, פאן טאמאש, האט זיך דאן געהאלטען ביי די זייטען פאן געלעכטער....

אבער היינט? שלעכטע ביטערע צייטען! זיין לעטצטע טרייסט איז די פינסטערע טרויעריגע נאכט, ווען פראניק פערמאכט די לאדען, קוקט ער זיך ארום פון אלע זייטען אונ זינגט דאס בעקאנטע פאלנישע רעוואלוציאן־ליעד: „יעשטשע פאלשא ניע זגינעלא" „פאלען איז נאך ניט פערלארען", וועלכע ער פייפט צוא מיט זיינע בלויע ליפען.

דער הייסער פאלנישער פאטריאט געדענקט נאך, דאס דער גאנצער ראטנעראדער געגענד האט געהערט צוא זיינע אויסגעטראכטע אורעלטערען.... אונד אין דער צאהל וואר אויך די בענאכבארטע גיטער (אימעניס) טורנאווקע אונ ווישניעצע, וועלכע געהערען היינט צוא די ברידער לעאן אונ זימאן לעווינשטיין; זעלבסט פערשטאנדליך, דאס פאן טאמאש וואר זייער פאטער אויך זייא דער ערגסטער פיינד; ער האט אויף זייא געקוקט, וויא אויף רויבער, וועלכע האבען בערויבט זיינע עלטערענס פערמאגען.... דאך האט ער געקענט זיין פיינדשאפט טיעף אין הערצען פערבארגען, אונ ווען ער האט זיך אמאל מיט איינעם פון די לעווינשטיינס בעגעגענט, האט ער זייא געשמייכעלט, געלעקט וויא אהונד, ביי יעדער ווארט וויעדערגעהאלט זיין „פראשע פאנא" אונ געגעבען צופערשטעהן, דאס ער איז אגעבילדעטער ליבעראליסט, אלע מענשען זיינען

ביא איהם גלייך, אבוואהל ער האט היילינג געגלויבט דיא אנטיסעמיטישע פאלנישע פאנאטישע פערפאסער, וועלכע האבען געשריבען, דאס דיא יודען געברויכען צוא זייערע מצות קריסטענבלוט. — אבער דיא פאמיליע לעווינשטיין האבען איהם גוט געקענט אונד אויסגעצייכט זיין „פראשע פאנא”.

נאר שטארקער האט דער חראבריע דיא רוססישע געהאסט; ווען ער וואלט קענען, וואלט ער אלע מיט איין מאל ערמארדעט אונ פערניכטעט.

אלע זיינע בעדיענטע וואַרען פאלאקען, זאגאר צווישען דיא פיעלע פעלד־ארבייטער האט זיך קיין איין רוסישער געפונען, דאך ווען ער האט מיט ארוסישען גערעדט, האט ער געלויבט דיא רוסישע גוטהערציגע רוהיגע מענשען אונ געשאנדעט דיא יודען, וועלכע זיינען, נאך זיין מיינונג פאראזיטען, פיאווקעס, פראצענטניקעס אונ פערדארבען דאס היילגע לאנד.

יעטצט קענען מיר אונזער ערצאהלונג פארטזעטצען: דער איינגע־הויקערטער פראניק, האט אויף זיין פאנס (הערים) בעפאהל פריהשטיק געבראכט אונ זיך טיעף פערנייגט.

— פראניק! — האט דער האלב בערוישטער חראבריע געפרעגט — איז שוין יוזיק געקומען פון שטאדט?

— יא, פאן חראבריע, ער איז הערשט געקוממען אונ שפאנט אויס דיא פערד.

— פסיא קרעוו! (הונדשבלוט) האט דער אלטער באז געזאגט — וואָרום האט ער פריהער ניט געבראכט דיא צייטונג מיט דער פאסט? זאל ער גלייך הערייינקומען! הערסט?

— סלוהאם, (איך הער) יאסניע פאן חראבריע, — האט פראניק גע־ציטערט אונ זיין גרויען קאפ ביז צוא דער דיעלע (פאדלאגע) איינגעבויגען — איך געה איהם רופען.

ביא דיא ווארטער איז ער שנעל ארויס פון צימער.

באלד איז אריינגעקוממען איונגער קראפטיגער בויער אונ דעם חראבריע אפאלנישע בלאט צייטונג מיט אפערזיעגעלטען בריף געגעבען.

— סווינגיא! אסיאל! (שוויין, עזעל) — האט פאן פעסאווסקי, אויסער זיך פאן צארען, אויף דעם ערשראקענעם פוהרמאן געשריען — זיינען דיא פערד ביא דיר טהייערער אלס דיין הער! ביזט דוא קראנק געווען פריהער צוא ברענגען דיא צייטונג אונ שפעטער אויסשפאנען דיא פערד?

— פערצייהעט, יאשניע פאן חראבריע, איך האב דיא פערד ניט גע־קענט לאזען שטעהען אויף דעם רעגען... איך...

— פאשאל וואן! — האט דער פערריקטער פאלאק געוויטהעט אונ ניט געלאזט דעם פוהרמאן ענדיגען זיינע ווארטער — איך וויל דיך מעהר ניט זעהען אונ הערען דיינע בויערישע רייד!

— וואס היינטיגע בויערען קענען! — האט דער אלטער בחור גע־

ברוהמט, אלס דער ערשראקענער פוהרמאן איז ארויסגעלאפען פון צימער — ווען דאס וואלט זיך טרעפען אין יענע צייטען, וואלט ער שוין איין מאנאט ניט געקענט זיטצען.... אבער היינט קומט מען אב בלויז מיט דיא רייד.

אונזערע אורעלטערען זיינען קליגער געווען פון דיא רוסען... זייא האבען געוואוסט, דאס אבויער דארף מען לערנען. אבויער דארף פיהלען עטליכע הייסע שמיץ, דאן... דאן ווייסט ער ווער אלטער איז. — אבער פון וועמען איז דער פערזיעגעלטער בריעף? איין אונבעקאנטע צובראכענע האנדשריפט, מען דארף לעזען...

מיט ציטערענדע האנד האט דער פאן דעם קאנוווערט אויפגעריסען אונ אין פערדארבענער פאלנישער שפראכע האט ער דיא ווארטער געלעזען:

„יאשניע וועלמאזשניע פאן חראביע!"

„שוין איינינע וואכען זיינען פאראיבער, אין דער צייט האב איך אייך פיעל בריעף געשריבען אונד דער גיעהרטער פאן הראביע האט מיר אויף איינעם ניט געאנטוואָרטעט. וויא עס זעהט אוים, האט איהר שוין פערגעסען דיא אלטע טרויעריגע געשיכטע, פון וועלבער עס איז מיר ביז היינט פיעל וואונדען געבליעבען... שוין מעהר אלס צוואנציג יאהר, בין איך פערטריבען פון מיין היים, פון מיינע אלטערען, וועלכע זיינען שוין געוויס אין דער צייט געשטארבען. פערלאנגט בין איך פון מיינע ברידער אונד שוועסטער, פון מיין פאמיליע, וועלכע רעכענען מיך פאר א גע-שטארבענע. איך לייד מאנגעל אונ קאלט, וואו איך טאג, דארט נאכטיג איך ניט, אבגעפינסטערט האב איך מיינע בעסטע יאהרען, איך האב שוין קיינע קראפטען אזוי פיעל אריבער צו טראגען, איך בין שוין גיאלטערט געווארען אונד ווער האט מיך זויא אונגליקליך געמאכט? ווער האט מיין פרייהייט גערויבט? איך גלויב, דאס איהר האט ניט פערגעסען, אז מיין גרויזאמער אונגליק שטאמט פון אייך, פאנע חראביע! נאר איהר האט מיך, אונגליקליכע, צוא דער לאגע געבראכט! נאר אייך האב איך אלעס צוא פערדאנקען! מיט עטליכע צוואנציג יאהר צוריק, אלס איהר זיינט נאך געוועזען איונגער קאוואלער אונד איך א געזונטע מיידעל, האט איהר אויף מיר אייערע אויגען געווארפען אונ מיך אונגליקליך געמאכט..... אם ענדע אז איהר האט געוואלט ראבע געהמען פון אייער נאכבאר (שכן), דעם יודישען גוטבעזיטצער, האט איהר מיך געשיקט צום זשידיק (יוד) אלס אממע, וואו איך האב אנאהר צייט גליקליך געלעבט, צום אומגליק, האט איהר מיך געבראכט צוא איין פערברעך, וועלכער האט מיך אויף עוויג געשיידעט פון מיין היים אונ פון מיין געליעבטען יאניק....

נאר איך דענק, דאס עס איז איבעריג אייך צוא ערמאינערען דיא אלטע טרויעריגע געשיכטע, וועלכע איהר ווילט פערגעסען; ליידער,

געדענק איך איהר גוט. אבוואהל איך בין שוין היינט עטליבע פערציג יאהר אלט,

איך שרייב אייך, העררה הראביע, מיין לעטצטען בריעף: איהר זאלט וויסען, דאס איך געפין זיך אין דער זעלבער שטאדט בוסאלק, וואו איך האבע דעם זשידס קינד אונטערגעווארפען.... איך ווייס זאגאר ביי וועמען זיא האט זיך ביז יעטצט ערצויגען. זיא איז שוין יעטצט אהיפשע שאנע מאד, נאר זעהר ארעם. — עס קען זיין, דאס איהר זיינט באז, וואס איך האבע איהר גיט געבראכט אונטער דיא פליעגלען פון אונזער איינציגען היילינען פאלנישען רעליגיאן, אבער גלויבט מיר, דאס איך האבע אנדערש ניט געקענט.... דאס מאל האב איך אייך גיט גע- וואלט געהארכען, דען איך האב זיך ניט ערלויבט צוא נארען אונזער היילינען קסיאנדז (גלח) אונ זאגען, אז דאס קינד איז מיין.... בעזאנ- דערס, האב איך מורא געהאט פאר דער פאליציע.... אלזא, קומענדיג אין ערשטען שענק, וואו עס ווארען פיעל מענשען, האב איך דארט מיין לעבעדיגע וואריע איבערגעלאזט אונ געמאכט פיס.... צום אונגליק, איז דער שענקער געוועזן א זשידיק (יוד) אונ דאס קינד איז ביי איהם פער- בליעבען. שפעטער בין איך ערפאהרען, דאס דער שענקער האט עס אצווייטען ארימען יודען געגעבען, וואו זיא געפינט זיך ביז היינטיגען טאג. — יעטצט, מיין העררה, אז איך האב שוין אייך ערמאנט דיא טרויעריגע געשיכטע, בעט איך אייך איהר זאלט מיטלייד האבען אונ מיר שיקען טויזענד רובעל, איך זאל האבען צוא דער לעבען מיינע לעטצטע עטליבע יאהר. אונפאלס, איהר וועט זיך ווייטער גיט וויסענדיג מאבען אונ מיר ענטזאגען, שווער איך ביי דער היילינער מוטער, אז איך וועל גיט קוקען אויף קיין זאך אונ אהיים קומען. איך ווייס, דאס מיך ערווארטעט דער קרימינאל, (אסטראג) אבער זייט זיכער, דאס איך וועל אייך מיטנעהמען.... מיין יאניק לעבט, ער ווייסט אלעס.... אויך אייער אלטער דיענער, פראניק, וועלבער האט מיר געהאלפען ענטלויפען, וועט שווארען אין סאנד. (געריכט-סוד), אויך וועל איך אויס זאגען פון דעם געשעפט מיט דעם רויטען האהן, וועלבען איהר האט אמאל געשיקט צום יודישען נומבעזיטצער אונ פערברענט איינינע שפייבלער מיט געטריידע.... (תבואה) איך האב גיט וואס צוא פערלירען; זויא וויא זויא האב איך מיין לעבען פערשפיעלט....

האפע איהר וועט ערפילען דיא ביטע אונ וואונש פון אייער אונגליקליבער טרייער דיענערין, מארינע קיטאן.

בוסאלק דען 2 טען מייא ... 18 יאהר.

— בעסטיע! פערפלוכטע בויערין! — האט דער אויפגערעגטער פאן געשריען, אלס ער האט דעם בריעף איבערגעלעזען אונ זיין מאגערער

קארפער האט קאנוואולסיש געציטערט — אבער, וואס טהוט מען? וואו נעהמט מען געלד פאר איהר? זיא קען דאך מיך ווירקליך אונגליק מאכען!

איינינע מינוטען האט חראביע פעסאווסקי געטראכט, ענדליך, האט ער אויף א וויזיטקארטע איינינע ווארטער אויפגעשריבען, אונ אויסער זיך פון צארען געשריען:

— פראניק! פראניק!

— איך בין דא, פאניע חראביע! — האט דער דיענער געציטערט.

— וואס שטעהסט דוא וויא אמינעגע ביי'א דער טהיר! געה מיט דער וויזיטקארטע צום פערפלוכטען זשיד אונ נעהם ביי'א איהם פינף הונדערט רובעל, נאר שנעל! הערסט?

— איך הער — האט דער אלטער דיענער געשטאמעלט — אבער צוא וועלכען זשיד זאל איך געהן?

— סטארי פיעס! (אלטער הונד!) — האט דער קאפריזנער פער־ריקטער פאן געדאנערט אונ שוים האט געזעטצט פון זיין מויל — ווייסט דוא דען ניט, דאס אויסער דעם זשיד לעווינשטיין, וועלכער האט מיך בערויבט אונ מיינע אורעלטערענס שלאסער צוגענומען, האט דא קיינער זויא פיעל געלד? געה צוא איהם אונ ברענג דיא סוממע!

— אבער — צוא — וועלכען — לעווינשטיין? — האט פראניק קוים אויסגערעדט.

פאשאל וואן, סוויניא מאלפא! — האט דער צונעדולטער פאלאק געקייכט.

דער ערשראקענער דיענער איז אהן איין אטהעם צוגעלאפען צו דער טהיר.

— שטעה, עזעלקאפ! פערד! געה צום יונגערען הונד, צוא לעאן לעווינשטיין אונ נעהם פאר מיר פינף הונדערט רובעל! פערשטעהסט דוא שוין, אלטער?

— יעצט פערשטעה איך — האט דער דיענער געמורמעלט אונ איז פון צימער פערשוואונדען.

— אי, איך האב שוין קיין קאפ פון דיא בויערישע קאפ! — האט פעסאווסקי, זיך האלטענדיג פארין הערצען געזאגט — אין דעם אלעס איז דיא בעסטיע, מארינא, שולדיג! א היילינע מוטער! שאנע צייטען... ווארום בין איך ניט געבארען געווארען מיט זיעבציג יאהר צוריק, ווען מיר אלע חראביעס האבען געהאט א מאכט! איך וואלט דאן דיא בויערישע קאפ אראפגענומען! געשונדען זייער הויט! איך וואלט דיא בעסטיעס צום טויט פערשמיסען! נאר, וואס קומט ארויס פון דיא רייד? שלעכט, ביטער, גלייך בין איך צוא אהונד אהן צוין!....

2.

חאנקע די סאלדאטקע.

די בוסאלקער יודען האבען האנקען, אדער וויא אלע פלעגען איהר רופען „חאנקע די סאלדאטקע“ געעהרט אונ רעספעקטירט, דען ערשטענס, איז זיא אוואהלטהאטיגע פרויא: זיא פערזארגט אלע ארעמע מיט ברויט; שבת לויפט זיא אהן איין אטהעם ארום פון שטוב צוא שטוב אין איהר קויטיגען שירץ אונ קלייבט: חלה, ברויט, בולקעס, וועלכע זיא צוטהיילט די נויטבעדערפטיגע; די יודישע סאלדאטען שאפט זיא שבתים, טאג, אום זייא זאלען בעהיטע גאט, ניט עסען פון קעסעל (טרפות); אלע ארעמע מאדליך בעזארגט זייא מיט שטעלעס, אפט מאל קריגט זיא פאר זייא ארדענטליכע חתנים; אויך ערציהט זיא קליינע יתומים, שאפט מעדיצינען, געלד, פאר די דארטיגע ארעמע קראנקע; זיא געהט ארום אויף הכנסת כלה, אויף אלע ארעמע שמחות, אונ וויא זאל מען אזא פרויא ניט אכטען אונד שאטצען? צווייטענס, ווער וועט זיך אונטערשטעלען חאנקען אשלעכט ווארט אויסריידען אונ אריינפאלען אין איהר פה קדוש? ווען איינער זאל זיך וואגען אונ זאגען, דאס פון די שבתדיגע בולקעס לעבט זיא א גאנצע וואך מיט איהר מאן, דעם אויסגעדיענטען ניקאלייעווער סאלדאט, וועלכער טהוט קיין האנד אין קאלטעס וואסער אונ ערצאהלט אימער די וואונדער פון סעוואסטאפאלער קריג, וואו ער האט גרויסע העלדענטהאטען בעוויזען אונ בענאהע (בערך) הונדערט טויטע טירקען די קאפ אפגעהאקט.... וואלט ער פון איהר געשליפען פיסקעלע ארויס א ציקיילטער, א ציבייילטער אונ אריינגעפאלען אין א ים פון קללות אונ הרמות.

עס געפינען זיך טהייל שונאים, וועלכע ריידען, שטיל, צווישען זיך, דאס פון די מיידלאך, פון די שטעלעס אונ חתנים, פון איהרע יתומים, פון איהר פערזארגען די קראנקע מיט געלד אונ מעדיצינען, האט זיא זיך מעהר פערזארגט אונ חתונה געמאכט איהרע צווייא זאהן מיט דרייא טאכטער, אויך האט זיא פיעל געלד אין קייזערליכען באנק.... אבער די אלע אויסגעטראכטע רייד זיינען בלויז פון קנאה אונ שנאה, דען א רעכטער מענש וועט עס ניט זאגען.

אין איינע פון די בוסאלקער אונטערגעסלאך, אין איין אלטען מויער אויף דעם פיערטען שטאק, וואהנט אונזער יודישע פערזארגערין, חאנקע די סאלדאטקע, אונד עס וועט ניט שאדען יעטצט אריין צוא געהן אין איהר וואהנונג, אום זיך מיט דער וויכטיגער פערזאן מעהר צוא בעקענען, אבוואהל עס איז שוין צעהן אוהר בייא נאכט.

זעהר נידעריג, ארעם, אבער זויבער איז חאנקעס וואהנונג, וועלכער איז בעשטאנען פון צוויא קליינע צימער מיט א פינסטערע קיכע אונ אין יעדער ווינקעלע האט געבלאנקט. איין צימער, וואו עס איז געשטאנען גאנץ אלטע צובראכענע ריינע מעבעל, האט געדיענט אלס איין-זאאל אונ איין עסצימער; איין קליינעס פענסטערעל. וועלכעס איז ארויסגעגאנגען אין א שמוטציגען הויף, האט שוואך בעלויכטען דיא זאאל, וועלכע האט זעלבסט פערשטאנדליך, קיין גוטע לופט געקענט האבען.

דער צווייטער צימער, וועלכער האט נאר קיינע פענסטער געהאט, האט געדיענט אלס שלאפצימער; דארט איז געשטאנען א קליין צוויא פיסיג טישעלע, צוגעשפארט צוא איין וואנד, צוויא צובראכענע אייזערנע בעטטע, וואו אויף איינעם פון זייא איז געשמאק געשלאפען א שלאנקע פריילין, וועלכע מיר וועלען ניט שטערען פון שלאף אונ בעסער געהן אין זאאל פערברענגען מיט דער וואכענדער ווירטהען. —

חאנקע איז א זעכציג יאהריגע ניעדריגע מאגערע פרויא, מיט א געלעס געקנייטשטעס געזיכט, מיט צוויא גרויסע ברעמען, אונטער וועלכע עס האבען געברענט צוויא קליינע ווילדע אייגעלאך; איהר קליינעס מיילכיל וואר וויא אין א זייט אונ אויף ביידע באקען האבען צוויא ווארצלען מיט ווייסע האאר געוואקסען; אויף איהר קליינע שפיטציגע נאז איז געלעגען א פאר ברילען מיט איין גלאזעל, וועלכע האבען, וויא עס זעהט אויס, קיין בעקוועמעס ארט געהאט אונ זיינען אימער אראפגעפאלען,

זעהר פערטראכט זיטצט דיא מילדע פרויא ביים טיש, אויף וועלכען עס ברענט א געמיינע לאמפע, אונ ארבייט ארויטען זאק. פלוטצלינג האט זיא דעם זאק אוועקגעלייגט, דען אויף דיא שטיינען האט זיך געהערט שווערע טריט; צוויא שפיזלען האט זיא ארונטערגערוקט אונטער איהרע ביידע לאנגע אויערען אונ אונגעדולדיג ערווארטעט דעם נאכט.

— גוטען אבענד, מאטושקא! (מוטער) — האט געזאגט דער אריינקומענדער גאסט, א זיעבציג יאהריגער קראפטיגער מאן, מיט צוויא רויטע פערנאסענע אויגען, ארונדע גרויע בארדעל, זיינע האאר ווארען קורץ געשוירען, זיין געזיכט האט געפלאמט, פון זיין מויל האט זיך געהערט דער ביטערער טראפען, אויף זיין אלטען ראק האט געהאנגען א סארט מעשענער קנאפ, וועלכען ער האט גערופען „ארדער“ פאר זיין פינף-אונ-צוואנציג יאהריגער פלייסיגער דיענסט, דאס גלייך קען מען ערקענען, אז ער איז איין אויסגעדיענטער ניקאלייעווער סאלדאט — וואס זיטצט דוא זויא שפעט ביי נאכט אונ בלענדסט דיינע אויגען ביים זאק?

— איך האב געווארט אויף דיר, מיין טהייערער הערץ-ווייטאג, מיין טרייער שיכור... — האט דיא אלטע מיט א גיפטיגען שמייכעל גע-

אנטוואָרטעט און דעם גאַסט אַ שטוהל צוגעריקט, שעק (זיטץ) מיין שאַנער מאַנן, דען דוא ביזט געוויס מיעד .... קענסט אויף דיא פיס ניט שטעהן ... אַקליינינקייט אַזא שווערע אַרבייט, מען האַלט אין איין גיסען! אַבגיסען זאָל מען דיך שוין מאַטוניא זיסער, אויף דעם טאַרע (טהרה) ברעט ....

— מאַלטשי סקאָטינאַ! (שווייג בהמה) — האָט דער אַלטער באַז געזאָגט און זיך געזעטצט — דוא דאַרפסט ניט פערגעסען, דאָס חאַטיא (אַבוואהל) מיינע פיס זיינען יעטצט שוואַך, אָבער דער פאַר זיינען גענוג געזונד מיינע הענד, וועלכע קענען דיר געבען אַזעלכע פרעסק, דאָס דוא קענסט זיך געזעגנען מיט דיינע עטליכע פוילע ציין .... מיינסט איך בין רחל? ווערסט מיך פיהרען ביים דער נאַז? אַ, ניעט, גאָלובושקא מאַיאַ! (ניין, מיין טייבעלע!) איך האָב געדיענט פינף-און-צוואַנציג יאָהר און קיינער האָט ניט געסמייעט (געוואַגט) מיר אַשלעכט וואָרט צוא ריידען .... איך האָב געקריגען זאַ אוסערדיע (פאַר ערגעבענהייט) אַ אָרדען .... זעהסט? איך וויל פון דיר אַזעלכע ווערטער ניט הערען! איך טרינק ניט פאַר דיין געלד, פאָנימאַיעש? (פערשטעהסט?).

— פאַר וועמעס דען געלד טרינקסט דוא? — האָט חאַנקע, אויסער זיך פון צאָרען, געשריען — האָסט דוא געפרובט אַמאָל איין קאָפּיקע פערדיענען? דאַרט דיר דען דער קאָפּ, וויא אַנדערע מאַנען אויף פרנסה? וויפיעל מאָל איך בעט זיך ביים דיר, וויא ביים אַגזלן: אשרקע, איך וועל דיר אַריינגעהמען אין שטוב אַגאַנץ פּאָסעל ספירט און טרינק צוזעטצטערהייט, גאָר געה ניט אין דיא שענקען ... און ער הערט מיך וויא דעם פּאָראָשאָהריגען פראָסט.... וואָס זאָגען מיינע שונאים, וועהענדיג דיך געהן טוויט שיכּור פון איין שענק אין צווייטען? געוויס קלערען זייא, אַז דאָס גאַנצע געלד, וואָס איך קלייב פאַר אָרעמע קראַנקע, פאַר יתומים, פאַר אָרעמע כּלות, בלייבט ביים מיר ... איך וועל דאָך צוליעב דיר, שיכּור, קומען צו בעטעל-ברויט, הייגט זאָג מיר, בין איך אונגערעכט?

— אונגערעכט ביזט דוא געוויס ניט — האָט דער אַלטער סאָלדאַט איראָניש געענטפערט — אָבער, וואָס דיינע שונאים ריידען, זיינען זייא אויך ניט אונגערעכט .... קאָזנאַ באַנאַטא, דיא באַנק איז רייך האָסט דאָרט גענוג געלד... ווילסט דוא עס מיטנעהמען אין קבר? כּל זמן מען לעבט, דאַרף מען טרינקען און דעם צווייטען לאָזען לעבען .... זאָלען דיא שענקערס לייזען, זייא דאַרפען אויך לעבען .... נאָר גלויב מיר, מאַטושקאַ, איך האָב דיינע קיין איין קאָפּיקע פערטרונקען, מיר האָט געפונדעוועט (טראַקטירט) מיין ברודערס זאָהן, מאָטקע, ער האָט מיט זיין איינאויגענער שקאַפּע (פערד) דרייא קאַרבען (רובעל) פערדיענט. וויא איך בין אַ ייד, ער איז אַ גאָלד שפּינער, ער וויל נעהמען רחלען, וויא

זיא שטעהט אונ געהט, אחלעבין, דאס וואלט געוועזן פאר איהר א גליקליכער שידוך.... ער האט מיר היינט געזאגט, אויב מיר וועלען עס אויספיהרען, וועט ער אונז געבען גאנצע צוויא קלויסטער (הונדערטער) שדכנות געלד.... ער וועט דא באלד זיין, שא, דאכט זיך ער געהט.

— ווער דיא כפרה מיט איהם צוזאמען האט חאנקע שנעל געזאגט— זויא לאנג קראנקט ער, וויא לאנג איך וועל איהם רחלן ניט געבען, ער מוז פריהער אבצאהלען פיער הונדערט רובעל, דער נאך וועל איך זיך מיישב זיין....

מעהר האט חאנקע ניט גערעדט, דען דיא טהיר האט זיך געעפינט אונ א הויכער געזונדטער יונג איז אריין אין צימער. פון זיין געזיכט האט בלוט געשפראצט, זיינע ווייסע אויגען האבען געפינקעלט, מיט ארויטע שיטערע בארדעל; זיינע געלע וואנסען וואַרען פערדרעהט וויא צוויא מייזישע עקען, זיינע עכטע רויטע האאר וואַרען קורץ אבגעשוירען, וויא א וואהרער קאצאפ, אונ זיין דיקער בויך וואר ארומגעבונדען מיט א רויטען גארטעל, דאס מען ערקענט גלייך זיין פראפעסיאן.

— אבראך אגרויסען! (ברוכים היושבים) — האט דער פרישער גאסט מיט אגראבער ווילדער שטימע געזאגט אונ זיך געזעטצט — וואס מאכט איהר, מומע? האט איהר נאך מיר געבענקט?

— געוויס, — האט חאנקע לאבענד גיאנטוואָרטעט — אז איך זעה דיך ניט אטאג, וויל איך דיך ניט זעהען אגאנץ יאהר.... נאר עפעס ביזט דוא מיר היינט גאלע־סימקע... (מלא שמחה) זאג מיר, אקארסט, מאטקע, וואס איז דיא פרייד מיט דיר אזויא גרויס? איז היינט פורים אדער סימכעסטוירע, (שמחת תורה) וואס איהר האט אייך פערשיכורט וויא דיא בעסטיעס?

— הא! הא! הא! — האט מאטקע ווילד געלאכט — היינט איז נאך בעסער וויא סימקעס סחורה (שמחת תורה) היינט האב איך, דאנקען גאט, מיט מיין איינאויגער קליאטשע, זאל לעבען, גאנצע דרייא קארבוואניצעס (רובעל) פערדיענט... דער פעטער האט מיר גוטע האפענונג געגעבען, אז רחלע וועט זיין מיט מזל מיין כלה, דארף מען אבעסערען פראזדניק? (יום־טוב) מיינט ניט, מומע, דאס איך האב אייך פערגעסען, איך האב אייך געבראכט אגוטע פלאש יקער, וועלכע איהר האט ניט פיינד.... נאר זאגט מיר, איז רחלע שוין בעסער געווארען? פערשטעהט זיא שוין, אז קיין בעסערען חתן פון מיר דארף זיא ניט...? וואו איז זיא?

זאגענדיג דיא ווארטער, האט ער פון קעשינע ארויסגענומען אגרויסען פלאש רויטען ליקער, מיט אייניגע פונט וואורשט אונד בולקעס.

— אי, א קראנק אויף דיר, ממזרק, חניפה-ניק! — האט חאנקע געלאכט און איהרע שטראהלענדע אויגעלאך אויף דער פלאש געווארפען... — מיך וועסט דוא, גנב, ניט נארען... דיא פלאש האסט דוא פאר א צווייטער געבראכט, צום אונגליק שלאפט דיין רחלע און איך וועל איהר ניט וועקען.

— וואס איז זיא, אגרויסע פריצה? האט זיך אשרקע פערדריסליך אבגערופען — נישט קשה, דאס קינד וועט זיך ניט איבערשרעקען, זאלל זיא טרינקען מיט איהם „לחיים" איך געה איהר אויפוועקען.

— רחל! רחל! האט דער אלטער הייזעריג געשריען, אריינגעהענדיג אין שלאפצימער — שטעה אויף! גענוג צוא שלאפען! דיין חתן, מאטקע, איז געקומען... אזא יאהר אויף מיר, וואס פאר א גוטער ברודער ער איז... ער האט געבראכט פון אלעם גוטען, וועסט עפעס געהמען אין מויל, ווערען לעבעדיג און שפעטער וועסט דוא מיר פערריכטען מיינע פלודערין (הויזען) וועלכע איך האב פאלענדיג צעריסען...

— לאסט מיך שלאפען, פאטער! — האט זיך געהערט אפערשלאפענע פרויען שטימע — איך בין מיעד פון שווערען טאג ארבייט.

— לייג אוועק דיינע הענדעלאך, מיט דיא קינדישע מינעם — האט דער אלטער באז ערווידערט — דוא ווייסט דאך, דאס איך האב פיינד דיא קונצען, ווענן דוא וועסט ניט געהן מיט גוטען, וועסט דוא געהן מיט באזען!...

— איך — וועל — ניט — געהן — האט דאס פריילין געמורמעלט און זיך צוריקגעלייגט.

— באלד וועלען מיר זעהען, ווער שטארקער איז — האט דער אלטער געזאגט און דער פריילין, וויא אקליין קינד, אויף זיינע האנד אין זאל אריינגעטראגען.

— זיטץ, קליין מיידעלע, — האט ער טייפליש געשמייכעלט און איהר אויף אשטוהל געזעטצט — מיט מיר שפיעלט מען זיך ניט! אז איך זאג: געה, געהט מען, אויב ניט, טראגט מען...

אלע האבען זיך ביי דיא ווארטער שרעקליך פערנאנדערגעלאכט, און דאס בילד שאנע פריילין האט מיט דיא צארטע הענט איהרע בלויע מעלאנכאלישע גרויסע אויגען געריבען, גלייך וויא זיא וואלט זיך וועלען ערקונדיגען צוא איז זיא נאך, אדער עס איז נאר אטרוים (חלום).

(די יו"צ) מאטקע

מאמקע ! — האט דער בערוישטער סאלדאט בעפאהלען — עפען דעם רויטען האהן, מאך פול דיא כוסות אונ געלעבט !

מאמקע האט פינקטליך ערפילט זיין אנקעלס בעפעהל.

— ,חיים ! — האט דער ווירטה פרעהליך אויסגערופען אונ אלע דרייא האבען דיא גלאזליך אויפגעהויבען — וואס זיטצט דוא וויא א גולם ? — האט זיך דער אלטער שיכור צוא דער פערשלאפענער פריילין געווענדעט, זעהענד, דאס זיא בעריהרט ניט איהר גלאזעל — שטעהט דיר ניט אן מיט אונז צוא טרינקען ? ווילסט דוא נוארטען אויף כבוד ? ווייסט דוא דען ניט, אז ווען איך בין געוועזען בכוח דיך אריינצוטראגען, ווע, איך קענען אריינגיסען אין האלז ?

— רחלע ! מיין קאטצעלע ! מיין טייבעלע ! טרינק .... — האט מאמקע געבעטען, צוגעהענדיג צוא איהר — איך וועל דיך דער פאר האבען ליעב אונ דיר אויסקושען יעדעס ביינדעלע ... איך וועל דיר מארגען קויפען געלע טופלים, (שוהע) מיט אזאנטיק (שירם). טרינק, מיין נשמה !

זאגענדיג דיא ווארטער, האט ער איהר אליידענשאפטליכען קוש געטהאן.

— אוועק פון מיר, דוא ניעדערטראכטיגער שיכור ! — האט דאס פערשלאפענע פריילין אויסגעשריען, וועלכע האט זיך פון שלאף ערוואכט אונ זיך אויפגעשטעלט — אוועק דוא געמיינער יונג, דען איך וועל דיר מיט דער פלאש דיין פערדישען קאפ צושפאלטען !

זעהר שאן האט זיא אין דער פאזע אויסגעזעהען : איהרע דונקעל-בלאנדע לאנגע האאר נוארען אהן ארדענונג צושטרייעט, איהר בלאסעס קלארעס געזיכט האט א רויטע פארב בעקומען, איהרע גרויסע בלויע אויגען האבען געגליהעט, איהר שלאנקער קארפער האט שרעקליך געציטערט, אונ אבוואהל זיא נואר שוין א מאדכען פון עטליכע צוואנציג יאהר, דאך האט זיא זעהר רייצענד אונ פיעל יונגער אויסגעזעהען.

— אי, זיא נוארפט מיט דיא אונטערשטע פים וויא מיין איינאויגיגע אין זאמד !... — האט מאמקע אין א ביטערע ארראגיגע געזאגט — נוארט, קאטצעלע, ווערסט קליגער ווערען, וועסט מאמקען בעטען ער זאל מיט דיר חתונה האבען, נאר דעמאלס וועט ער ניט וועלען....

וועסט עס ניט דערלעבען — האט דאס פריילין ביטער געשמייכעלט אונ געוואלט געהן אין שלאפצימער.

— שטעה, דוא בעסטיע ! — האט חאנקע אויף איהר אויבער שטימעלע געשריען, זעהענד דאס אין דער שטרייט, איז איהר געליעבטער רויטער ליקער געפאלען אונ פערנאסען דעם גאנצען טישטוך —

וואוהין געהסט דוא ? האסט ווענינ געשלאפען ? דוא געזונד שטיק פלייש מיט אויגען ! איבערגעקערט זאל דיר ווערען דיא געהירען אין קאפ, וויא דוא האסט דיא פלאש איבערגעקערט ! אויסוואורף ! ממזר ! אזויא האנדעלט מען מיט מענשען ? וועסט גאר מאכען סקאנדאלען ? איין אויסרייסעניש, איין אויספליקעניש זאל אויף דיר קומען, בעסטיע !

— ערבארעמע דיך, מוטער, — האט דאס בלאסע פריילין מיט טרעהרען געבעטען — האב איך דען געגען דיר געזינדיגט ? דער גראבער יונג האט מיך בעליידיגט .... איך האס ....

— שטיל, צויג ! האט חאנקע געקוויטשעט אונ מיט איהרע פויסטען דער אונגליקליכער איבערין געזיכט געגעבען, דאס גאנצע שטראמען בלוט האט פון נאז געזעטצט, אויך דער אלטער האט זיינע האנד ניט פערלייגט אונ זיין אשת חיל געהאלפען, אויסער מאטקע, וועלכער האט ניט געקענט זעהען, וויא מען שלאגט זיין געליעבטע איז פון שטוב ענטלאפען.

— ווארט, ממזר ! וועסט שוין וויסען, ווער עלטער איז ! מען וועט דיך בינדען וויא א משוגענעם הונד, וועסט פגרן בייא מיר פאר א מוציא ברויט, וועסט געדענקען, דאס מיך רופט מען חאנקע דיא סאלדאטקע !

3.

אויף פאלשקייט שטייט דיא וועלט.

רייזקע, דיא שענקערין, זיטצט ביים שענק—טיש מיט א גראבען „קרבן מנחה" סידור אונ דאבינט גאנץ ערינסט. אפטמאל פערקרימט זיא איהר געזיכט, פערמאכט פעסט דיא אויגען, גלייך וויא זיא וואלט וועלען בעזיעגען דיא שלעכטע געדאנקען, דעם יצר־הרע, אונ ניט הערען דיא אונפערשטאנדליכע ווערטער, דאסווילדע געזאנג פון בעזויפטע בויערן, וועלכע זיטצען בייא א לאנגען טיש אונ פערברענגען מיט מאדאם „פלאשעל".

אונ עס איז קיין וואונדער : רייזקע איז ווירקליך איין עהרליכע יודינע, יעדען פריהמארגען, עס מעג דאנערען אונ בליטצען, מוז זיא פרום דאבנען אונ אבזאגען איהרע תחנות ; רייזקע דאבינט מנחה אונ

מערב, טראגט א שווערען פארוק, וואשט זיך און בענטשט, שטיטצט גוטע יודען, תלמידי חכמים א. ז. וו.

רייזקע איז אדיקע יודענע פון עטליכע פערציג יאהר: זיא איז עטוואס האבער פון איהר שענק־טיש, שאנע אויגען, א פול געזיכט, אויף וועלכען עס ליעגט, וויא דיא בוסאלקער יודען זאגען, „אסתר המלכה־ס חן". פון איהר שטוב געהט ארויס צדקה, ווער עס געהט אריין הונגעריג, געהט ארויס זאט, זיא ווייס ניט פון היינטיגע פאלשקייטען, וואס דאס מויל רעדט, דאס מיינט דאס הערץ, זיא גלויבט יעדען, זיא גלויבט, אז איהר מאן רבי פנחס בטלן, וואס טהוט קיין האנד אין קאלטעס וואסער, קען זיין דער גראסטער רב.... מיט איין ווארט: רייזקע איז א וואהרע יודישע טאכטער, אדער וויא היינטיגע לצני הדור דריקען זיך אויס: „א וואהרע כשרה בהמה"....

אלס רייזקע האט געענדיגט איהרע תחנות און אקוש געטהון דעם פייכטען פערפעצטען סידור, האט זיך דיא גלאזערנע שענק — טהיר געעפענט, און א ניעדעריגע אלטע פרויא איז אריין אין שענק, גוט מארגען, גוטע רייזקע, וואס מאכט איהר?

— איך דאנק אייך, ליעבע חאנקע, אלויב דעם בארעמהערציגען, מען לעבט. זיטצט, חאנקעלע, וואס פאר א גוטע נייעס העט איהר זאגען?

— וואס פאר א גוטע נייעס קען איך אייך, ליעבע רייזקעלע אומשטיינס געזאגט, זאגען? איך געה הערשט פון עטליכע קראנקע.. איך מוז זייא שאפען א ביסעלע געלד אויף רפואות, רופען אדאקטאר און גאט, וואס איז ארויף אין עולם (א רופא חולים), זאל זייא העלפען....

— אזויא פריה יאגט איהר זיך שוין געביך ארום צווישען דיא קראנקע? — האט רייזקע מיט א מיטלייד'ענדע טאן געפרעגט — אי, וואס פאר א כשר הערץ, וואס פאר א ערהליכע גאטספירכטיגע יודענע איהר זיינט! גלייבט מיר, איהר קויפט אייך עולם הבא.... איך וואלט מיר געוואונשען צוא האבען, איבער הונדערט און צוואנציג יאהר, אייערען א פערטעל גאנייידעם.... (גן עדן), נאר ווער קען זיך פערגלייכען צוא אייך? ווער טהוט נאך אזויא פיל גוטעס וויא איהר? אונזער שטאדט קען זיך בערימען מיט אייך, דען ווען ניט איהר, גאט ווייס, וואס עס וואלט געווארען מיט דיא ארעמע און קראנקע.... געהמט, חאנקע דעם רובעל.... איך וואלט אייך מעהר געגעבען, נאר דיא צייט איז זעהר שלעכט, מען לייזט ניט, גאט זאל פערבעסערען דיא יודישע פרנסות.

דער אלמאכטיגער זאל אייך געבען קויפעל קויפלאים... (כפל כפלים) — האט חאנקע מיט א פרומע מינע געענטפערט און דעם רובעל

שנעל בעהאלטען — דער שכר פון צדקה איז זעהר גרויס, וויא דער הייליגער שיינע רייגע (צאינה וראינה) זאגט: „צדקה דייציל למות"..... (וצדקה תציל ממות).

איהר טהוט זעהר פיעל, איך וואלט מיר ווינשען צוא האבען א העלפט פון אייערע מצות... גלייבט מיר, רייזקע, איך לויף ארום אויף דער אלטער מיט געשוואלענע פיס פון דער פריה ביז נאכט, עס מאכט זיך טאג, וואס קיין עסען קומט ניט אין מיין מויל, אבער מען איז אלעם ניט יוצא אונ יאגע טילעם יאקעל, (ואחרי ככלות הכל) געפינען זיך מענשען, וואס ריידען אויף מיר אוים דיא גאל... האטשע (אבוואהל) גאט ווייס דעם אמת, אז איך בין ריין פון א פרעמדען גראשען; (חוץ פון א רובעל.....) מיר איז נעביך בעשערט יאגמענם געפיש (עגמת נפש), עס זאל נאר זיין איין אבקומעניש פאר מיינע זינד.... אט, למשל, פון רחלען, קארג צרות האב איך פון איהר? אויף נאמנות, רייזקע, ווענן עס טרעפט אויף איין אנדערען, וואלט ער אייך דער פאר געווען דער גראסטער שונא.... אמת, אביסעל בין איך שולדיג, ווייל מיט עטליכע צוואנציג יאהר צוריק, ווען איהר האט מיך גערופען אונ מיר דערצאהלט, דאס מען האט אייך אין שענק א קינד אונטערגעווארפען, האב איך אליין געבעטען, ווייל ערשטענס, זיינט איהר געווען א מוטער פון קליינע קינדער אונ איך האב אויף אייך רחמנות געהאט, צווייטענס, האב איך עס געהאלטען פאר א גרויסע מצוה, אונ ווער זאל וויסען, אז איך וועל האבען אזויא פיעל צרות? יא, איך לייקען ניט, זיא קאסט אייך גענוג ביז היינטיגען טאג, אבער מיר קאסט זיא געזונד אונ לעבען....

— איך שלאג אייך איבער דיא רייד, איהר זאלט האבען נחת אונ פרייד — האט רייזקע ערווידערט — דאכט זיך, איך גיב אויף אלעס, וואס זיא דארף, ווייל איך ווייס, דאס איהר זיינט איין ארם מענש.... שוין פיעל מאל האב איך אייך געזאגט, אז איך וויל רחלען געהמען צוא מיר אונ איהר האלטען וויא איין אייגען קינד, האט איהר ניט געוואלט אונ מיר שטענדיג גיענטפערט, דאס איהר האט מורא רחל זאל ניט געוואר ווערען, אז איהר זיינט ניט איהר מוטער.... דאס איהר וועט אהן איהר ניט קענען לעבען, היינט וואס קענט איהר צוא מיר האבען? וואס פאר א נייעס איז בייא אייך דיא צייטען געווארען? נאך מיין מיינונג, איז רחלע אזעלטענע קינד מיט אלע מעלות: שאן, קלוג, גוטהערציג, א זעלטענע ווירטהען, אוואוילקענעווי־דיגע, איך האב איהר געלערענט בייא א לעהרער שרייבען אונ לעזען, גלויבט מיר, איך וואלט צופריעדענער געווען, ווען זיא זאל זיין בייא מיר. —

אנ͏געזונד (די יו"צ)

— א געזונד אין אייך, רייזקע! איהר ווייסט איינס אונ איך צוויי... אמת, זיא איז געראטען מיט אלע מעלות, נאר איהר גראסטער חסרון איז, וואס זיא ווייסט ניט איהר לאגע... צווישען אונז זאל עס בלייבען, זיא איז שוין א מאדעל פון עטליכע צוואנציג יאהר, ניט פון עהרליכע עלטערען... עס קען זיין, דאס זיא קומט גאר ארויס פון איך ווייס ניט וועמען, הייגט וואס איז מיט איהר דאס גרויסקייט? מיין מאן, האט איהר, ניט לאנג, געעדט א שידוך מיט זיין ברודערס זאהן, מאטקע, א בחור א גאלדשפינער, א פארשוין, זיא וואלט בייא איהם האבען א גאלדענע וועלט, אונ זיא ברעקעלט זיך נאך מיט איהם, איז עס ניט א הערצוויטאג? אז אמאדל זאל ניט וועלען פון קיין זאך וויסען....

— האט מיר ניט פעראיבעל, חאנקע, איך האב אייך שטענדיג פאר א קלוגע יודענע גערעכענט אונ דאס מאל רעדט איהר זעהר נאריש... קענען מיר דען רחלן בעשולדיגען דער פאר, וואס זיא ווייסט פון גאר ניט...? זיא האט זיך בייא אייך פון קינדדוויים אן ערצויגען אונ רעכענט אייך פאר עלטערען, מעג זיא וועלען א חתן, וועלכער זאל איהר געפעלען. — איך זאג אייך דעם אמת, מאטקע געפעלט מיר ניט... ער איז ניט פאר רחלען, זיא וועט קריגען א בעסערען חתן, מען דארף איהר ניט נאטהען, געווים וועט איהר גאט דעם רעכטען זיווג שיקען.

— לאנג לעבען זאלט איהר, רייזקע, וועט גאטה איהר רען? ווילסט ניט, דארף מען ניט... אבער זיא דריקט זיך, זיא עסט זיך אויף דאס הערץ, זיא איז שוין קראנק געווארען, זיא לייד אויף דעם הערצען...

שוין צווייא טאג, אז זיא ליעגט אין בעט... עס האט מיך שוין גענוג אבגעקאסט... איך שווער אייך, דאס בייא מיר געפינט זיך ניט אויף א פונט ברויט...

— וואס רעדט איהר, חאנקע! — האט רייזקע מיט שרעק אויסגערופען — רחלע איז קראנק? האט איהר ניט געקענט באלד קומען צוא מיר? וואו איז געוועזען אייער פערשטאנד? וויא האט איהר געקענט אזויא לאנג לאזען ליעגען דאס ארעמע קינד אהן אדאקטער?

— איך האב אייך ניט געוואלט איבערשרעקען — האט זיך חאנקע פערענטפערט — איך האב געקענט... איך האב גערופען לייבקע רופא, מען האט איהר געשטעלט באנקעס, א שפאנישע פליעג, ריצין אייל געגעבען, איהר אויסגעשמירט מיט עסיג, געקויפט א גוטע פלאש

אונגער־הויין , איך בין דיא צוויא נאכט פון איהר בעט א מינוט ניט אבגעטרעטען אונ , וואס נאך האב איך געקענט טהון ?

— געהט אהיים — האט רייזקע געריהרט געזאגט אונ חאנקען אבערמאלס איינינע רובעל געגעבין — איך וועלל באלד זיין ביא אייך מיט א דאקטער . . .

חאנקע האט דיא עטליבע פרישע רובעל אין קעשענע בעהאלטען , אונ זאגענדיג „א גוטען טאג" איז זיא ארויס פון שענק .

— דיא קוה לאזט זיך מעלקען . . . — האט דיא אלטע גבאיטע אונ קהל פערזארגערקע צוא זיך געזאגט , אלס זיא וואר שוין ווייט פון שענק — איך מוז פליהען א היים אונ לייגען דער געזונדטער מויד אין בעט . . . . מיט היינטיגע מענשען דארף מען וויסען וויא זיך צוא בעגעהן . . . . „איין עהרליך לעבען א שווער לעבען" האט מיר מיין מוטער שטענדיג געזאגט . . . . היינט איז הימעל אונ ערד אונ שווינדעל . . . . אויף פאלשקייט שטעהט דיא וועלט . . . . .

4.

דאס ארעמע קינד .

זעהר טרויעריג , ניעדערגעשלאגען זיטצט אונזער בעקאנטע רחל חאנקעס אין איהר פערשטיקטען דונקעלען זאל אונ לעזט א יודישען בוך , וועלכען א בעקאנטער האט איהר געליהען . קנואלען טרעהרען פליסען פון איהרע שאנע אויגען אונ פאלען אויף איהר בלאסעם מעלאנכאלישעם געזיכט ; אפטמאל לייגט זיא אוועק דאס בוך אונ רעדט דיא ווערטער צוא זיך : א , וויא עלענד , אונגליקליך איך בין ! מיינע פאנאטישע עלטערען ליעבען מיך , וויא דיא אפפען (מאלפעס) זייערע קינדער , וועלכע דריקען זייא צוא שטארק , ביז זייא ווערען דער שטיקט . . . . קיין פונק פון מיטלייד , קיין טרייש אפט פון וואהרע עלטערען . . . . זייא בעהאנדלען מיך ערגער וויא א דיענסט , זייא שטיקען אונ דריקען מיך גאר אונערבארעמליך , זייא פערביטערען

מיין יונגענד, פערגיסען מיין בלוט וויא וואסער, שלאגען מיך אהנע ערבארמונג אונ פאר וואס? פאר וועןְ? פון קינדהייט אן ארבייט איך שווער, איך געה, איך וואש, איך קער, איך רוים, איך שטריק, איך בין א דיענסט אין שטוב אונ וואס פלאגען מיך זויא פיעל? זייא ווילען מיך פערקויפען פאר עטליכע הונדערט רובעל צוא מאטקע שיכור, וועלכען איך האס וויא דעם טויט.... אָ, וויא ניעדעריג, וויא גרויזאם זייא האנדלען געגען מיר! אבער וויא נאריש איך בין! איז דען מעגליך? איז מעגליך, דאס עלטערען זאלען וועלען פערקויפען זייער אייגען קינד צוא א באנדיט, א גנב? האב איך דען ניט געהערט זייער נאכטיגען ניעדעריגען געשפרעך? איך האב עס ניט געוואלט גלויבען, אבער איך מוז גלויבען.... שוין פיעל מאל האב איך זייא געהערט שטיל ריידען דיא אונפערשטאנדליכע ווארטער „א פרעמדעס אונטערגעווארפענעס קינד".... „רייזקע דיא שענקערין".... זאל איך ניט קלערען, דאס דיא ווערטער געהערען מיר...? אונ פאר וואס טהוט דיא גוטע רייזקע מיט מיר זויא פיעל גוטעס? זייט איך געדענק, קליידעט זיא מיך, זיא האט מיינע לעהרער געצאהלט, זיא בעהאנדעלט מיך אימער וויא א צארטליכע טרייע מוטער, זאל איך זאגען דאס איך בין איהר.... אָ, איך קען עס פאר מיין מויל ניט ברענגען! מיין קאפ ווערד צושפאלטען קלערענדיג.... אונ, וואס טהוט מען? זאל איך מיין הערץ עפענען פאר מיין איינציגען פריינד בן ציון? אבער ניין! איך שעהם מיך, איך טאהר עס ניט... ער וועט דאן מיך פעראכטען, ער וועט ניט וועלען מעהר מיט מיר פערברענגען, דען אלע ענטלויפען פון איין אונגליקליכען, איך מוז שווייגען אונ דריקען אין זיך ביז דאס הערץ וועט פלאטצען... איך וויל ניט פער-לירען מיין איינציגען פריינד, פאר וועלכען איך קען א מאל מיין ביטער הערץ אויסריידען, בעזאנדערס, וויא קען איך א פרעמדען מענשען פערשאפען אומזיסטע קראנקונג? פעהלט איהם דען זיינע? שוין באלד דרייא מאנאטען זיטצט ער אין בוסאלק אהן איין שטעלע; יעדען טאג לויפט ער צוא מיין.... צוא מיין מוטער, וועלכער ער האט דיא לעטצטע קאפיקע אבגעגעבען אונ ביז יעטצט האט זיא פאר איהם קיין שטעלע אויסגעזוכט.... זיינע אלטע עלטערן האט מען פון דארף ארויסגעטריבען אונ פאהרען ארום פון שטאדט צוא שטאדט, זוכען א שטיקעלע ברויט, היינט וויא קען איך איהם געבען א צוגאבע מיינע ליידען?

אָ, ווען ער זאל וויסען דאס שטורמען, דאס רוישען פון מיינעם הערצען! מיין בלוט קאכט אונ זיד וויא דיא וועלען (שטראמען) פון מעער!

זייט איך האב מיך מיט איהם בעקאנט, בעלעבט מיך אהייליגער געפיהל, וועלכעס איך ווייס זעלבסט ניט וויא אן צוא רופען...... א, וויא מילד, וויא אדעל, וויא גוטהערציג ער איז! אונ וויא געטרייא ער איז מיר! ניט איין מאל האב איך בעמערקט אין זיינע אויגען ברילליאנטענע טרעהרען, אלס איך האב איהם פון מיין טרויעריגער לאגע ערצאהלט... אי, טיעף אין מיין הערצען...

רחלע האט ניט גיענדיגט איהרע ווארטער, דען זיא האט פלוטצלונג געהערט קלאפען אין טהיר.

— ווער איז דארט? — האט רחלע אונרוהיג געפרעגט.

— קען מען יעטצט, פריילין ראחיל, אריינגעהי? — האט זיך פון יענער זייט טהיר געהערט א מילדע מאננערשטימע.

— ביטע, הערר רייז! — האט רחלע, רויטווערענדיג וויא א בלומע, געזאגט אונ דיא טהיר אויפגעשלאסען — אי, וואס פאר א טהייערער אונערוואַרטעטער גאסט — האט רחלע מילד געשמייכעלט אונ דעם רייצענדען יונגען מאנס האנד געדריקט אלס ער וואר שוין אין זאל— זיצט, הערר רייז, געוויס האט איהר מיר גוטע נייעס געבראכט' איך לעז עס אויף אייער געזיכט....

— איהר האט געטראפען, טהייערע ראחיל, איך דאנק אייך פאר אייער טרייאשאפט. וויא עס זעהט אויס, בין איך בייא אייך אימער א גאסט, אבוואהל איך בין דא, דאכט זיך, יעדען טאג...

— א זעלבע גאסט זיינען אימער אנגענאהם — האט רחלע, אראפ־לאזענדיג איהרע שאנע אויגען, שטיל געאנטווארטעט.

— אי, וויא גוט איהר זיינט, ליעבע ראחיל! — האט דער שאנער יונגער מאן גערידהרט אויסגערופען — נאר זאגט מיר, מיין פריינדין, ווארום זיינען אייערע אויגען פערוויינט? איך זעה נאך זאגאר גאנץ פרישע טרעהרען אויף אייער געזיכט.

— איך האב געלעזען אייער ראמאן, וועלכען איהר האט מיר געסטערען געבראכט. דער טאלאנטפאלער, בעגאבטער יודישער פערפאסער, האט מיט זיינע לעבעדיגע בילדער, וועלכע שפיגלען אב דעם לעבען, מיט זיין זיסער שפראכע, בייא מיר פיעל טרעהרען ארויס־געריסען, וועלכע האבען אראפגעקייקעלט גרויסע שטיינער פון מיינעם הערצען....

צווייא קלארע טרעהרען האבען זיך אין בן ציונס שאנע אויגען געשטעלט.

בן ציון רייז, איז אונגעפאהר דרייא אונ צוואנציג יאהר אלט,

פון הויבען וואוקס, פעסט געבויעט, זיינע געזיכטציגע זיינען סימפאטיש אונ זעהר צוציהענד, זיינע אויגען, אויך זיינע האאר זיינען עבּם שווארץ; אין דעם ערשטען אויגענבליק קען מען ערקענען, דאס ער איז א טיכטיגער ארבייטס קערעל אונ איז ערצויגען געווארען אונטער דער פרישער נאטור.

דער יונגער רייז, האט זיך ערצויגען ביא זיינע אלטע עלטערען, וועלכע ווארען פארמער (אקער בויער) אין דארף לוק, יעקעווער גובערניע, וואו מען האט זיא אין דער לעטצטער צייט ניט ערלויבט צוא וואהנען, אונ צוליעב דעם איז ער געקומען אין בוסאלק זוכען א בעשעפטיגונג.

בן ציון איז א טיכטיגער א גראנאם, אויך ניט וועניג געבילדעט, ביא זיינע עלטערען, וועלכע האבען געהאלטען דיא ליקער פראפינאציע אויך פעלדער, נאר ער דער גאנצער געשעפטפיהרער אונ פאר זייער רובעל וואלט ער זיך געאפפערט, ליידער, האט ער שוין דרייא מאנאטען פון זיינע פערטריבענע עלטערען קיין בריעף ערהאלטען אונ פלאגט זיך דיא גאנצע צייט אין בוסאלק אהן איין שטעלע. — דאך האט ער זיין מוטה אונ ענערגיע ניט פערלארען, דען ער וואר א מענש פון פעסטען כאראקטער אונ געזונדטען פערשטאנד. צוא דער מעקלערקע אונ יתומים פערזארגערקע, האנקע, איז יעדען טאג געגאנגען, מיט דער האפנונג, פיליייכט האט זיא שוין פאר איהם א שטעלע געפונען, וואו ער האט זיך בעקאנט מיט דער שטילער רחלן, וועלכע האט אויף איהם א שטארקען איינדריק געמאכט אונ עס האט איהם וויא א מאגנעט אין שטוב געצויגען.

— יא, ליעבע ראחיל, — האט דער יונגערמאן געזאגט — א גוטעס בוך מאכט איין איינדריק אויף א מענשען, דאס טרייסט איהם, דאס בילדעט איהם, עס ברענגט מאנכעס מאל ארויס הייסע טרעהרען, וועלכע זיינען וויא א באלזאם צום הערצין, ליידער, האבען מיר אין דעם ארעמען זשארגאן וועניג א זעלכע טאלאנטפאלע בעגאבטע שריפטשטעלער, אונ צום בעוואונדערען, זיינען דעם יודישען, אלעקסאנדער דיומא, בעפאלען געמיינע שרייבערלאך, קליינע ווארמלאך, וועלכע האבען געשריען, דאס זיינע ראמאנען פערניפטען יודישע קינדער אונ געראטהען, דאס מען זאל נאר זייערע לומפיגע ווערק לעזען, ... יא, ראחיל, דאס איינע קען ערוארטען א יודישער שרייבער פאר זיין שווערער ארבייט! נאר מיר וועלען וועגען דעם אין איין אנדערע צייט ריידען, זאגט מיר, פריינדין, וואו איז אייער מוטער?

— זיא איז צוא א בעקאנטע פרויא געגאנגען, דארפען זיא איהר?

— איך האב איהר געוואלט א גוטע נאכריכט איבערגעבען

— איז עס פאר מיר א געהיימניסע? דארף איך עס ניט וויסען?

— אין געגענטהייל, איך קען אייך דיא גוטע נייעס ערצאהלען, וועלכע איז בעלאנגען מיין אייגענער פערזאן.

— גוטע נייעס פון א וואהרען פריינד, בין איך אימער נייגעריג צוא הערען.

— מיין בעסטען דאנק, ליעבע ראחיל, וואס איהר צאהלט מיך צווישען אייערע וואהרע פריינד.... א הערץ פיהלט א הערץ... איך האבע היינטע פון מיינע ליעבע עלטערען א פרייליכען בריעף ערהאלטען, וועלכע בענאכריכטען מיר, דאס זייא האבען, דאנקען גאט, בייא א פאלנישען גוטסבעזיטצער אין ליווקע דיא פריפאנאציע אויף פעלדער געדונגען, אויך האבען זייא מיר אויף רייזע־קאסטען הונדערט רובעל געשיקט, זעלבסט פערשטאנדליך, דאס איך מוז גלייך צוא זייא פאהרען, דען אויסער מיר האבען זייא דא קיינע קינדער.

פון מיין עלטערען ברודער, שמואל, וועלכער וואהנט אין אמעריקא, האבען מיר שוין לאנג ניט געהערט און קיינע שוועסטער האב איך ניט.

— ווען דענקט איהר, הערר רייז, צוא פאהרען? — האט רחלע מיט טרעהרען געפרעגט און שרעקליך בלאס געווארען.

— היינט אבענד... אבער וואס וויינט איהר? ווארום זיינט איהר, ראחיל, זויא בלאס געווארען?

— אלעס — פער—לא—רען! — האט רחלע געשטאמעלט און מיט ביידע האנד איהר בלאסעס געזיכט פערשטעלט — עלענד בין איך וויא א שטיין... ניטא פאר וועמען מיין ביטער הערץ עפענען... א, וויא אונגליקליך איך בין!

— בערוהיגט אייך, טהייערע ראחיל, — האט רייז מיט א פערשטיקטער שטימע געזאגט, געהמענדיג רחלס ציטערענדע האנד, וועלכע ער האט שטארק געדריקט — בעפאהלט מיר, וואס זאל איך טהון פאר אייך, איך בין אימער בערייט פאר אייך זיך צוא אפפערען און לויפען אין פייער.... זאגט מיר, מיט וואס קען איך אייער לאגע פער־בעסערען?

— איך דאנק אייך, גוטער מענש, פאר אייער הייסע טהייל־נאהמע — האט רחלע מיט טרעהרען געענטפערט — אבער קיינער קען מיר ניט ארויסהעלפען פון מיין גרויזאמער נויטה, פון דיעזע לעווענ־גראב....

איך האב היינט מיין לעטצטע טרייסט אונ האפענונג פערלארען, איך ערווארטע מיין גיכע ענדע....

— רחלע! — האט דער יונגער מענש גערידט אויסגערופען — רעדט ניט א זעלכע ווארטער, וועלכע קענען לעבערען א מענשען הערץ! איך ווייס אלעס... איך פיהל אייער לאגע, מיין הערץ ווערד צו־פלאטצט, דאס איך קען ניט אבפאהרען פון היער, ביז איך וועל אייך ניט בערוהיגען....

הערט, ראחיל! איך ווייס, וויא טיראניש אייערע עלטערען האנדלען געגען אייך! זייא קען מען פערגלייכען צוא אמאליגע געצענ־דיענער, וועלכע האבען זייערע קינדער געאפפערט צום אבגאט „מלך"... ענטלויפט פון זייא! רעטעט אייך! איהר וועט עס ניט בערייהען, איך גלויב, דאס ענטוועדער אייערע עלטערען זייגען דיא ערשטע פער־דארבענע מענשען אויף גאטעס וועלט, אדער זייא זייגען ניט אייערע נאהרע....

דער אויפגערעגטער רייז האט ניט געענדיגט דאס ווארט, „עלטערען" אום ניט צוא פערשעהמען דער אונגליקליכער רחלן.

דאך איז דיא אונגליקליכע פון זיינע לעטצטע ווארטער שרעקליך בלאס געווארען, דאס זיא וואר איניגע מינוטען ניט אים שטאנדע א ווארט אויס צוא ריידען.

— וואוהין זאל איך ענטלויפען פון מיין גרויזאמען אונגליק — האט רחלע, נאך א לאנגען שטיל שווייגען געיאמערט — איך בין נאך ניעמאלס פון שטוב ניט ארויס, איך האב נאך אין מיין לעבען, אויסער אייך, קיין מענש ניט געזעהן אונ ווער וועט זיך וועגען מיר, אונגליקליכע, אינטערעסירען? בייא מיינע עלטערען קען איך ניט זיין, קיין גוטע ארבייט האט מען מיך ניט געלערענט, אדיענסט איז מיר שווער צוא זיין, איך קען עס זיך ניט ערלויבען, אונ וואס טהוט מען?

— פאר אייך שטעהט א מענש, וועלכער וויל אייך נעהמען אונטער זיין שוטץ אונ אייך היטען וויא דאס שווארצ־אפפעל פון אויג, וויא זיין אייגען לעבען — האט בן ציון, ווישענד זיינע טרעהרען, געזאגט — פאר אייך שטעהט א מאנן, וועלכער איז בערייט זיך צוא אפפערען פאר אייך אונ וויל אייך נעהמען אונטער זיינע פליגעל, מיט וועלכע ער וועט אייך עוויג בעשיטצען, וויא דער אדלער זיינע יונגע קינדער! רחלע! פון דער ערשטער מינוט, וואס איך האבע אייער מוטערס הויז בעטרעטען. האט זיך אייער מילדעס געשטאלט טיעף אין מיינעם הערצען איינגעפלאנצט אונ פון דאן אן פיהל איך, דאס אהן אייך

װעל איך עװיג אונגליקליך זיין ! ענטזאגט מיר ניט , ליעבע ראחיל ! אנטװארטעט מיר : װילט איהר מיין לעבענס בעגלייטערין זיין ?

— בן ציון ! — האט דאס ארעמע קינד אויס געשריען אונ אין איהר שיטצערס אפענע ארמען געפאלען — מיין איינציגער פריינד אונד שיטצער ! איך פיהל װיא טרייא דוא ביזט מיר ! דיינע בין איך אויף עװיג ! מיט דיר בין איך בריט צוא פאהרען אין ענדע דער װעלט ! פערלאס מיך ניט, בן ציון !

איינינע מינוטען זיינען דיא יונגע בעגייסטערטע מענשען אונבעװעגט, װיא איין קארפער, געשטאנען , זייא װארען װיא איינגעקלאמערט , ביידענס הערצער האבען מאכטיג געקלאפט אונ אויף זייער הערצענס שפראכע פיעל גערעדט , װעלכעס מען קען מיט קיין פעדער אויס דריקען , ענדליך , װעןביידע האבען זיך עטװאס בערוהיגט , האט בן ציון מונטער געזאגט :

— דער היינטיגער טאג איז איינער פון דיא גליקליכסטע אין אונזער לעבען , ליעבע טהייערע רחלע ! מעהר װיא היינטיגען טאג װעסט דוא ניט ליידען ; מארגען װעלען מיר שוין זיין אין א רוהיגערען ארט , װאו מען װעט דיך װיא איין איינציג קינד בעהאנדלען , צום װידערזעהן , געליבטע מיינע ! הייטע אבענד 12 אוהר װע, איך דיך אויף דער שטראסע מיט א פערמאכטען עקיפאזש ערװארטען...זעה , מיין טהייערע , זייא פארזיכטיג . —

אבערמאלס האבען זיך דיא יונגע מענשען אומגעארמעט , אונ דער איבערגליקליכער בן ציון האט מיט א קלאפענדעס הערץ , פול מיט הימעלישע פריידען דאס צימער פערשלאסען . —

— איך דאנק דיר , גרויסער גאט ! א , װיא גליקליך איך בין ! — האט , נאך בן ציונס אװעקגעהן , מיט פריידענטרעהרען אויסגערופען , דאס ארעמע קינד . —

5.

גוט בעצאהלט.

פערטיעפט אין זיסע געדאנקען , איז רחלע , נאך רייזס אװעקגעהען געזעסען , דאס ערשטע מאהל אין איהר גאנץ לעבען האט זיא א זעלבע רימלישע פערגעניגען געפיהללט ; איהר פערגיפטעטעס הערץ .

פלוטצלונג געהיילט געווארען; אין איהר פאנטאזיע האבען זיך געמאלט גאטליכע בילדער פון איהר גליקליכער צוקונפט, דאך האט איהר אפט מאל א שטאך געטהון אין הערצען, ערמאנענדיג זיך, דאס באלד וועט זיא זיך מוזען שיידען מיט דיא מענשען, מיט וועלכע זיא האט איבער צוואנציג יאהר צוזאמען געלעבט. גאר באלד האט זיך פאר איהרע אויגען געשטעלט דאס מילדע געשטאלט פון איהר איינציגען פריינד, וועלכעס האט איהר געמאכט אלעס פערגעסען; וויא איין ענגעל-מוזיק, האט געקלונגען אין איהרע אויערן זיינע מילדע ווערטער, אונ זיא איז געשוואומען אין א ים פון זיסע פאנטאזיען. —

ווער ווייס, וויא לאנג זיא וואלט אזויא פערטראכט געזעסען, ווען זיא וואלט ניט ערהערען שווערע טריט אויף דיא שטיגען.

קוים האט רחל'ע זיך ערוואכט אונ געוואלט געהן צוא דער טהיר, וועלכע זיא האט, נאך רייזס בעזוך, פערגעסען צוא פערשליסען, איז שוין פאר איהרע אויגען געשטאנען אונזער בעקאנטער מאטקע, מיט זיינע צוויא רויטע אויגען, וועלכע האבען געפינקעלט וויא בייא א טיגער.

— א גוטער מארגען, מיין נשמה! — האט ער מיט א הייזעריגע שטימע געזאגט אונ פון זיין מויל האט זיך געהערט א גערוך פון בראנטוויין —

וואס מאכסט דוא, מיין קאטצעלע? ביזט דוא שוין ניט בעז? ביזט דוא שוין קליגער געווארען אונ פערשטעהסט, דאס איך מיין דיין טובה...?

— ניט זויא גיך ווערד מען קלוג... — האט רחל'ע מיט א געצוואונגענעם שמייכעל געענטפערט, אבוואהל איהר הערץ האט פון שרעק מאכטיג געקלאפט — א נאר, זאגט דיא וועלט, איז איין עוויגער קראנקער.... אונ איך וועל אויך דער עוויגער נאר בלייבען אונ קיין מאל ניט פערשטעהן דיינע טובות מיט דיינע רייד.... איך בעט דיך, מאטקע, לאס מיך צוא רוה, איך בין איינע אליין אין שטוב אונ וויל יעטצט דיינע ווערטער ניט הערען....

— רחל'ע! מיין הארץ, מיין גאלד, מיין לעבען, איך דאנק גאט וואס קיינער איז ניטא אין שטוב אונ איך קען מיט דיר אפען ריידען... זאג מיר, טייבעלע, פאר וואס ווילסט דוא ניט מיט מיר התונה האבען? בין איך דען ניט א שאנער יונג? וואס פעהלט מיר? דאכצאך מיין פנים איז גענוג רויט פארביג, מיינע אויגען זעהען באכשעם (ברוך השם) אפילו אין מיטען נאכט... מיין נאז שטעהט ניט אין א זייט, נאר וויא בייא אלע מענשען; מיינע האאר גלאנצען, וויא בייא מיין גניאדער איינאויגער שקאפע (רויט פערד), מיינע פיס

זייגען וויא אייזען, מיט מיינע האנד הייב איך אויף א וואגען פון הונדערט פוד, געלויבט שיינעס בחור (השי"ת) איך האב ניט קיין איין חסרון.... איך פערדיען מעהר פון אלע באלע גולעס, (בעלי עגלות), עס איז הערשט צעהן א זייגער אונ איך האב שוין מיט מיין קליאטשע א פאלטיניק (א האלבען רובעל) פערדיענט.... ביז נאכט וועט געוויס זיין דרייא קארבאוניצעס (רובעל) וויא דיא שפאנער, הייגט זאג מיר, טרייסטעלע, נוארום ווילסט דוא ניט ווערען מיין כלה? איז דען דיר דא אזויא גוט? דוא וועסט בייא מיר לעבען וויא גאט אין אדעסס, איך וועל דיר דינגען א בעזונדערען אלקער, (צימער) איך וועל אריינשטעלען צוויא גניאדע (רויטע) בעטען מיט א קארען (שווארצען) טיש · וואס איך וועל פערדיענען, וועל איך דיר אוועק געבען.... איך וועל זיך גאר איבערלאזען אויף א טרונק בראנפען מיט איין אכטעל טאבאק. וועסט ניט האבען קיין ארבייט, גאר אבקאכען דעם אנבייסען מיט וועטשערע, (מיטאג, אבענד-ברויט) ווייטער מעגסט דוא דיך איבערקערען, שלאגען קאפ אין וואנד, וועט ניט זיין מיין געשעפט.... א חלעבען, רחלע, בערעבען זיך, עס איז פאר דיר א גליק.

— איך האב שוין פון לאנג בערעבענט, אז איך בין ניט פאר דיר — האט רחל באז געזאגט — דיינע רעכענונגען האב איך שוין ניט איין מאל געהערט, איך לאס איבער דעם גליק פאר א צווייטע.... איך בעט דיך, מאטקע, מיט גוטען, שלאג זיך ארויס פון קאפ דיין איינרעדעניש, געה זיך געזונדטערהייט אונ זוך איין אנדערע כלה, מיט וועלכער דוא וועסט גליקליכער זיין, אלס מיט מיר.

— נאר מיט דיר, מיין קריינעלע, וועל איך גליקליך זיין! האט מאטקע הייס ערוויעדערט אונ רחלן אין זיינע אייזערנע ארמען איינגעשלאסען — איך דארף ניט זוכען קיין אנדערע כלה.... נאר דוא מוזט זיין מיינע! מיינע ביז הונדערט אונ צוואנציג יאהר!

בייא דיא ווארטער האט ער רחלס בלאסעס געזיכט מיט לידענ-שאפטליכע הייסע קושע בעשאטען.

— זאלסט מיך פרייא לאסען, מערדער! — האט רחלע פער-צווייפעלט געשריען אונ זיך פון זיינע געזונדטע האנד געריסען — זאנסט וועט זיך דיא גאנצע גאס צונאנדלויפען, שיכור! פער-דארבענער יונג!

— נאך איין ביסעלע, מיין נשמה, — האט מאטקע געבעטען אונ זיך צוריק צוא זיין ערשטער ארבייט גענומען — נאך איין קוש.... א, עס קומט מיר צוא געזונד.... אבער א א א....! וואס בייסט דוא וויא מיין אייגאוויגע! עס טהוט דאך וועה.... דוא וועסט

 מיר

מיר מאכען בלויע צייכען .... איך וועל ניט מעגען רידען מיט דיא האנד .... רחל! וואס טהוט זיך מיט דיר!

אונ ווירקליך האט רחל ניט געוואוסט, וואס עס טהוט זיך מיט איהר: וויא איינע פערצווייפעלטע העלדין, האט זיא גענען דעם געזונטען קערעל געשטריטען אונ איהם דיא האנד, דאס געזיכט געביסען, ענדליך, נאך א שווערען קאמפף, האט איהר דאך געלונגען זיך פון זיינע אייזערנע האנד לויז צוא מאכען אונ מיט איהר גאנצער קראפט האט זיא איהם מיט דער שווערער טיש לאמפע זויא שטארק איבערן קאפ געגעבען, דאס עס האט א שפראץ געטהון בלוט וויא פון איין פאנטאן.

באלד איז רחל האסטיג אריינגעלאפען אין איהר שלאפצימער, וועלכען זיא האט שנעל פערשלאסען.

— בעסטיע! אויסגעלאסענע מויד! — האט דער פערוואונדעטער אבם געברילט אונ דיא בעוואוסטע ברכה געמאכט — עפען, קאנאליא, אויב ניט, צוברעך איך דיא טהיר אונ דוא וועסט פערן אונטער מיינע האנד!

קיין אנטוואורט האט זיך געהערט. דאס האט דעם גערייצטען מאטקע נאך מעהר ראזענד געמאכט, אונ וויא א בלוטגיעריגער טיגער, האט ער זיך מיט זיין גאנצען קראפט אויף דער שוואכע טהיר געווארפען, וועלכע האט געקנאקט אונטער זיינע הענד אונ זיך באלד נאכגעגעבען, צום גליק, האט זיך אין דער מינוט דיא טהיר געעפינט, אונ האנקע איז אריין אין צימער.

— וואס איז דאס פאר א נייעס? — האט חאנקע ערשטוינט געפרעגט, זעהענד וויא דער צובלוטיגטער מאטקע ברעכט דיא טהיר — ביזט דוא משוגע אדער שיכור?

— לאזט מיך! — האט דער בעליידיגטער חתן ווילד געשריען — לאזט מיך איך וועל דער קליאטשע (פערד) דער שטיקען! איהר בלוט מוז איך זעהען! בבל.וט!

— בערוהיג זיך, מאטקע, — האט חאנקע געבעטען אונ איהם פאר דיא הענד גענומען — ערצאהל מיר, וואס איז דא געוועזן?

— ארוה אין איהר הערצען! — האט מאטקע געוויטהעט אונ אבגעלאזט דיא טהיר — איך האב איהר מיט גוטען געבעטען, זיא זאל מיין כלה ווערען אונ זיא האט מיר מיט דער לאמפע איבערן קאפ געגעבען, דאס איך וועל דארפען קראנקען עטליכע וואכען ....

— דאס וועט איהר ניט געשוויגען ווערען .... — האט איהם דיא טרייע מומע בערוהיגט אונ א טייפלישער שמייכעל האט זיך אויף איהרע בלויע ליפען געוויזען — נור איך בעט דיך, מאטקע, זאלסט א צונד ניט מאכען קיין לייטישע געלאכטער, ווייל א פרעמדער מענש דארף באלד

אהער קומען.... זייא זיבער, דאס זיא וועט קריגען געגוג.... זיא וועט אייך שפעטער פון דיינע האנד ניט ענטלויפען.

— ניין מומע! דאס וועט איהר ביא מיר ניט פועלן. איך האב ליעב צוא בעצאהלען באלד אויפ'ן ארט.... מיט מיר האט אמאל דער רבי געלערענט: אריין, איז ארויס אונ שוין איז שוין.... (עין תחת עין, שן תחת שן)!

— טהוא מיר צוליב, מאמקע, — האט חאנקע פעסט געוויינט — האב רחמנות אויף מיר! מאך מיך ניט אונגליקליך. געה צוגד אוועק דוא וועסט איהר שפעטער בעצאהלען, וויא פיעל דיין הערץ וועט געלוס־טען, אונ איהר ברענגען דיא זייטען, אז זיא זאל עטליכע וואכען קראנק ליגען....

— שווערט, מומע, דאס איהר וועט שפעטערווארט האלטען.

— וויא איך בין אידישע טאכטער — האט חאנקע געשווארען אונ איהר מאגערע האנד צום הערצען צוגעלייגט — אויף מיינע היילינע נאמנות....

— צוגד (יעצט) גלויב איך אייך — האט מאמקע שוין רוהיגער געזאגט — בינט מיר צוא מיט עפעס דעם קאפ, געה איך באלד אוועק... א, ארוה אין איהר.... זיא האט מיר גוט בעצאהלט....

6.

דיא געמאכטע קראנקע.

— עפען, אויס געלאסענע מויד! — האט חאנקע בעז געשריען, אלס מאמקע איז אוועק געגאנגען — עפען, א מיתה משונה זאלסט דוא איינגעהמען, ממזרת! כל בוניצע!

— האב מיטלייד! — האט זיך פון שלאפצימער א וויינענדע שטימע געהערט אונ באלד האט זיך דיא טהיר אויפגעשלאסען.

— איך בין אונשולדיג! — האט רחל פאלענדיג אויף חאנקעס האלדז, ביטער געיאמערט — ער האט מיך געוואלט.....

— א וועק פון מיר, בעסטיע! — האט דיא כאראקטערלאזע נבאיטע געדאנערט אונ דער אונגליקליכער אזא פאטש געגעבען, דאס רחלס ציין האבען געקלונגען — וועסט נאר מאכען סקאנדאלען ביא מיר אין שטוב? וועסט ווארפען מיט לאמפען? עס וועט דיר ווארפען דיא ציין פון מויל, דאס ניי־יאהריגע קדחת!

— מוטער! איך בין איינע אליין געוועזן אין שטוב — האט זיך רחלע מיט בלוטיגע טרערען פערענטפערט — איך האב זיך געמוזט פערטהיידיגען ....

— איך וויל ניט הערען דיין שמיידיגען און פריידיגען .... פון מייגעט וועגען, ווען דוא ווילסט ניט מאטקען, זויא האב התונה מיט דעם מלאך המות, נאר דאס וויל איך: זאלסט גלייך זיך אויסטהון און לייגען אין בעט .... הערסט? אבער דיא מינוט!

— איך בין דאך הערשט אויפגעשטאנען? — האט רחלע אונשולדיג געפרעגט — צוא וואס זאל איך זיך צוריק לייגען, וואהרענד איך האב אזויא פיעל ארבייט?

— איך וויל אזויא! — האט האנקע אויף איהר איבערשטימעלע געשריען — באלד וועט קומען רייזקע דיא שענקערין מיט א דאקטער .... פערבינד דיין קאפ .... זאלסט זיפצען און קראכצען .... זאלסט זאגען, אז דאס הערץ טהוט דיר וויא .... עס האט זיך דיר פון האלז בלוט געוויזען .... הערסט?

— ווילסט דוא איך זאל זיך קראנק מאכען? — האט רחלע ערשטוינט געזאגט און איהר קארפער האט פיבערליך געציטערט — ווילסט דוא איך זאל נארען גאט און לייט? וועט דען דער דאקטער ניט ערקענען, דאס איך בין פאלקאם געזונד? איך וועל דאך דיא שאנדע ניט אריבערטראגען .... בעזאנדערס, וואס פאר א נוטצען קענסט דוא דער פון האבען, ווענן איך וועלל זויא גיעדעריג געגען דער גוטער רייזקען האנדלען?

פרעג ניט דייגע קלאין קשיות! — האט האנקע קריצענדיג מיט דיא ציין, באז אויסגערופען — זאלסט זיך גלייך אויסטהון און אריינגעהן אין בעט, אויב דוא ווילסט לעבען און ניט לייזען פרישע פייערינע פעטש.... גע־שווינד, ריהר זיך, דען זיא וועט באלד קומען!

ביא דיא ווארטער, האט איהר האנקע מיט אלע קראפטען אויף דעם בעט געזעטצט און גענומען אויסטהון רחלס קליידער.

— מוטער! — האט דיא אונגליקליכע וויא אקליין קינד געוויינט און זיך וויא א שלאנג געוואָרפען — איך וועל עס ניט אריבערטראגען, איך קען ניט .... אלס קינד האסט דוא מיך אין פרעמדע הייזער געשיקט .... אין אנפאנג האב איך געבעטעלט, שפעטער האסט דוא מיך געלערענט איך זאל אליין נעהמען .... איך האב דיר פרעמדע זאכען, פרעמדע פערמאג גע־בראכט .... ניט איין מאל האב איך געקענט אריינפאלען אין ציכטהויז, (אסטראג), נאר איך האב דאן ניט פערשטאנען, אבער יעטצט, ביא דיא יאהרען, ווילסט דוא איך זאל זיך צוריק צוא דער אלטער פראפעסיאן

נעהמען ?.... איך זאל נארען דער ארדענטליכער רייזקען, וועלכע טהוט מיט מיר זויא פיעל גוטעס ? ניין, בעסער דער טויט!

— שטיל מכשפה! — האט האנקע, אויסער זיך פון צארען, געשריען — איך טהוא עס פאר דיר! דוא קאסט מיך גענוג! טהוא אויס דיא שיך (שוהע) מיט דעם אונטערשטען קליידעל, פערבינד דיין פערדישען קאפ, זאלסט ליעגען אונ קרעכצען, פערקרימען דיין שאנעם פנים, אויב ניט. רוף איך באלד ארייין מאטקען אונ ער וועט דיר שוין בעצאהלען פאר מיר אונ פאר זיך.... איך האב שוין ניט קיין כח מיט דיר צוא ריידען, איך בין דיין מוטער אונ מיין דיין טובה....

— אבער וועלכע מוטער האנדעלט זויא אונערבארימליך געגען איהר קינד ? איך וויל ניט דייגע טובות.... איך וויל בעסער זיין א דיענסט. קיין „אבער"! איך רוף גלייך אהער מאטקען, מיין כפרה ביזט דוא....! וויא איין אוטאמאט (גולם) איז רחל אויף איהר בעט געזעסען, קוואלען טרעהרען האבען פון איהרע שאנע אויגען געפלייצט. האנקע האט איהר קאלטבלוטיג ביז צום העמד אויסגעטהון, פערבונדען דעם קאפ אונ אריינגעלייגט אין בעט.—

אלס האנקע האט איהר ניעדריגע ארבייט אין ארדענונג געבראכט איז זיא שנעל ארויסגעלאפען אונ אין איינינגע מינוטען ארום צוריקגעקומען מיט דיא ווארטער:

— פערמאך דיא אויגען! קרעכץ! האלט צוא מיט דער האנד דיין איינערען פערדארבען הארץ! רייזקע פאהרט שוין מיט דעם דאקטער.... געדענק! אויב דוא וועסט ניט אלעס טהון, וואס איך בעפעהל דיר, וועסט דוא ביז נאכט ניט דער לעבען!

אין איינינגע מינוטען ארום איז רייזקע אריינגעקומען מיט א דאקטער.

— וואס איז דיר, ליעב קינד ? — האט רייזקע מיט טרעהרען גע= פראגט, זעהענד איהר בלאסעס געזיכט — וויא פיהלסט דוא דיך, רחלע ? ענטפער מיר, וואס טהוט דיר וויא ?

דער... דער — קאפ — דאס — א דאס הערץ!.. — האט דיא אונ= גליקליכע געשטאמעלט אונ הייסע טרעהרען האבען איבער איהרע בלאסע וואנגען געפליסט — רעט — טעט! — רעט — טעט!..

רייזקע האט געשלונגען איהרע טרעהרען, אויך האנקע האט איהרע טרוקענע אויגען געווישט אונ געבראכען דיא האנד....

דיא עהרליכע רייזקע, וועלכע האט ניט פערשטאנען דיא ריכטיגע בעדייטונג פון דער אונגליקליכערס ווארטער: „רעטעט", האט זיך טרויעריג צום דאקטער געווענדעט:

הערר דאקטער! רעטעט דאס אונגליקליכע קינד! זיא בעט געביך מען

זאל איהר רעטען פון דער פלוצליכער שווערער קראנק .... א, איין אונגליק! אזא טהייער גאלדען קינד!

— עס וועט גיך איבערגעהן — האט איהר דער דאקטער בערוהיגט, אלס ער האט דער געמאכטער קראנקער בעטראכט — אלעס איז אין בעסטען ארדענונג ... דאס איז א ספאזמע, וועלכע וועט גיך איבערגעהן.... דאס הערץ איז געזונד .... איך וועל א מעדיצין פערשרייבען, האפפע דאס מארגען וועט זיא אים שטאנד זיין פון בעט אראפ צוא געהן ....

— איך דאנק אייך, הערר דאקטער, — האט רייזקע געזאגט — איך בעט אייך איהר זאלט פאר נאכט נאך אמאל קומען.

— אדאנק דיר, טאטוניו זיסער! — האט חאנקע וויא אציינ געטאנצט אונ איהרע וואלפישע אייגעלאך צום הימעל געהויבען — העלף, אלמעכטיגער טאטע!

דער דאקטער האט א מעדיצין פערשריבען, אבערמאלס דיא פרויען בערוהיגט אונ אלס רייזקע האט איהם א פאפיעריל אין האנד געגעבען, איז ער אוועק געפאהרען. —

— האנקע, מיין גאלד! — האט רייזקע טרויעריג ערוויעדערט — איך האב שוין קיין צייט מעהר דא צוא פערבלייבען, נעהמט דיא צעהן רובעל, מאכט דיא פערשריבענע מעדיצין, קויפט א גוטע פלאש וויין, קאכט אגעשמאקע היהנערישע יאויך, א זופפע, שפעטער וועל איך דא ווייטער זיין ....

— וויא פיהלסט דוא זיך, מיין טאכטער? — האט רייזקע פאר איהר אוועקגעהן, רחלן געפרעגט — איז דיר עטוואס בעסער?

— יא, מיר איז פיעל בעסער ....

אשטארקען קניפ האט רחלע דערפיהלט, דאס זיא וואר נית אומשטאנד צוא ענדיגען דאס ווארט „בעסער".

— דער — קאפ —! דאס — הערץ! — האט רחל אבערמאלס געקרעכצט — רעט — טעטע ..!

— איך וועל לויפען אין אפטייק מאכען דיא מעדיצין — האט רייזקע אונרוהיג געזאגט — לייגט איהר קאלטע וואסער צום קאפ, איך קום באלד צוריק. אלס דיא גוטע פרויא איז געלאפען אין אפטייק, האט דיא אלטע העקסע (מכשפה) צוא דער בלאסער רחלן געזאגט:

— געדענק, ממזר! אויב דוא וועסט איין איבעריג ווארט אויסרעדען, וועסט דוא מארגען ליעגען אין קבר .... נאר פריהער וועל איך פון דיר שטיקער רייסען.

— איך געדענק.... — האט רחל מיט טרעהרען געענטפערט — איהר האט מיך שוין ווירקליך קראנק געמאכט .... איך האב שוין קיינע קראפטען

פון בעט ארויסצוגעהן אונ אזויא פיעל אריבער צוא טראגען. אזויא פיעל ליידען! אזויא פיעל שאנדע אונ בעטריג! א, גאט! ערלאזע מיך!

ביא דיא װארטער איז קראפטלאז אויפין קישען געפאלען דיא געמאכטע קראנקע.

7.

ענטלאפען.

א גאנצען טאג איז רחל קראפטלאז אויף איהר בעט געלעגען אונ דאס קישען װאר נאס פון איהרע טרעהרען. אגאנצען טאג האט זיא קיין עסען פערזוכט, אונ איהר געזיכט האט זיך שרעקליך פערענדערט; שװערע זיפטצען האבען זיך פון איהר הערצען ארויסגעריסען, דאס זאגאר דער פערדארבענער מאטקע, װעלכער איז ביא טאג געקומען פון איהר ראבע געהמען פאר זיין געלעבערטען קאפ, האט מיט דער אונגליקליכער מיטלייד געהאט, אונ זעהענד איהר בלאסעס געזיכט, הערענד איהרע טיעפע זיפצען, האט איהם ביים הערצען געשטאכען אונ זיין צארען איז פערשװאונדען.

רחלע װאלט געװיס ערינסט קראנק געװארען, װען איהר װאלט ניט בעלעבט דיא זיסע האפענונג, דאס היינט איז איהר לעטצטער ליידענס־טאג. — דער איינער געדאנק, דאס היינטיגע נאכט װעט איהר פון איהרע אלע גרויזאמע ליידען בעפרייען אונ זיא װעט זיך געפינען אונטער דעם שוטץ פון איהר היים געליעבטען בן ציון, מיט װעלכען זיא װעט זיך אויף עװיג פעראייניגען, האט איהר ריזענדע קרעפטען געגעבען.

מיט דעם גרעסטען אונגעדולד האט זיא ערװארטעט דיא גליקליכע שטונדע פון איהר בעפרייאונג װעלכע איז, ענדליך, נאך אלאנגען דויערען, געקומען.

עס װאר צװעלף אוהר ביא נאכט. מיט איין שטונדע צוריק איז דיא גוטהערציגע רייזקע פון איר בעט אװעקגעגאנגען אונ איבער געלאזט לעבען איהר דער פאלשער נידערטראכטיגער האנקע, װעלכע איז באלד גאנץ געשמאק ענטשלאפען געװארען.

איהר אנשטאנדיגער גוטער מאן, אשרקע, װעלכער איז מיט איניגע שטונדען צוריק געקומען, װיא האנקע פלעגט זאגען, „מאלע סימקע" (מלא בשמחה), איז געשלאפען װיא געהרגט אונ רחלע האט זיך מיט אלע קראפ־טען לאנגזאם אויפגעהויבען, מיט ציטערענדע האנד האט זיא איהרע קליי־

דער אנגעצויגען, אונ אלס זיא האט אויף איהרע ערציהער דעם לעטצטען בליק געווארפען, אין וועלכען עס איז געלעגען האס אונ מיטלייד, איז זיא אויף דיא שפיץ פינגער ארויס פון צימער.

שטיל, פארזיכטיג, איז זיא אויף דיא שטיגען געגאנגען; אנגעדיכטע פינסטערקייט האט גיהערשט איבערן גאנצען קארידאר; ענדליך, אין אייניגע מינוטען ארום, איז זיא שוין אויף דער שטראסע פערטראכטערהייט געשטאנען. נאר לאנג האט רחל קיין צייט געהאט צוא בעקלערען איהר יעטצטיגע לאגע, דען באלד האט זיא געהערט אבעקאנטע מילדע שטימע אונ אלס זיא האט זיך אומגעקוקט, איז פאר איהרע אויגען געשטאנען איהר איינציגער שיטצער בן ציון.

— רחלע, מיין זעעלע! שרעק זיך ניט — האט ער שטיל געזאגט אונ איהר געארעמט גענומען — אלעס איז אין בעסטען ארדענונג.... אויף דער צווייטער שטראסע ערווארטעט אונז איין פערמאכטער עקיפאזש. דוא קענסט גאנץ רוהיג אונ זיכער זיין, דאס באלד וועלען מיר זיין גאנץ ווייט פון בוסאלק.

ביידע געליבטע האבען נאך עטוואס צווישען זיך שטיל גערעדט, זייערע הערצער, אין וועלכע עס וואר שרעק געמישט מיט פרייד, האבען מאכטיג געקלאפט, אם ענדע, זיינען זייא צוגעקומען צום בעשטעלטען עקיפאזש, בליטצשנעל האבען זייא אריינגעשטייגט; דער פוהרמאן האט מיט זיין לאנגער בייטש אקנאק געטהון, אונ באלד איז דער עקיפאזש פערשוואונדען.

אויף דעם צווייטען טאג, האט זיך פון האנקעס הויז געהערט יאמערליכע געשרייען, וויא מען בעקלאגט אטויטען. רייזקע האט איהרע האנד געבראכען, דער פערליעבטער מאטקע האט זיך מיט ביידע פויסטען אין פערוואונדעטען קאפ געשלאגען, אשרקע האט פון גרויסע צרות זיין ארדען „זא אוסערדיע" (ערגעבענהייט) ניט אנגעטהון אונ זיך אין דעם טאג ניט געזעהען מיט זיין געליעבט פלאשעל, דען זיין אשת חיל האט איהם קיין קאפיקע געגעבען.... פיעל מענשען האבען זיך ארום האנקעס הויז צוא נאנדגעהליבען אונ יעדער פון זייא האט אנדערע אויסגעטראכטע געשיכטע ערצאהלט. טהייל האבען געזאגט, דאס רחלע איז ענטלאפען מיט אסאלדאט, אנדערע האבען בעהויפטעט, דאס זיא האט זיך פון גרויס נחת ערטרונקען; זאגאר דער שלויער פעריאמערטער האנקען, וועלכע האט צוליב רחלן פיעל פערלארען, איז ניט איינגעפאלען, מיט וועמען רחלע איז ענטלאפען.

8.

דיא נייע אויסגעטראכטע מוטטער.

דער מאסקווער צוג, איז מיט זיינע צוויא פייעריגע אויגען צוא דער סטאנציאן ברעסט־ליטאווסק צוגעשוועבט; פון דיא וואגאנען האבען פיעל פאססאזשירען אויסגעשטיינט, בייא וועלכע דיא באהן לאסט־טראגער האבען דיא געפעקע געריסען. —

פון איין וואגאן, דריטער קלאססע, האבען איינגע שאנע פאר אויסגעשטיינט, אונ זיינען אריין אין זאאל, דריטער קלאססע, וואו דער יונגערמאן האט דעם בופעט־בעדיענטען בעפאהלען, ער זאל ברענגען צוויא גלאזער טהעע מיט קוכען.

— געלויבט איז גאט, וואס מיר האלטען שוין אזוי ווייט — האט אמילדעס פריילין געזאגט, וועלכע וואר קיין אנדערע וויא אונזערע בעקאנטע רחלע — מיין איינציגער פריינד אונ שיטצער! איך בין גליקליך! אונז איז אלעס זויא גוט געלונגען! (געגליקט).

— אונ איך בין נאך גליקליכער פון דיר, מיין טהייערע, — האט בן ציון מילד געזאגט אונ אויף זיין רייצענדען געליעבטער אליעבליכען בליק געווארפען — איך האב געזוכט אשטעלע אונ גאט האט מיר איין לעבענסבעגלייטערין געשאנקען, וועלכע וועט אימער מיין לעבען פערזיסען. — טרינק, רחלע, דיין גלאז טהעע, ביים צוא עטוואס, אונ רוה זיך אויס, דען מיר וועלען דא איינגע שטונדען ווארטען אויף אונזער צוג.

רחל האט איהר גלאז טהעע אויסגעטרונקען אונ זיך ביים טיש צוגעשפארט; בן ציון איז איבערין אונגעהייערען גרויסען זאאל שפאצירט, וועלכער וואר פולגעפאקט מיט מענשען אונ געטראפען אבעקאנטען אלטען יוד, מיט וועלכען ער האט זיך פערטיעפט אין אגעשפרעך:

רחל האט איינגע מינוטען געדרימעלט, ענדליך, האט זיא זיך ערוואכט אונ מיט איהרע שאנע אויגען איהר געליעבטען געזוכט.

קוים האט זיא זיך געוואלט פון באנק אויפהייבען, איז צוא איהר צוגעגאנגען אניעדעריגע ארעמגעקליידעטע בויערין אונ איהר געפראגט:

— וואס טהוט איהר דא, פריילין. ראחיל? וואהין פאהרט איהר?

— וואס אינטערעסירט אייך צוא וויסען, וואהין איך פאהר? — האט רחל ערשראקען גיענטפערט — ווער זיינט איהר? פון וואנען איז אייך מיין נאמען בעוואוסט? דאכט זיך, איך זעה אייך ניט דאס ערשטע מאל.... רופט מען אייך מארינע?

— יא, איך בין אויס דער זעלבער שטאדט, וואס איהר — האט דיא

ביי׳ערין מיט אגיפטיגען שמייכעל געאנטווארטעט — איך האב אייך פיעל מאל געזעהען ביי רייזקע דער שענקערין .... איך ווייס, וויא איהר האט זיך געפלאגט ביי דער שלעכטער פאלשער חאנקע ... איך ווייס אלעס.... א, דיא פערדארבענע נידערטראכטיגע זשידעס! (יודען) ווען אזא שאן קינד וואלט זיך ערציהען ביי אונזערע פאלנישע מענשען, וואס וואלט איהר געפעהלט? פאלגט מיך, ראחיל, געהט איבער אין אונזער הייליגען גלויבען, וועט איהר פיעל גליקליכער זיין. גאט וועט אייך פערצייהען אייערע זינד, וואס איהר האט ביז יעטצט אין איהם ניט געגלויבט און אויף יענער וועלט וועט איהר זיטצען צווישען אלע פאלנישע סווענטעס (הייליגע).

— איך דאנק אייך פאר אייער קלוגען ראטה — האט רחל בלאז געזאגט — אבער ווער האט עס אייך ערלויבט, איהר זאלט מיין כאטה גע-בערין זיין?

וואס אינטערעסיר איך אייך אזוי פיעל?

— וויל איהר זייגט אגעבארענע קריסטען, וועלכע האט זיך פון קינד-ווייס אן צווישען דיא פערפלוכטע זשידעס ערצויגען און פערגעסען איהר גאט און הייליגען רעליגיאן....

— איהר האט הייגט געמוזט פיעל טרינקען — האט רחל מיט אנעמאכטען שמייכעל ערוויעדערט, אבוואהל איהר הערץ האט מאכטיג געקלאפט — איהר זייגט איין אונפערשעמטע ליגנערין! איך בעט אייך דולט מיר ניט מיין קאפ מיט אייערע פלוידערייא, לאסט מיך צוא רוהע און געהט בעסער שלאפען. . .

— אזויא? דענקסט דוא, דאס איך בין בעטרונקען? — האט דיא קריסטען מיט אפארווירפע געזאגט — אלזא, דוא זאלסט עס וויסען: דענקסט דוא, דאס דיא זינדיגע זשידאווקע, דיא פערדארבענע חאנקע איז דיין וואהרע מוטער? ביזט דוא דען אזויא דומם און פערשטעהסט ניט, דאס איין אייגענע מוטער וועט איהר קינד זויא מערדעריש ניט בעהאנדלען? וואו איז דיין פערשטאנד? ביזט דוא אקליין קינד? ביזט דוא בלינד און זעהסט ניט, וואס פאר דייגע אויגען שטעהט? יא, קאחאנא, (ליעבע) אזויא איז דיין געשיכטע: מיט עטליכע צוואנציג יאהר צוריק האט דיך אקריסטען אין רייזקעס שענק אונטערגעווארפען... רייזקע האט דאן גע-האט געגווג איהר אייגענע קליינע לעבעדיגע סחורה און האט דיך אוועק-געגעבען חאנקען, וועלכע האט דיך ערצויגען און וויא אפיאווקע דיין בלוט געזויגען. יעטצט פערשטעהסט דוא שוין, ווער דוא ביזט?

— אבער — אום — גאטעס — ווילען! — האט רחלע קוים אויסגע-שטאמעלט — פון וואנען איז אייך דאס אלעס בעוואוסט? קענט איהר פילייכט מיין וואהרער מוטער? ווייסט איהר ווער זיא איז און וואו זיא וואהנט?

— איך קען איהר זויא גוט וויא זיך זעלבסט — האט דיא בוערין מיט אנגעמאכטער טרויעריגער שטימע געזאגט אונ איהרע טרוקענע אויגען געווישט — דיין מוטער איז ניט ווייט פון דיר.... עפען דיינע בלינדע אויגען... בעטראכט איהר, ווערסט דוא איהר זעהען, דען זיא שטעהט ניט ווייט פון דיר.... איך בין דיין וואהרע אונגליקליכע מוטער!... פערצייהע מיר, מיין איינציגע ארעמע טאכטער! איך האב געזינדיגט געגען דיר!...

אהערצברייסענדער געשרייא האט זיך פון רהלס ברוסט ארויסגעריסען אונ זיא איז אין אונמאכט געפאלען....

פיעל ערשראקענע פאססאזשירען זיינען צוא דער אונמאכטער רהלן צוגעלאפען, וועלכע איז געלעגען אהן אצייכען פון לעבען. דער פער־צווייפעלטער בן ציון איז נאך דעם באהן-ארצט געלאפען, וועלכער איז באלד געקומען אונ בעפאהלען מען זאל רהלן פיהרען אין שטאדט, וואו זיא מוז זיך איניגע טאג אויסרוהען, אונ צווישען דער מענגע פאססאזשירען איז פערשוואונדען דיא נייע אויסגעטראכטע מוטער...

9.

פון ברעסט.

זעכס שטונדען איז רחלע אין ברעסטער האטעל „איטאליא" בעוואוסט־לאז געלעגען. זעכס שטונדען האט דיא אונגליקליכע געשוועבט צווישען לעבען אונ טויט! דיא גאנצע צייט איז דער פעריאמערטער בן ציון פון איהר בעט ניט אוועק אונ זיך געבאדען אין אים פון ביטערע טרעה־רען. — ענדליך, אויף דעם צווייטען טאג, האט רחלע איהרע אויגען גיעפענט אונ מיט אקוים הערבארער שטימע האט זיא געפרעגט:

— וואו בין איך? וואס איז מיט מיר געוועזען? וואו ביזט דוא, בן ציון?

— איך בין לעבען דיר, רחלע, — האט דער איבערגליקליכער יונגער מאן מיט פריידענטרערען געזאגט אונ רהלס בלאסע וואנגען געקושט — שרעק זיך ניט, מיין טהייערע, בערוהיג זיך, א, איך דאנק דיר, גאט פון דיא עלענדע!

רהלס געזונד האט זיך פון שטונדע צוא שטונדע פערבעסערט; זיא האט פערשטענדליך גערעדט אונ דער דאקטער האט בן ציון

פערזיכערט, דאס נאך אין איינציגע טאג ארום וועט ער קענען מיט זיין ליבע רחלען די רייזע פארטזעטצען.

וויא גליקליך בן ציון נאר פון דאקטערס ווארטער, זויא אונגליקליך האט זיך רחלע געפיהלט, אלס זיא איז צוריק צוא איהר פערשטאנד געקומען אונ זיך ערראינערט אן דער שרעקליכער סצענע מיט דער בוערין... צוויא שטימען האבען אין איהר הערצען געשטורמט, וועלכע האבען איהרע לעטצטע קרעפטען גערויבט: איין שטימע האט איהר געראטען, דאס זיא זאל זיך ניט אונגליקליך מאכען אונ איהר געליעבטען פון קיין זאך ערצעהלען, אום ער זאל ניט וויסען איהר שטאמם, זאנסט איז זיא פערלארען....

אבער באלד האט א צווייטע שטימע געשריען, וועלכע האט איהר הערץ געלעכערט: „נידערטרעכטיגע! דוא ווילסט דיין אונשולדיגען געליעבטען נארען? באלד ביים ערשטען שריט ביזט דוא איהם שוין זויא פאלש אונ אונגעטרייא? ניין, ניט אזויא דארפסט דוא געגען דיין רעטער האנדלען! זאלסט עס ניט נאגען, אונדאנקבארע"!

מאכטיג האט רחלס הערץ געקלאפט: זיא האט זעלבסט ניט געוואוסט וועלכע שטימע זיא זאל הערען, דאך האט דיא ערשטע דיא אבערהאנד גענומען אונ רחל האט זיך, געגען איהרע געוויסען, בעשלאסען צוא שווייגען....

„יא אזויא מוז עס בלייבען"! האט זיא ביי זיך געטראכט: איך מוז דאס מאל זויא ניעדעריג געגען מיין בנציונען האנדלען, זאנסט וועט ער מיך פעראכטען.... ער וועט זיך ניעמאלס ערלויבען צוא הייראטען אזעלכע, וועלכע שטאמט פון איין אנדער פאלק אונ רעליגיאן, וועלכע האט קיין נאמען, קיינע עלטערען... בעזאנדערס, וואס בין איך שולדיג? ווארום האט גאט געוואלט איך זאל אויף דער פאלשער פערדארבענער וועלט געבארען ווערען? בין איך דען דער מיט מיין בנציונען פאלש? בין איך דען ניט בערייט זיך פאר איהם צוא אפפערען?

„נאר ווער בין איך אונ ווער איז ער"? האט דיא אונגליקליכע זיך זעלבסט געפרעגט: איז עס מעגליך? זאל אלעס וואהר זיין? אונ ווארום איז עס ניט צוא גלויבען? עס קען זיין..... א, וואס פאר איין אונטערשייד!

אבער ניין! קיין אונטערשייד! גלייך בין איך מיט איהם! איין הערץ איין גאטט, איינע געוויסען! יא, אזויא בלייבט עס! אלעס וועט מיט מיר מיט שטארבען!....

דאס ווארט „שטארבען" וועלכעס האט זיך פון דער אונגליקליכערס ברוסט ארויסגעריסען, האט בן ציון ערהערט אונ מיט שרעק געפרעגט:

וואס

(די יו״צ)

— וואס רעדסט דוא, מיין זעעלע? דוא וועסט לעבען אונ געזונד זיין מיט מיר צוזאמען! דאנקען גאט, דיר איז שוין פיעל בעסער.

— יא, מיין טהייערער, — האט זיך רחלע, וויא פון איין ליטארגישען שלאף ערוואכט — איהרע הייסע טרעהרען זיינען אויף בן ציונס געזיכט געפאלען, וועלכען זיא האט אומגעארעמט — מיט דיר, מיין איינציגער פריינד, וויל איך לעבען! מיט דיר וויל איך דיא וועלט דורך געהן! אבער אהן דיר, איז מיר שוין פיעל בעסער דער טויט...!

— מיט מיר! מיט מיר! — האט בן ציון מיט טרעהרען אויסגערופען אונ איהר צוא זיין קלאפענדעס הערצען געדריקט — גאט זאל זעגנען אונזער הייליגען בונד!

— אמן! — האט רחלע געזאגט אונ איז קראפטלאז אויף דעם קישען געפאלען.

דרייא טאג זיינען פאראיבער. רחלע איז פאלקאם געזונד געווארען אונ אויף דעם פיערטען האט זיא זיך שוין מיט בן ציונען צוא דער רייזע פערטיג געמאכט.

נאך מיטאג, אלס בן ציון איז אין שטראסע געגאנגען, האט רחלע א לאנגען בריעף צוא רייזקען אנגעשריבען, וועלכען זיא האט פערזיעגעלט אונ איהם אין איהר טאש בעהאלטען.

— דאס איז מיין לעטצטער פערברעך געגען מיין געליעבטען בן ציון — האט רחלע צוא זיך געזאגט — מעהר, שווער איך, וועט עס ניט זיין! אפענהערציג, טרייא וועל איך ביז מיין לעטצטער מינוט בלייבען!

אין אשטונדע ארום איז בן ציון פון שטראסע געקומען.

— יעטצט, מיין טהייערע, קענען מיר שוין באלד פאהרען — האט ער פרעהליך געזאגט — איך האב שוין אלעס איינגעקויפט, זאגאר א שירעם, א הוט, אויך האנדשוה, זאלסט עס טראגען געזונד!

— איך דאנק דיר, מיין לעבען — האט רחלע, גערידהרט פון זיין טריישאפט, געזאגט אונ אויף זיינע ליפען א הייסען קוש אנגעפרעסט — וויא גוט, וויא מילד דוא ביזט! ווען דענקסט דוא, מיין טהייערער, צוא פאהרען?

— אין צווייא שטונדען ארום.

— וועלען מיר פערפאהרען גלייך צוא דיינע ליעבע עלטערען?

— געוויס, מיין איינציגע פריינדין.

ענטשולדיג מיר, בן ציון, דאס מאל ביזט דוא זעהר אונבערעכענט. עס וועט זיין אונארטיג פון אונזער זייט, ווען מיר וועלען זויא

בעטרעטען. בערעכען, וואס וועלען דיינע עלטערען זאגען, ווען זיי וועלען וויסען דאס דוא ביזט פלוטצלונג געקומען מיט איין גאנץ פרעמדער פריילין; וואס פאר א מיינונג קענען זייא האבען וועגען מיר?

— רעכענסט דוא, דאס מיר זיינען פרעמד? וועל איך דען מיין ליעבע פאר מיינע טרייע עלטערען פערבארגען?

— געוויס ניט, אבער פארלייפיג בין איך זייא גאנץ אונבעקאנט, דאס זייא וועלען האבען רעכט מיך צוא רעכענען פאר א לייכטזיניגעס מאדכען....

— דוא, מיין זעעלע, ביזט פיעל בערעכענטער און פראקטישער פאר מיר — האט בן ציון נאכדענקענד געזאגט — מיינע עלטערען וואהנען ניט ווייט פון פאלנישען שטעדטעל קראסנאבראד, נולבילער גובערניע, אלזא וועלען מיר אהין פאהרען, וואו איך וועל דיך בעזארגען אין א יודישעס גאסט הויז, ביז איך וועל מיינע עלטערען אלעס ערצאהלען, אבער פון דיינע עלטערען מוזען מיר ביידע פערשווייגען און זאגען דאס דוא האסט אלס קינד זייא פערלארען.... איך וועל שוין וויסען, וואס צוא זאגען, ביזט דוא צופריעדען?

— זעהר גוט — האט רחלע מונטער געאנטווארטעט.

אין צווייא שטונדען ארום זיינען ביידע אבגעפאהרען פון ברעסט.

10.

אקראנק אין דיא זייטען.

ווייטער זעהען מיר דער פרומער רייזקע דיא שענקערין זיטצען בייא איהר געליעבטען „קרבן מנחה" און זאגט ערינסט דעם טייטש פון פרק שירה:

— דיא קאטץ זאגט: ווען דוא וועסט דער הובט ווערען און מיינסט צוא מאכען דיין נעסט הויך צווישען דיא שטערין, וועל איך דיך פון דארט אראפניעדערען, דערום לויב איך גאט: דוא ביזט א נותן לחם לכל בשר; דוא גיבסט יעדען בעשאפעניש ברויט מיט פלייש.... דאנק איך דיר פאר דיין גענאד וואס דיא דיענסט־מויד האט זיך געפרייד מיט א בחור, און איך מיט דעם פלייש....

עכבר אומר: דיא מויז זאגט: לויב צוא הקב"ה. איך טהוא דיך לויבען, גאטט, וואס דוא האסט מיך מציל געוועזען פון טויט און האסט

ניט

נִיט גֶעמַאכְט ,עֶרְפְרֵייעֶן דִיא פַיינְד אוֹיף מִיר.... דֶערוּם לוֹיבּ אִיךְ דֶעם אַלְמֶעכְטִיגֶען, וָואס מַיין גוּטֶע בַּעַל־הַבַּיִת־טֶע פֶערְגֶעסְט שְׁטֶענְדִיג בַּייא נַאכְט צוּא צוּדֶעקֶען דִיא פוֹלֶע טָאפּ אוּנ אִיךְ וֶוער גֶעשְׁפַּייזְט מִיט דֶער פוֹלֶער הַאנְד....

אוּנְטֶערְדֶעסֶען הָאט זִיךְ מִיט דֶער פוֹלֶער הַאנְד גִיעֶפֶענְט דִיא טְהִיר אוּנ בַּאלְד אִיז פַאר אִיהְרֶע אוֹיגֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִיהְר הוֹיכֶער אוֹיסְגֶע־מָאגֶערְטֶער מַאן, פִּנְחָס־ל בַּטְלָן, מִיט זַיין לַאנְגֶער בָּארְד, וֶועלְכֶער נוּאר אִימֶער אוֹיסְגֶעשְׁמִירְט אוּנ אַיינְגֶעטוּנְקְט אִין טַאבַּאק, גְלַייךְ מִיט זַיין קוֹי־טִיגֶען טַלִית זַאק, וֶועלְכֶען עֶר הָאט גֶעהַאלְטֶען אוּנְטֶערֶען אָרֶעם.

— גוּט מָארְגֶען, רֵייזֶקֶע! — הָאט עֶר מוּנְטֶער גֶעזָאגְט — גֶעהֶענְדִיג פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ, הָאבּ אִיךְ אָבְּגֶענוּמֶען אַ בְּרִיעף פוּן בְּרִיפְטְרֶאגֶער.

— פוּן וֶועמֶען, פִּנְחָס, אִיז דֶער בְּרִיעף? — הָאט רֵייזֶקֶע, צוּ־מַאכֶענְדִיג דֶעם סִידוּר, אִיהְר מַאן גֶעפְרֶעגְט. — הָאסְט דוּא אִיהם שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעלֵייעֶנְט?

— שׁוֹטֶה.... אַיין אִשָׁה בְּלֵייבְּט אַיין אִשָׁה.... (פְּרוּיא) הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט לֵייעֶנֶען אִין מִיטֶען גַאס?

— גֶערֶעכְט, מַיין מַאן, אָבֶּער צוּנְד קֶענְסְט דוּא דָאךְ אִיהם אִיבֶּערְלֵייעֶנֶען.

— נַארִישֶׁע יוּדִינֶע. רֵאשִׁית חָכְמָה יִרְאַת ה׳: אַם עֶרְשְׁטֶען דַארְף מֶען גָאט לוֹיבֶּען, מַאכֶען אַ בְּרָכָה, גֶעהמֶען פוּן דַיין פֶּאסֶעלֶע אַ שְׁטַארְק בִּיסֶעלֶע מַשְׁקֶה, דֶער נָאךְ וֶועל אִיךְ אִיהם דִיר פָארְלֵייעֶנֶען.

רַבִּי פִּנְחָס הָאט זִיךְ פוּן „פֶּאסֶעלֶע" אָנְגֶעגָאסֶען אַ הִיפְּשׁ גְלָאזֶעלֶע נַיינְצִיגֶער, גֶעמַאכְט אַ „שֶׁהַכֹּל", פֶערְמַאכְט דִיא אוֹיגֶען אוּנ דָאס גְלָאזֶעלֶע אִיז לֶעער גֶעוָוארֶען.

רַבִּי פִּנְחָס הָאט לַאנְגְזַאם פֶערְבִּיסֶען אַ קִיכֶעלֶע אוּנ אַלְס עֶר הָאט אָבְּגֶעזָאגְט דֶעם „עַל הַמִחְיָה", הָאט עֶר מִיט זַיינֶע אוֹיסְגֶעדַארְטֶע הָאנְד דֶעם בְּרִיעף גִיעֶפֶענְט, זִיךְ אֵיינִיגֶע מָאל אוֹיסְגֶעהוּסְט אוּנ גֶעלֶעזֶען דִיא וָוארְטֶער:

לִיעבֶּע מוּטֶער!

„אִיךְ רוּף אַייךְ מִיט דֶעם נָאמֶען „מוּטֶער", וַוייל אִיהר הָאט עֶס עֶהרְלִיךְ פֶערְדִיעְנְט. נָאר אַייךְ דַארְף אִיךְ דַאנְקֶען פַאר מַיין לֶעבֶּען: אִיהר הָאט מִיךְ אִימֶער גֶעשִׁיטְצְט פוּן מַיינֶע גֶעמֵיינְטֶע שְׁלֶעכְטֶע עֶלְטֶערֶען, וִויא אֵיינֶע טְרַייעֶ מוּטֶער, הָאט אִיהר פַאר מִיר גֶעזָארְגְט, גֶעקְלֵיידֶעט, גֶעלֶערֶענְט, הַייגְט וִויא קֶען אִיךְ דָאס אַלֶעס פֶערְגֶעסֶען אוּנ נִיט שְׁרַייבֶּען? נַיין! עֶוִויג וֶועל אִיךְ גֶעדֶענְקֶען אַייעֶר גוּטְהֶערְצִיגְקַייט! עֶוִויג וֶועט אַייעֶר עֶדְלֶעס גֶעשְׁטַאלְט פַאר מַיינֶע אוֹיגֶען שְׁטֶעהְן! בִּיז מַיין לֶעטְצְטֶער סֶעקוּנ־

דע װעלען אײערע מילדע טרײסט װארטער קלינגען אין מײנע אױרען! פערצײהעט מיר, װאס איך האבע זױא שלעכט אונ אונארדענטליך געגען אײך געהאנדעלט, װײל איך האב אנדערש ניט געקענט: מײן נױטה האט מיך דער צוא געבראכט; איך האב געמוזט ענטלױפען פון מײנע בלוט זױגער, פון דיא ניעדעריגע מענשען, װעלכע איך האבע ביז יעטצט „עלטערען" גערופען. יא, גוטע רײזקע, איך האב שױן פון לאנג געפיהלט, דאס זײא זײנען ניט מײנע װאהרע עלטערען.... איך האב עס זאנאר פיעל מאל פון אנדערע געהערט, אבער איך האב געדענקט, דאס עס איז אײן אױסגעטראכטע ליעגען אונ ניט געװאגט װעגען דעם צוא קלערען. — אױס דאנקבערקײט, װאר איך זײא אימער געהארזאם אונ האבע אימער געמוזט זײערע ניעדעריגע פערלאנגען אױספיהרען... נאר מעהר האב איך שױן ניט געקענט אריבער טראגען: אין דער לעטצטער צײט האבען זײא מיך זױא פיעל געפײניגט, זױא פיעל בלוט אונ געזונד גערױבט, דאס איך האב זיך ענטשלאסען ענטװעדער זעלבסט — מארד צוא בעגעהן אדער ענטלױפען, װאוהין דיא אױגען װעלען מיך טראגען. יעטצט, מײן אײנציגע פרײנדין, בענאכריכטע איך אײך, דאס צופאליגער װײזע האב איך אלעס ערפאהרען.... איך װײס זאנאר מעהר פון אײך.... איך בערײהע זעהר, װאס איך בין ניט אלס קינד געשטארבען, נאר יעטצט איז שױן אלעס פערפאלען, געװיס פערלאנגט גאט איך זאל לעבען. —

װאוהין איך פאהר קען איך אײך ניט שרײבען, אום דיא פרומע חאנקע זאל מיך ניט פערפאלגען, איך קען אײך נאר שרײבען פאלגענדעס איהר זאלט װיסען, ליעבע פרױא, דאס דיא יתומים=פערזארגערקע, חאנקע, איז א טײפעל אין מענשען געשטאלט.... א בלוטיגיעריגער טיגער אין א שעפסענפעל... פאלש װיא דיא קארט, נארט גאט אונ לײט, דיא גאנצע שטאדט אונ פערבלענדעט אײך אלע דיא אױגען. — כמעט דאס גאנצע געלד, װעלכעס זיא קלײבט פאר איהרע „ארעמע יתומים", פאר דיא קראנקע, פאר ארעמע כלות א. ז. װ. בלײבט בײא איהר.... אלס איך װאר צעהן יאהר אלט, האט זיא מיך געשיקט אין א װײטע שטראסע בעטען אונ בעפאהלען דאס איך זאל קײן מאל ניט קומען מיט לײדיגע האנד.... איך זאל גנב=נען פרעמדע זאכען אונ איהר ברענגען א. ד. ג.

אין אנפאנג װאר איך דאצוא אונפעהיג אונ זיא האט מיך פאר דעם אונערבארימליך געשלאגען, שפעטער האב איך זיך דיא שאנע ארבײט אױסגעלערנט אונ איהר פרעמדע גוטס געבראכט, װעלכעס איך װעל ביז צום גראב בערײהען (חרטה האבען). אלס איך בין צוא מײן פערשטאנד געקומען אונ איהר, גוטע פרױא, האט צוא מיר דעם ערשטען לעהרער

געשיקט, וועלכער האט געעפענט מיינע אויגען, האב איך מיין פראפעסיאן
אוועקגעווארפען, אבער פון דאן אן האב איך זיך נאך אונגליקליכער גע-
פיהלט: חאנקע האט מיך געפאלטערט וויא אין דער אינקוויזיציאן; זיא
האט מיין בלוט געזויגט, ליידער האב איך ניט געוואגט אלעס צו ער-
צאהלען, אום מיינע געמיינטע עלטערענס נאמען ניט צוא בעשימפפען. —

פאריגע וואכע האבען דיא טייפלען צווישען זיך אבגערעדט, זייא
זאלען מיך פערקויפען צוא זייער מאטקע גנב, וועלכער וויל זייא געבען
פאר מיר, וויא פאר אפערד, עטליכע הונדערט רובעל...

איך האב זייער שמוטציגען געשפרעך געהערט אונ דיא האאר האבען
זיך מיר קאפויר געשטעלט. יעדער ווארט האט מיך וויא מיט שפיזען גע-
שטאכען, אמענדע, האט חאנקע מיר בעפאהלען, איך זאל זיך געזונדטערהייט
אין בעט לייגען. זיך מאכען קראנק אונ זאגען, דאס איך לייד אויף דעם
הערץ, אום זיא זאל קענען בייא אייך איינינע רובעל אויסשווינדלען....

איך שווער אייך בייא אלעם, וואס היילינ איז, דאס דאן
ניט לאנג, ווען איהר זיינט צו מיר געקומען מיט א דאקטער, בין איך
פאלקאם געזונד געווען, נאר מיט א שטונדע צוריק, האט זיא מיך מיט
געוואלד אין בעט געלייגט אונ געווארענט, דאס אויב איך וועל ניט
שווער זיפטצען אונ קרעכצען, אויב איך וועט שלעכט שפיעלען מיין
שמוטציגע ראלע, וועל איך ביז נאכט ניט דער לעבען.... יא, גוטע
רייזקע, איך בין אייך אומשטאנד אב צוא שילדערען אונ צוא בע-
שרייבען וויא פערדארבען, וויא גיעדערטראכטיג אונ פאלש דיא
ניעדעריגע פרויא איז! דאנקען גאטט, וואס איך בין פון דער העקסע
(מכשפה) לויז געווארען.

מעהר קען איך אייך ניט שרייבען אונ מוז ענדיגען מיין בריעף:
גריסע אייער טרייען מאן אונד קינד. גאטט זאלל אייך פיעל געזונד אונד
גליק געבען, וויא עס ווינשט אייך אייער אימער דאנקבארע,
רחל". —

— א שאנע ריינע כפרה, א אויסלייזיגיש פאר אלע יודען — האט
רייזקע באז געזאגט אונ אויסגעשפיגען. אלס איהר מאן האט דעם בריעף
איבערגעלעזען — טפוא זאל זיא ווערען, וואס עס האט זיך מיר שלעכטס
געחלומט היינטיגע נאכט, אדער יענע נאכט, זאל זיך צוא דער מכשפה'ס
קאפ אויסלאזען.... א הלעבין, עס איז נאר א טריאטער צוא הערען,
וואס א מרשעת קען! צוא נארען א גאנצע שטאדט מיט יודען אונ פיהרען
א זעלבע געשעפטען.... איך וואלט מיר ניבער אויף איהר א טויט
געגלויבט. דאכצאך, זיא איז א גאנצען טאג ארומגעלאפען, ניט געגעסען
אונ ניט געטרונקען געריסען פון טויטע אונ עבעדיגע אונ געה זייא

אַ נְבִיאָה־טֶע, אַז זִיא פֶערְבְּלֶענְדֶעט גָאטט אוּנ לַייט דִיא אוֹיגֶען .... וֶוער עֶס הָאט נִיט גֶעהֶערְט הַאנֶקעס זִיסֶע רֵיידֶעלַאךְ, וֶוער עֶס הָאט נִיט גֶע־זֶעהֶען אִיהרֶע פַאלְשֶׁע טְרֶערֶען, בֶּעקְלָאגֶענְדִיג דִיא קְרַאנֶקֶע מִיט אִיהרֶע אָרֶעמֶע כַּלּות אוּנ יְתוֹמִים .... אָ, גַנֶבְ־טֶע! אַמִיתָה מְשׁוּנָה זָאלְסְט דוּא אַיינְנֶעהמֶען!

— אַ מִצְוָה אוֹיף דִיר, אַ אִשָּׁה בְּלַייבְּט אַ אִשָּׁה, — הָאט פִּנְחָס, וֶועלְכֶער הָאט אִימֶער נִיט גֶעקֶענְט לַיידֶען, וָאס הַאנֶקֶע נַארְט אוּים בַּייא זַיין פְּלוֹנִית־טֶע דִיא בְּכוֹרָה, זִיךְ אָבְּגֶערוּפֶען — אַז מֶען קְלִינְגְט אִיז אַחָגָא ... אִיךְ הָאבּ דִיר שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט: „רֵייזֶעקֶע! גִיבּ נִיט אַוֶועק דֶער גַנֶבְ־טֶע דֶעם לֶעטְצְטֶען רוּבֶּעל, וַוייל מֶען מוּרְמֶעלְט אִין שְׁטָאדְט, אַז דָאס גַאנְצֶע גֶעלְד בְּלַייבְּט בַּייא אִיהר אוּנ זִיא גִיט אִיהרֶע יְתוֹמִים אַמַכָּה אִין דִיא זַייטֶען, אַקְלַאפּ אִין דִיא צֵיין, וִויא מֶען זָאגְט: פֶערְבְּלֶענְדֶען דִיא אוֹיגֶען אוּנ בֶּע־שְׁמִירֶען דִיא לִיפֶּען", אַז מֶען זָאל מֵיינֶען, דָאס זִיא אַרְבֵּייט לְטוֹבַת הַכְּלַל, פַאר אָרֶעמֶע יְתוֹמִים .... צוּנְד זעה, דָאס דוּא בִּיזְט נִיט מֶעהר וִויא אַיידִינֶע אוּנ אִיךְ בִּין ב"ה קְלִיגֶער פַאר דִיר ....

— אִיךְ וֵויים שׁוֹין פוּן לַאנְג, דָאס דוּא בִּיזְט אַ חָכָם — הָאט רֵייזֶעקֶע מִירְרִישׁ גֶעזָאגְט — אָבֶּער וָואס זָאגְסְט דוּא אַצוּנְד? וָואס וֶועט וֶוערֶען פוּן דֶער אוּנְגְלִיקְלִיכֶער רָחֶלֶען? עֶס רַייסְט מִיךְ בַּיים הֶערְץ אוֹיף דֶעם אָרֶעמֶען קִינְד, גָאט נַויים, וָואס פוּן אִיהר וֶועט וֶוערֶען .... אַבֶּעצָאהלוּנְג זָאל זִיא הָאבֶּען פוּן זַיין לִיעבֶּען נָאמֶען! עֶר זָאל זִיךְ מִיט אִיהר רֶעכֶענֶען פַאר דֶער עֶלֶענְ־דֶער רָחֶלֶע ....

— וָואס צוּא גָאט, אִיז צוּא גָאט, אוּנ וָואס צוּא לַייטֶען, אִיז צוּא לַייטֶען — הָאט פִּנְחָס בֶּאז גֶעזָאגְט — זָאל אִיהר גָאט בֶּעצָאהלֶען אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט אוּנ מִיר דַארְפֶען זִיךְ אָבְּרֶעכֶענֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט .... זָאל זִיא וִויסֶען, וָואס פִּנְחָס קֶען!

— אָבֶּער וָואס קֶען מֶען אִיהר טְהוּן?

— בְּלַייבְּט אַקַשְׁיָא ... — הָאט פִּנְחָס מִיט אַנְמָרָא נִיגוּן גֶעזוּנְגֶען — וָואס מֵיינְסְט דוּא, דִיא וֶועלְט אִיז הֶפְקֵר? מֶען וֶועט דֶער בֶּעסְטֶיע, דֶער חֲצוּפָה שְׁוַוייגֶען, אִיךְ לוֹיף בַּאלְד אִין אַלֶע בָּתֵּי מִדְרָשִׁים, אִין אַלֶע קְלוֹיזֶען, אִיךְ וֶועל אַייךְ אוֹיסְרוּפֶען, מֶען זָאל אִיהר מַחְרִים זַיין: מֶען זָאל אִיהר אִין אִידִישֶׁע הוֹיז נִיט אַרַיינְלָאזֶען, מֶען זָא, אִיהר אִין גַאס בֶּעוַוארְפֶען מִיט שְׁטֵיינֶער, זָאלֶען אוּנְזֶערֶע קְלוּגֶע שְׁטָאדְט־לַייט וִויסֶען, וֶוער זֵייעֶרֶע פֶער־זָארְגֶער, זֵייעֶרֶע גַבַּאיטֶעס זַיינֶען ....

— אַיידִינֶע קַייט אוּנ אַ מַאנְסְבִּיל שְׁפַּייט. אִיז נָאךְ נִיט גְלַייךְ — הָאט רֵייזֶעקֶע גֶעלַאכְט — דוּא בִּיזְט גֶערֶעכְט, מַיין מַאן, אַמַאנְסְבִּיל אִיז פָּארְט אַמַאנְסְבִּיל אוּנ דִיא וַוייבֶּער הָאבֶּען לַאנְגֶע הָאאר מִיט קוּרְצֶען שֵׂכֶל ... דַיין פְּלַאן גֶעפֶעלְט מִיר זֶעהר. גֶעה בַּאלְד אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּנ אִיךְ וֶועל

אהער רופען דער בעסטיע ... זיא וועט שוין ארוים פון מיין שטוב מיט אשאן פנים.... זאלסט ברענגען עטליכע מענשען, דיא גאנצע גאס וועט לויפען אויף איהר באזען וואונדער... אזא מכשפה! איך וועל איהר שוין געבען געלד.... אקראנק אין דיא זייטען.....!

II.

הָמָנְס מַפָּלָה

פערסאפעט, פערשוויצט, איז חאנקע צוא רייזקען געלאפען. אויפין וועג האט זיא זיך בעקלערט, וויא אזויא זיא זאל בייא רייזקען אויסנארען עטליכע רובעל, וויא אזוי זיא זאל זיך פערקרימען אונ מאכען איהר אנ־שטעלען מיט גנבה־שע מינעס....

"עס וועט שוין זיין אויף א וואך פרנסה,".... האט זיא בייא זיך גע־קלערט: רייזקע איז אכשרה בהמה... איך וויין, אונ זיא צאהלט.... וואס דען? דורין דאיע, א מאנדרי ביערזשע" זאגען דיא פאלאקען: „אנאר גיט אונ אקלוגער נעהמט"....

מיט אזעלבע זיסע געדאנקען, איז חאנקע אין רייזקעס שענק גע־קומען.

— אגוטער, אגעזונטינקער, פרעהליכער מארגען, רייזקעלע לעבען! — האט חאנקע אויף איהר קאטצענשטימעלע געזאגט — ניט אומזיסט האט איהר מיך געשיקט רופען, געווים האט איהר גוטע נייעס.... גלויבט מיר, רייזקעשע, זייט רחל איז אוועק, בין איך טויט קראנק.... איך וואלט מיך גאטהיג בעדארפט עטליכע טאג אויסרוהען; נאר וואס וועלען דיא ארעמע יתומים אונ קראנקע זאגען? א, טאטע זיסער! דוא ביזט אגרויסען אויף כח.... (א נותן ליעף כח) גיב מיר קרעפטען אין דיא געשוואלענע פיסס, איך זאלל קענען פערזארגען דיא נויטהבעדערפטיגע מיט ברויט... העלף שוין אמאל דיין פאלק ישראל!

וויא מיט מעסער האבען רייזקען דיא ווארטער געשטאכען, דאך האט זיא זיך מיט אלע מיגליכקייטען איינגעהאלטען אונ זיך בעדענקט, וויא זיא זאל מיט חאנקען אנפאנגען דיא ראלע צוא שפיעלען.

— איך דאנק אייך זעהר, וואס איהר זיינט געקומען — האט רייזקע מיט אציטערענדע שטימע געזאגט אונ דאס בלוט איז איהר אין געזיכט געקומען — זיטצט, איהר האט דאך געביך גיט קיין כח צוא שטעהן אויף

אייערע שוואכע פיס ... וואס באזע צונגען קענען! הערשט איז דא געוועזן אמענש, וועלכער האט זיך געשווארען, דאס ער ווייסט קלאר, אז כמעט דאס גאנצע, וואס איהר קלייבט פאר קראנקע און יתומים, בלייבט בייא אייך ... הייגט זאגט, קען מען פאר אוועלט יוצא זיין? שאדע, וואס דער מענש איז הערשט אוועקגעגאנגען, איך וואלט וועלען ער זאל אייך אלעס זאגען אין דיא אויגען ... דאכצאך, אין אייער פנים קען מען ערקענען וויא פרום, זויא ערליך און גוטהערציג איהר זיינט .... ווארט, חאנקע, עס קען זיין דער מענש וועט באלד קומען.

— איך וועל ווארטען — האט חאנקע, ווישענד איהרע טרוקענע אויגען, טרויעריג געענטפערט — זאל זייא דיא מיילער פון הינטען שטעהן, זאל זייא גאט פאר מיר בעצאהלען, ווייל ער ווייסט, וויא ריין איך בין....

— איך וויים וויא ריין איהר זיינט — האט רייזקע שפאטיש ערוויעדערט — זייט ניט אזוי אויפגערעגט, דען איהר זיינט געביך שוואך און עס קען שאדען צוא אייער געזונד .... זאלען שטומם ווערען דיא, וועלכע זיינען שולדיג .... זאגט מיר בעסער, חאנקע, האט איהר אפשר עפעס געהערט פון רחלן? איך קען ניט פערשטעהן, וויא האט זיא געקענט אין זעלבען טאג, פון אזא געפאהרליכער קראנקהייט, ענטלויפען? וויא האט זיך צוא איהר אזעלכע קראפטען גענומען? ניט אנדערש זיא האט זיך געמאכט קראנק און אונז אלעמען אבגענארט....

— זאל איך אזוי ויסען פון איהר קאפ, פון איהרע האנד און פיס, פון איהר לייב און לעבען — האט חאנקע פערוויררט געענטפערט — קראנק איז זיא געוועזן, בייא איהר בלייבט עס ... נאר וויא אזויא זיא האט געקענט ענטלויפען ווייס איך ניט. נאר וואס דארפען מיר קלערען? דער אוצר הארע (יצר הרע) איז געזונד וויא אייזען ... ער קען מאכען פון קראנק געזונד ... אונזער ערליכער מאטקע. שווארט זיך, אז זיא איז אוועק מיט אגוייעשקען סאלדאט .... גלויבט מיר, איך האב אויף דעם מיינע אויגען אויסגעוויינט, נאר ציינד הארט עס מיך וויא דער וואנד, ווייל פון אחזיר פעל, קען מען קיין שטריימעל ניט מאכען .... זאל זיא זיין אונזער כפרה, אונזער אויסלאזערין, ממזר, בלייבט ממזר ...

— און גנב, בלייבט גנב! — האט רייזקע, וועלכער איז שוין ארויס פון געדולט, אונטערגעכאפט — ווער האט איהר צוא דעם אלעם געבראכט, אז ניט איהר, גאטס גנב?..

— רייזקע! גאט — איז — מיט — אייך! — האט דיא גבאיטע געשטאמעלט — האט איהר מיך אהער גערופען, זיך קריגען מיט מיר?

— זאל זיך מיט אייך קריגען דאס העמד! — האט רייזקע באז

געשריען — וואס מיינט איהר שטענדיג קען מען נארען? הימעל און ערד האבען געשוואָרען, אז קיין סוד זאל ניט זיין... מען ווייסט שוין אייער יראת שמים! אייער פרומקייט זאל פאלען אויף אלע שווינדלער און אייער ערליכקייט — אויף אלע גנבים.... איהר האט גענארט גאט און לייט, איהר האט בעגנבעט ארעמע יתומים און אלמנות, וועלכע איהר האט איינם פריצענט געגעבען און ניין און נייצנציג פאר זיך.... נאר איהר האט דער אונגליקליכער רחלן דער צוא געבראכט, זיא זאל ענטלויפען! איהר האט דאס קינד געשיקט אין פרעמדע הייזער גנבנען, נאר איהר האט דער אונגליקליכער געוואלט פערקויפען צוא אייער מאטקע גנב פאר עטליכע הונדערט רובעל! איהר האט רחלם בלוט וויא א פיאווקע געזויגען און איהר גענאטה, זיא זאל זיך געזונטערהייט אין בעט לייגען, און אוים צוא נארען ביא מיר עטליכע רובעל!.. איך וויים אלעס, פרומע גבאיטע, און צוליעב דעם האב איך אייך גערופען, איהר זאלט שוין קיינעם ניט פערבלענדען דיא אויגען! ביז ציינד זייגען מיר אלע בלינד געוועזען און פון היינט אן וועט איהר בלינד ווערען פאר יודיש בלוט!

— רייזקע! — האט דיא אלטע שווינדלערין געציטערט — גאט איז מיט אייך, וואס רעדט איהר? פאר וואס פערפאטשט איהר מיר דאס פנים? איך בין גאט דיא נשמה שולדיג....

— עס וואלט שוין טאקע צייט געוועזען, אז דיא זינדיגע נשמה זאל אייך ארוים! וויא מען קען זיך אזויא פערשטעלען און מאכען מיגעס פון א צדקניות, זיין א אשטאדט-גבאיטע, א יתומים-פערזארגערקע... אי, אלטע מכשפה!

— אפינסטערער, אוויסטער מארגען אויף דיין קאפ! — האט חאנקע שוין „פער דוא" געקווייטשעט, אלס זיא האט זיך בערוהיגט — איין אויסריסיניש, איין אויספליקעניש אויף דיין גראבען געזונטען בויך! א העזה פון א אויג! מיך צוא שיקען רופען, מאכען פאר א גנב און איך, נאר! שטעה און שווייג.... אפאטש זאלסט דוא האבען פון זיין ליעבען נאמען, זאלסט בעגראבען דיין מאן, דיינע ממזרים און זייא דיך! וואס מיינסט דוא, פאסעל, איך וועל דיר שווייגען? איך וועל דיר געבען א פינסטערען מארגען, אז מען וועט זיך צונאנד לויפען אויף דיין בייזען וואונדער, איך וועל דיר ווייזען, ווער עס איז א גנב! ארויסגנבענען וועט מען דיר דיין טרפהנע נשמה! איך וועל דיר ווייזען, ווער עס פערקויפט טרפהנעס בראנפען... ווער עס האנדעלט מיט גניבות.... וועסט שוין ביא מיר ליעגען ניין איילען אין דער אדמה, טפוא זאלסט דוא ווערען! פאסקודסטווא! גראב שטיק פלייש מיט אויגען!

— ארוים, בעסטיע, פון מיין שטוב! — האט רייזקע אויסער זיך פון

צארען געוויטהעט אונ האנקע אזא שטוס געטהון, דאס דיא לעטצטע איז צוא דער טהיר געפאלען אונ צוויא שויבען אויסגעבראכען.

— עס זאל דיך ווארפען דאס ניי־יאהריגע קדחת! עס זאל דיך ווארפען אין דער הויך, מאלפע! פערזעהעניש! — האט האנקע געקלאגט אונ האט זיך קוים פון דער דיעלע אויפגעהויבען — געוואלד! זיא האט מיר מיינע אלטע ביינער צובראכען! ראטעוועט, (רעטעט) יודען!

ביא דיא ווארטער האט זיא זיך מיט איהרע שארפע נעגעל אויף רייזקעס געזיכט געווארפען, צום גליק, איז פנחס אין דער מינוט אריין אין שענק מיט נאך פיעל יודען אונ פעטש זיינען וויא האגעל געפלויגען, אמענדע, האט מען איהר וויא א שטיין פון שטוב ארויסגעווארפען.

דיא גאנצע גאס איז זיך צוא נאנד געלאפען; פון אלע זייטען האט מען געהערט דיא ווארטער: „גנב־טע"! „יודישע בלוטזויגערין"!

ווער עס האט געגלויבט אין גאט, דער האט איהר געקניפען אונ געריסען.

— אצוקיילטע, אצובייל טע, איז דיא שטאדט־גבאיטע אהיים גענאנגען, אונ זיא האט געהאט, וויא מען זאגט: המן'ס מפלה.

12.

ניטא קיין געלד.

טורנאווקע, דעם יונגען גוטבעזיטצער לעאן לעווינשטיינס שלאס, וועלכער איז מיט דרייא יאהר צוריק אבגעברענט געווארען, צוזאמען מיט אלע הויזמענשען אונ זיינע צוויא קליינע קינדער, איז יעטצט שוין צוריק אויסגעבויעט. —

אנשטאדט דיא פאריגע האלצערנע געביידען, שטעהן יעטצט צוויא־שטאקיגע שאנע הייזער, געמויערטע קעלער אונ שטאלען; איבעראל איז זויבער אונ מיט גלייכע גלאטע שטיינער אויסגעפלאסטערט, דאס פון ווייטען זעהט דער שלאס אויס וויא א שאנע שטאדטעל, וועלכעס איז ארומגערינגעלט מיט גלייכע הויכע געדיכטע בוימער. —

עס רוישט, עס לעבט אין הויף, אבוואהל עס איז נאך גאנץ פריה; דיא הירטען (פאסטוכעס) טרייבען ארוים אויף דעם וועידעפלאץ (פאשע); דיא בויערן שפאנען דיא פערד; דיא פעלד־ארבייטער געהען אין פעלד; דער יונגער ווירטה געהט ארום איבערן הויף אונ פאסט אויף אלעס זאל

זיין אין ארדענונג. ענדליך, איז ער אריין אין זיין רייכען זאאל, וואו זיין רייצענדע פרויא, הדסה, מיט זיין אלטען פארנעהמען פאטער, רפאל לעווינשטיין, וועלכער איז געסטערען אבענד צוא זייא צוגאסט געקומען, זיטצען ביי א בליטצענדער זידענדער טהעע־מאשינע אונ זיינען פערטיעפט אין א געשפרעך:

— יעטצט, ליעבער פאטער, בין איך פרייא פון מיין ארבייט — האט דער סימפאטישער יונגער לעאן לעווינשטיין מונטער געזאגט אונ זיך לעבען זיין פאטער געזעטצט — מען קען זיך ניט אימער אויף פרעמדע מענשען פערלאזען, איך מוז זעהען אלעס זאל אין ארדענונג זיין.

— עס פרייד מיך זעהר, וואס דוא, מיין זאהן, ביזט אין דיין פאטער געראטען. פיעל יאהרען האב איך זעלבסט מיינע צווייא גיטער (אימעניש), טורנאוקע אונ ווישניצע, פלייסיג בעארבייט, יעטצט געהערען זייא שוין ניט צוא מיר: דוא מיט דיין עלטערען ברודער זימאן, זיינען יעטצט דיא ווירטהען פון דיא צווייא רייכע גיטער. ארבייט, קינדער, פלייסיג פאר דעם קינפטיגען שטאמם! (דור) זאלען אייערע קינדערליך אויף אייך זיך ניט האבען וואס צוא בעקלאגען, ווייא איהר אויף מיר. טרינק, לעאן, טהעע אונ ערצאהל מיר, וואס פאר א נייעס הערט זיך ביי אייך? וואס מאכט אייער קליינע דינה־לע, וועלכע מען האט אייך אונטערגעווארפען מיט איינינע יאהר צוריק? ווייסט איהר שוין פיללייכט, ווער איהרע עלטערען זיינען?

דאנקען גאט, מיר זיינען אלע געזונד — האט זיך הדסה אבגע־רופען — דינה־לע איז אזעלטענעס קינד, פון איהרע עלטערען הערט מען ניט....

זיא איז אונזערע לעטצטע טרייסט, א, ווען מיינע צווייא אונגליק־ליכע פערברענטע קינדער זאלען יעטצט לעבען! וויא גליקליך וואלטען מיר געוועזען!

— גאט וועט אייך, ליעבע קינדער, אייער שאדען מיט פראצענט אומקעהרען — האט דער אלטער רפאל געזאגט, זעהענד הדסה'ס טרעהרען — איהר דארפט גאט דאנקען, וואס איהר זיינט דאן פון דער שרעקליכער שריפה לעבען געבליעבען. איהר זיינט נאך יונגע קינדער, איהר קענט האפען, אבער אויף וואס קען איך, אונגליקליכער פאטער, האפען? אלס איך וואר אבט יאהר אלט זיינען מיינע עלטערען מיט אשרעקליכען טויט געשטארבען, איך מיט מיינע צווייא קליינע ברידערלאך האבען זיך אונ־גליקליכע יתומים אבגעשטעלט; ערצויגען האב איך זיך ביי א געוויסען קינדערלאזען גביר לעווינשטיין, וועלכער האט מיר זיין נאמען אונ רייכטהום געשאנקען אונ פון מיינע צווייא ארימע ברידער האב איך ביז היינטיגען טאג ניט געהערט. גאט ווייס, צוא זייא לעבען. — יא, אייערען פערברענטען

צווילינג איז שוין פיעל בעסער פון אונז, אבער מיין איינציגע טאכטער, רבקה'לע, האט מען לעבעדיגערהייט פון מיר עטליכע און צוואנציג יאהר צוריק געראויבט.... ווער ווייס, צוא דיא פערפלוכטע ניעדערטראכטיגע אממע האט איהר ניט געטויפט? ווער ווייס, וואו דאס עלענדעס קינד וואלגערט זיך ארום, וואס פון איהר איז געווארען? דאך טראג איך, שוין א צייט מיט יאהרען, מיין אונגליק טיעף אין הערצען; מיט אלע מעגליכקייטען פערזאג איך דעם קימער, איך מוז נאך טרייסטען אייער אונגליקליכער מוטער, וועלכע טרויערט ביז היינטיגען טאג, דען לעבעדיגע צרות, זיינען ערגער פון טויטע....

נאר גענוג, קינדער, צוא ערמאנערען דיא אלטע אונפערהיילטע וואונדען, מיר וועלען בעסער ריידען פון עטוואס וויכטיגערם: זאג מיר, ליעבע הדסה, וואס הערט זיך פון דיין שוועסטער שיינע?

— זיא איז אין לאנדאן בייא איהר טאכטער שארלאטא.

— דענקט זיא שוין אימער דארט צוא פערבלייבען?

— ניין, מיין פאטער איז שוין איינינע וואכען אין לאנדאן, דען מיט א מאנאט צוריק האט שארלאטע א טאכטער געבארען, איך דענק, דאס מיין פאטער מיט שיינען וועלען גיך צוריק קומען.

— און פון דיין שוויגער ברודער מרדכי בלומענטהאל, שיינעס געמאהל, אויך פון זייער קליינעם זאהן, שלמה'לע, הערט מען גאר ניט?

— מיין אונגליקליכער שוואגער מרדכי איז פערפאלען וויא אין וואסער.... שארלאטעס געמאהל, מיסטער לעווי, האט שוין איינינע מענשען נאך אמעריקא געשיקט זוכען זיין שוויגערפאטער, ליידער איז קיינער פון איהם קיין שפור דער גאנגען.

וועגען שיינעס אונגליקליכען זאהן שלמה'לע, איז געוויס ניטא וואס צוא ריידען, ער איז געוויס ערטרונקען געווארען, וואהרענד דאס שיף "לעבא„ איז אונטערגעגאנגען; איהם האבען שוין לאנג דיא מעער-פיש אויפגעפרעסען.... א, וואס פאר א קלוגעס קינד ער איז געוועזן איך האב ניט בעגעגענט, דאס א קינד פון פינף יאהר זאל אזא פערשטאנד בעזיטצען.

— יא, טאכטער, אויף צרות געראט עס נאך.... צום בעוואונדערען האט אונזער פאמיליע אזעלכע צופאלע געהאט, וועלכע זיינען אונפערשטאנדליך און טרעפען איין מאל אין טויזענד יאהר. אבער וויא געהט עס שארלאטען?

— אהן איהר שאדען אויף אלע יודישע טאכטער געזאגט געווארען.

זיא לעבט וויא איינע קעניגין, איהר שוויגערפאטער, מיסטער דייוויס לעווי, איז איינער פון דיא גרעסטע לאנדאנער מיליאנערען, אויסער דזשעקען אונ אקליינע אכט־יאהריגע טאכטער, האט ער קיינע קינדער, זעלבסט פערשטאנדליך, דאס שארלאטע האט דאס מאל בעסער גע־טראפען, וויא מיט איהר ערשטען מאן דעם באנדיט, וועלבער האט איהר, איינינע וואכען נאך דער האכצייט, אין עסעקס זויא שאנדליך בעטראגען אונ בערויבט....

— יא, הדבקה, דוא האסט מיך ערמאנט, וואס הערט זיך מיט שארלאטעס ערשטען געמאהל, מיט דעם נידערטראכטיגען שופט, פייפקע ריקער, אדער אווגוסט פעלהאנדלער? זיצט ער נאך פעסט אין דיא גאלד־גראבען פון סיביר?

— לײדער, וויא מיר האבען געהערט, איז דער שורקע, מיט איינינע מאנאטען צוריק, פון דארט ענטלאפען, ווער ווייס, וויפיעל מענ־שען ער וועט ווייטער אונגליקליך מאכען....

— ער וועט פון גאטעס שטראפע ניט ענטלויפען — האט זיך לעאן אבגערופען — דיא ענדע פון גנב איז דער גאלגאן, (תליה) ער וועט מיט זיין טויט ניט שטארבען.

— באלאבאס! האט גימפעל, לעאנס בעדיענטער, דער געוועזענער נויארקער פעראיין־פרעזידענט, אויף זיין ווילדע הייזעריגער שטימע געמעלדעט — דער הורעל (ערל) פון אלטען קבה (תרח) איז גע־קומען, ער האט צוא אייך א הארט קוויטעלע, זידקארטע...

— א, וואס פאר א אנגענאהמע שטימע דוא האסט! — האט דער אלטער רפאל געלאכט — קום נאר אהער, גימפעל, וואס שטעהסט דוא ביא דער טהיר? ערצאהל מיר וויא געהט עס? וואס מאכסט דוא?

— איך מאך מיט דיא ציין אונ געה מיט דיא פיס.... — האט גימפעל אידיאטיש געשמייכעלט אונ ארויסגעשטעלט זיינע גרויסע שווארצע ציין — איך עס אונ טרינק, קיין זאך פעהלט מיר ניט נאר א כלה....

— בעגנסט דוא נאך אמעריקא, וואו דוא ביזט מיט איינינע יאהר צוריק געוועזען?

— אי, אמעריקא האט בעדארפט פערחאפט ווערען איידער איך האב איהר אין גאנצען דער קענט — האט גימפעל מיט א זיפץ גיענטפערט — מיין הישע בלאע (אשה רעה) האט מיך אין דאר־טיגען „סינג סינג" (אסטראג) געזעצט אונ אליין געלעבט מיט דעם בארדער.... (קווארטיראנט) ווען איך וואלט זיין אין טורנאוקע, וואלט

געווים ניט געברענט, מיין פאטער וואלט ניט פערברענט ווערען מיט דעם באלאבאס צוויא שאנע קינדערלאך.... א. ירוה אין אמעריקעס זיידענס....

— שטיל, גימפעל! — האט לעאן לאבענד געזאגט אונ איהם ניט געלאזט ענדיגען זיין שטענדיגע ברכה — זאג מיר בעסער, ווער איז געקומען?

— טאקע דער הורעל פון אלטען קרח....

— ווער איז דער הורעל פון אלטען קרח? רייד דייטליך!

— כטייטש! פראניקען דעם כפרה'ניק קענט איהר ניט?

— ווער איז דער פראניק?

— דעם פאן הראביעס משרת...

— גימפעל! — האט לעאן, וועלבער איז ארויס פון געדולד, שוין בייז געזאגט — וועל איך מיט דיר א גאנצען טאג דארפען ריידען? זאג שוין א מאל וויא רופט מען דעם הראביע?

— איך האב פערגעסען.... — האט גימפעל, קראצענדיג דעם קאפ, שטיל גיענטפערט — עפעס האט ער א היגטישען נאמען.... וויא זאגט מען אויף פויליש, שא, איך האב זיך ערמאנט!.... פעסאווסקי.... פראניק האט אייך פון איהם געבראכט א זידקארטע.

— געה, נעהם בייא איהם דיא זידקארטע — האט לעאן גע-שמייכעלט.

— חא! חא! חא! האבען אלע שרעקליך געלאכט, אלס גימפעל איז ארויס פון זאאל — ער איז געראטען אין זיין פאטער שמערקע, וועלבער איז געביך אין טורנאווקער שריפה פערברענט געווארען.

באלד איז גימפעל צוריק געקומען מיט א געשריבענער וויזיטקארטע, וועלבע לעאן איז מיט זיינע אויגען דורכגעלאפען.

— פערלאנגט עטוואס דער אלטער פערשוועגדער? — האט רפאל געפרעגט.

— ער בעט איך זאל איהם לייהען פינף הונדערט רובעל — האט לעאן געאנטווארטעט — ער האט געטראפען.... איך האב גראדע קיין געלד אונ ווען איך זאל זאגאר האבען, וואלט איך איהם אויך ניט גע-ליהען, דען מיר איז שוין בייא איהם גענוג געלד פערפאלען געווארען.... ער האט אימער פיינד אפ צוא געבען, א, וויא אונפערשעמט ער איז!

לעאן האט אויף זיין וויזיטקארטע איינינע ווארטער אויפגעשריבען אונ זיך צוא גימפלען געווענדעט.

— גיב אב דיא וויזיטקארטע פעסאווסקים דיענער אונ זאג איהם, דאס עס איז גיטא קיין געלד....

13.

דער צודולטער פאן חראביע.

פאן טאמאש פעסאווסקי, מארשירט ארום אהין אונ צוריק אין זיין גרויסען שרייבצימער. וויא עס זעהט אויס, איז ער אין שלעכטער לוינע אונ זעהר אויפגערעגט; אפטמאל קריצט ער מיט דיא ציין, זיינע היהנערישע איינעלאך ווערען מיט בלוט פערלאפען אונ זיין אבגעלעבטער אויסגעצערטער קארפער ציטערט פיבערליך, גלייך וויא ער וואלט עטוואס שרעקליכעס ערווארטען.

— ווער וויים, צוא דער זשיד וועט מיר געבען דיא פינף הונדערט רובעל.... — האט ער צוא זיך פערצווייפעלט געזאגט — נאך זיין רעכ' נונג קומט איהם פון מיר פיעל געלד... ער פערגעסט דאס אלעס געהערט צוא מיר! א, ווען דיא אלטע פאלאקען זאלען פון זייער עוויגען שלאף אויפשטעהען אונ זעהען, ווער עס עקספלואטירט זיך מיט זייער אייגענטהום, וויא דיא זשידעס האבען זייערע קינדער בערויבט, וואלטען זייא אבערמאלס געשטארבען! היילינע מוטער! וויא איז בייא דיר רעכט, אז דיא פערדארבענע זשידעס, וועלכע זיינען איבעראל פערהאכט, זאלען זיך בענוטצען מיט אונזער היילינער אוימושיזנע! (פאטערלאנד) וויא קענסט דוא זעהען, דאס דיינע אדעלע קינדער דארפען זיך זויא ערנידעריגען אונ בעטען שטיטצע בייא דיא זינדיגע פערשאלטענע בלוטזויגער!

דער פרומער חראביע וואר אזוי באז אויף דער פארזעהונג, (השגחה) דאס ער האט ניט בעמערקט דעם ערשראקענעם פראניקען שטעהען בייא דער טהיר, וועלכער האט מיט זיינע קאלבערנע אויגען געקוקט אויף זיין צודולטען יאסנעוועלמאזשנע פאן חראביע.

פראניקס הוסט האט טאמאשען ערוואכט פון זיינע טרויעריגע געדאנקען אונ מיט איין ציטערענדע שטימע האט ער דעם געזונקענעם דיענער געפרעגט:

— ביזט דוא געוועזן בייא דעם זשידיק לעאן?

— יא, פאן חראביע.

— האט ער דיר דיא סומע געגעבען...?

— איך האב מיט איהם ניט גערעדט.... זיין דיענער גימפעל האט מיר געגעבען דיא וויזיטקארטע אונ געזאגט, דאס זיין העיר האט קיין געלד....

— כוויניא! מאלפא! אסיאל! — האט טאמאש געקייכט אונ שוים האט געזעטצט פון זיין מויל, וועלכער וואר גאנץ ריין פון ציין — ארויס פון מיין שטוב, מיגעגע! טויגעניכטס!

פראניק (די יו"צ)

פראניק האט זיך לאנג ניט געלאזט בעטען אונ גענומען דעם וועג...

— נידערטראכטיגער פאדלער זשיד! האט פעסאווסקי געברוזהמט, אלס פראניק איז ארויס פון צימער — דוא, געמיינער שורקע, וואגסט מיר צוא ענטזאגען? דוא וועסט עס בערייהען! דוא וועסט פאר אלעס עהרליך בעצאהלען!

פאר דער שאנדע, וועל איך זיך מיט דיין אונרייניגעס בלוט וואשען! פון דיין פערפלוכטען פאטער האב איך, מיט עטליכע צוואנציג יאהר צוריק ראכע גענומען.... אבער אויך דיך זאל מיין ראכע טרעפען! ציטער פאר חראביע פעסאווסקי! אבער וואס קען איך איהם טהון? האב איך דען מאכט? קען איך דען פערגעסען, דאס אונזערע היילינע אויטשיזנע (פאטער־לאנד) האבען פרעמדע גערויבט אונ די זשידעס וויא אויך דיא דומע בויערען גלייכע רעכטע מיט אונז געגעבען? איז דען דער זשיד ניט שטארקער פאר מיר...? ער איז רייך אונ איך בין א בעטלער, איך האב דעם טיטעל „חראביע" אונ ער האט א טהייערען גוט, (אימעניע) וועלכע ברענגט איהם שאנע טויזענדער.

אויף מיין איינציג הייפעל ליוועקע, בין איך מעהר שולדיג, וויפיעל עס האט דיא ווערטה... אויסער דעם האב איך ניט זויא פיעל האאר אין קאפ, וויפיעל שולדען איך האב צו צאהלען.... מיינע פעלדארבייטער האב איך שוין איין יאהר קיין געהאלט געצאהלט, דיא לעטצטע עטליכע טויזענד רובעל האבע איך ביים חראביע פשיבילסקין אין קארטען פער־שפיעלט, אונ וואס פאר א ראטה קען איך זיך יעטצט געבען? איך וועל פראבירען דעם לעטצטען מיטעל אונ שיקען יוזיקען נאך קראסנעבראד צוא דעם רייכען פערדאמטען זשיד בערקא סאקאלאווסקי, פיללייכט וועט ער ביים מיר דינגען דיא ווינטמיהל אונ מיר געבען פאראויס פאר עטליכע יאהר. — דער הונד האט מיר דאן געוואלט געבען פינף הונדערט רובעל א יאהר, וואהרענד זיא איז ווארטה טויזענד רובעל יאהרליך, נאר וואס קען מען העלפען, אז מיר אדעל לייט ליעגען אין טיגערס מויל? יא, אזויא מוז עס בלייבען!

— פראניק! פראניק! — האט טאמאש געשריען — וואוהין ביזט דוא, אלטער הונד, געגאנגען! האסט דוא ניט געקענט ווארטען אויף מיין בעפאהל?

פראניק איז אריינגעקומען, אונ וויא אימער זיך דעמיהטיג לעבען טהיר געשטעלט.

— איהר, פאן חראביע, האט דאך מיך ארויסגעטריבען.... — האט זיך פראניק פערענטפערט — בין איך דען שולדיג, וואס דער רייכער זשיד האט געוואגט אייך צוא ענטזאגען?

— מילטש, סווינגיא! (שווייג, שווין!) — האט פעסאווסקי, וועלבער האט זיך געפונגען בעלייזיגט פון פראניקס ווארטאר צארענדיג אויסגערופען — דוא ערלובסט דיר צופיעל... איך וועל דיר דיין מויל אויף עוויג פערמאכען .... צום טויט פערשמייסען!...

— איך ווייס ניט, וואס איהר, פאן תראבניע ווילט פון מיר.... — האט פראניק מיט אפארווירפע געזאגט — פונפצעהן יאהר האב איך אייערע עלטערען טרייא געדיענט, וועלכע האבען מיינע אדערען געצויגען, מיין הויט געשונדען, אויך אייך דיען איך שאנע צעהנטליגע יאהר אונ קיין קאפיקע געהאלט בעקומען.... איך בין שוין פון געדולט ארויס, הערענדיג אייערע זידלעריא, אייערע ווארטער, וועלכע איך האב ניט פערדיענט.... דאנקען גאט, דער גוטהערציגער מאנארך, דער רעכטשאפטיגער גענאדיגער קעניג האט אונז בעפרייט פון אייערע בעדריקונג.... עס עקסעסטירט שוין מעהר ניט דיא פערפלובטע „פאנשטשיזנא"....(קנעכטשאפט) ער האט אונז גלייכע מענשליכע רעכטע געגעבען, קיינער האט קיין רעכט אונז צוא שמייסען אונ אומזיסט בעליידיגען... ווען איך געפעל אייך מעהר ניט, זויא בעצאהלט מיר וואס קומט אונ איך וויל מעהר ניט בייא אייך דיענען....

— א, וויא קלוג איהר מוזשיקעס (בויערען) זיינט היינט געווארען! — האט טאמאש שפאטיש געזאגט — פשעפראשאם, (ענטשולדיג פראניק, דוא דארפסט עס ניט פער אומגוט געהמען, דען מיר איז יעטצט זעהר שלעכט אויף דעם הערצען.... מיר וועלען זיך אברעכענען א צווייטען מאל. געה צוא יוזיקען אונ זאג איהם ער זאל איינשפאנען דאס פערד.

— וועלכעס פערד?

— דעם היגקידיגען קאשטאן.

— דער היגקידיגער קאשטאן וועט ניט קענען געהן אין עקיפאזש.

— צוא וועלכען טייפעל דארף מען דעם עקיפאזש? דער פערדאמטער זשיד בערקא, וועט ניט קראנק זייז אהער צוא פאהרען אין מיין מיסט-וואגען!...

— וואוהין זאל איך איהם בעפאהלען צוא פאהרען?

— נאך קראסנאבראד, צום זשידיק בערקא סאקאלאווסקי.

— וואס זאל ער איהם זאגען?

— ער זאל מיט דעם זשיד גלייך אהער קומען, דען איך דארף איהם האבען זעהר נאטהיג, הערסט?

— סלוחאם, פראשע פאנא, — האט פראניק געזאגט אונ געגאנגען אויספיהרען זיין הערר׳ס בעפאהל.

(די יו״צ) געדענק

— געדענק, פראניק! אהן בערקען זאלל יוזיק ניט קוממען!—האט דעם אלטען דיענער נאכגעשריען דער צוגעדולטער פאן חראביע....

14.

דער בעל מפטיר.

רבי בעריש סאקלאווסקי, אדער וויא דיא קראסנאבראדער יודען רופען איהם: בעריש פייגעלעס „דער בעל מפטיר", איז איינער פון דיא אנגעזעהענסטע רייכע איינוואהנער אין דעם פאלנישען קליינעם שטאדטעל קראסנאבראד, לובלינער גובערניע. רבי בעריש איז נאך א יונגער מענש, ניט לאנג אז ער האט געהייראט מיט זיין ווייב, פייגעלע לאקש, וועלכע האט איהם זיין טאטעריל פעשקע געשאנקען.

פון וואנען ער איז ווייסען ניט דיא קראסנאבראדער יודען — דען ערשט מיט איינגע יאהר צוריק האט ער זיך אין דעם שטאדטעל בעזעצט. דעם נאמען „בעל מפטיר" האבען איהם דיא דארטיגע יודען געגעבען, ווייל דעם ערשטען שבת ווען רבי בעריש איז געקוממען אין בית המדרש דאווענען, האבען איהם דיא גבאים געפיהרט אויבען אן אויף מזרח וואנד אונ אלס גאסט איהם מכבד געווען מיט מפטיר. בעריש האט זויא שטיל דיא ברכה איבער דער תורה געמאכט, דאס קיינער האט קיין וואָרט געהערט... אלס דער שמש האט אים געמאכט „א מי שברך" אונ איהם געפרעגט „בעבור שנדר"? (ד"ה וויפיעל ער איז מנדר....), האט ער געענטפערט: „בעריש ב"ר חיים".... אונ ווען ער האט בעדארפט זאגען דיא „ברכות ההפטרה", איז ער פלוטצלונג וויא געלעהמט געווארען אונ ניט געקענט איבערדרעהען מיטן צונג.... בענאהע א האלבע שטונדע האט דער עולם געווארט.... איינגע בעלי בתים האבען געפאטשט אין זייערע שטענדערס אונ געשריען: „נו א"! אויף וועמען ווארט מען? אנדערע האבען געפרעגט: וואס שטייט „דער בעל מפטיר? זאלל ער זאגען „דיא ברכות".... אונ דער זעלטענער „בעל מפטיר" שטעהט ביים ספר וויא א גולם אונ קלאפט א צאהן אן א צאהן.... ענדליך, נאך א לאנגען ווארטען, זיינען אויך דיא גבאים ארויס פון געדולט אונ געהייסען דעם בית המדרש שמש זאגען דיא ברכות ההפטרה.

ווִיא רַבִּי בֶּערִישֶׁען ווַאר אוֹיף דֶעם הֶערְצֶען, קֶען זִיךְ יֶעדֶער קְלוּגֶער לֶעזֶער פָאַרְשְׁטֶעלֶען.... עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט דִיא אוֹיגֶען אוֹיף צוּא הֵייבֶּען, אַבְּוואָהל עֶר הָאט זִיךְ פֶערְעֶנְטְפֶערְט, דָאס אִיהם אִיז פְּלוּצְלוּנְג נִיט גוּט גֶעווָארֶען...

נָאר בַּייא דֶער ווֶעלְט אִיז קֵיין סוֹד נִיטָא, אִיבֶּער הוֹיפְּט אִין אַזַא קְלֵיין שְׁטֶעדְטֶעל, וואוּ יֶעדֶער בַּעַל הַבַּיִת רִיהמְט זִיךְ פַאר אַ לַמְדָן, פַאר אַ מוּפְלָג, אִיז גֶעווִיס קֵיין ווְאוּנְדֶער, ווָאס מֶען אִיז שְׁפֶּעטֶער דֶער-גַאנְגֶען רַבִּי בֶּערִישֶׁעס קְרַאנְקְהֵייט.... אוּנ מֶען הָאט אִיהם גֶעקְרֵיינְט מִיט דֶעם נָאמֶען „בַּעַל מַפְטִיר". —

דָאךְ, צוּם בֶּעוואוּנְדֶערֶען, הָאט אִיהם דֶער זֶעלְטֶענֶער „מַפְטִיר" נִיט גֶעשַׁאדְט, פֶערְקֶעהרְט, אַלֶע הָאבֶּען אִיהם רֶעסְפֶּעקְטִירְט ווִיא דֶעם גְרֶעסְטֶען מוּפְלָג אוּנ בִּיסְלִיכְווֵייז הָאט זִיךְ רַבִּי בֶּערִישׁ גֶענוּמֶען מִישֶׁען אִין שְׁטָאדְטִּישֶׁע זַאכֶען, אָהן אִיהם הָאט קָהָל קֵיין זַאךְ גֶעטְהוּן, רַבִּי בֶּערִישׁ הָאט גֶע-הַאלְטֶען דֶעם מַאנִיפָּאל פוּן דִיא הַייוֶען אוּנ לִיכְט, ווִיא דִיא מָאדֶע אִיז נָאךְ הַיינְט אִין דִיא פָּאלְנִישֶׁע קְלֵיינֶע שְׁטֶעדְטְלִיךְ; שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, הָאט עֶר גְלַייךְ מִיט דִיא „פְּנֵי" גֶעגֶעסֶען בַּיים רַב אוּנ גֶעזֶעסֶען אוֹיבֶּען אָן לֶעבֶּען רַבְּ'ס רֶעכְטֶע הַאנְד. בַּייא דֶער דָארְטִיגֶער פָּאלִיצֵייע אִיז בֶּערִישׁ סָאקָאלָאווסְקִי דֶער קָאפּ: ווָאס עֶר הָאט גֶעווָאלְט, דָאס הָאט עֶר גֶעמַאכְט, קֵיין זַאךְ אִיז אִיהם נִיט שְׁווֶער גֶעווֶען: אַלֶע הָאבֶּען זִיךְ גֶעבּוּקְט צוּא דֶעם אָבְּגָאט, ווֶעלְכֶען מֶען רוּפְט: „גֶעלְד". יֶעדֶער הָאט פֶערְגֶעסֶען, דָאס עֶר אִיז אַיין אֵיינְפַאכֶער בּוֹיעֶר, אַ עַם הָאָרֶץ אוּנ קֶען נִיט אַ שְׁטָאךְ עִבְרִי.... דֶער רוּבֶּעל הָאט אַלֶעס פֶערְדֶעקְט.

„כֶּסֶף וְזָהָב מִטַּהֵר מַמְזֵרִים" הָאט דֶער קְלוּגְסְטֶער פוּן אַלֶע מֶענְשֶׁען גֶעזָאגְט, אִיבֶּער הוֹיפְּט אַזַא קְלֵיינִיגְקֵייט, ווִיא עִבְרִי, הָאט דֶער זֶעלְטֶענֶער מֶעטַאל גֶעווִיס רֵיין גֶעמַאכְט; יֶעדֶער הָאט גִיט פֶערְגֶעסֶען, דָאס רַבִּי בֶּערִישׁ הָאט "מָמוֹן קֹרַח„ ווִיא דִיא דָארְטִיגֶע חֲסִידִים פְלֶעגֶען זִיךְ ווֶעגֶען אִיהם אוֹיסְדְרִיקֶען, פוּן אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת אִיז גֶעווָארֶען מַעֲלוֹת: טֵהַייל הָאבֶּען עֶרְצֶעהלְט, דָאס רַבִּי בֶּערִישֶׁעס פָאטֶער, ווֶעלְכֶער אִיז גֶעווֶען אַ גָאוֹן עוֹלָם, אִיז נִפְטַר גֶעווָארֶען אַלְס בֶּערִישׁ ווַאר אֵיין יָאהר אַלְט, אַנְדֶערֶע הָאבֶּען גֶעזָאגְט, דָאס זַיין ווַייבּ, פֵייגֶעלֶע לָאקְשׁ, שְׁטַאמְט פוּן „שְׁפָּאלֶער זֵיידֶען" (אַ גוּטֶער יוּד), מִיט אַיין ווָארְט: רַבִּי בֶּערִישׁ אִיז אִין פֶערְלוֹיף פוּן צְווֵייא יָאהר גֶעווָארֶען קְרַאסְנָאבְרָאדֶער רֹאשׁ הַקָּהָל אוּנ קֵיין פַּרְנָסָה הָאט אִיהם שׁוֹין נִיט גֶעפֶעהלְט, זָאגַאר דִיא אָרוֹמִיגֶע פְּרִיצִים, ווֶעלְכֶע הָאבֶּען דֶעם פְּרִישֶׁען גָאלְדֶענֶעם קַאלְבּ דֶער שְׁמֶעקְט, זַיינֶען אוֹיךְ גֶעווָארֶען פוּן זַיינֶע מְשַׁמְּשִׁים אוּנ אִיהם גֶערוּפֶען „פַּאן סָאקָאלָאווסְקִי". ווֶענִיג גֶערֶעדְט, רַבִּי

בעריש איז אריין אין קראסנאבראד מיטן רעכטען פוס. — אבער אין דער ווארהייט, איז ער א פרומער ערליכער יוד, טראגט אלאנגע זיידענע קאפאטע, מיט לאנגע בארד אונ פאות, מיט א הויך פאלניש היטעל, פאהרט אפט צום פריטצקער צדיק אונ טרינקט שטארקע משקה גלייך מיט אלע דארטיגע חסידים. — פון זיין הויז געהט ארויס פיעל צדקה, זיין ווייב, פייגעלע לאקש, איז א וואהרע אשת חיל, א פרומע יודישע טאכטער, טראגט א שווערען פארוק אונ דאבינט יעדען טאג וויא דער גרעסטער חסיד.

אלזא וועט ניט שאדען אריין צוא געהן אין זיין וואהנונג, אום זיך צוא זעהען מיט איין אלטען גוטען ברודער....

דער בעל מפטיר זיטצט מיט זיין אויסגעצערטער הויכער פרויא, פייגעלע לאקש, מיט זיין ווייבס שאנעם פלימעניק, וואלפקע פער־זעהעניש, ביים מיטאג, אדער וויא מען זאגט אין קראסנאבראד „ביים ווארימוס".

— געלויבט איז גאט פאר דעם חסד — האט רבי בעריש מיט א געמאכטער פרומער מינע געזאגט, ציהענדיג דיא לאנגע לאקשען אין מויל — ווער וואלט עס גלויבען, אז איך וועל צייט צוויא יאהר זיך אזויא ארויפארבייטען? איך בין דער ערשטער בעל הבית אין שטאדט, איך האב גענוג כבוד אונ געלד; אלע ווערען פאר מיר דיא כפרה, דיא פאליציע איז מיינע, דארף איך ניט גאטט דאנקען? יא, מיין ווייב, איך האב שאנער אויסגעשפיעלט, וויא אלע מיינע גוטע ברידער, דאכט זיך, ווען זייא זאלען מיך היינט זעהען, וואלטען זייא מיך געוויס ניט דערקענט....

— אונ עס איז קיין וואונדער — האט פייגעלע גיפטיג גע־שמייכעלט — איך, דיין אייגען ווייב, דערקען דיך שוין באלד ניט.... קוקענדיג אויף דיין לאנגער קאפאטע, אויף דיין לאנגע בארד אונ פאות, איף דיין סאמיטענע יארמילקע, קען מען מיינען, דאס דוא ביזט אגעבארענער חסיד, א וואהרער גאונס א זאהן.... דאס אלעס איז אין מיין מזל. —

— אונ קוקענדיג אויף דיין שווערען פארוק, אויף דיין געגאלטען קאפ, מוז יעדער גלויבען, אז דוא ביזט דעם שפאלער זיידענס איין אורא־ייניקעל — האט בעריש, לאכענד געזאגט — זאל זיין וויא דוא זאגסט, אז אלעס איז אין דיין מזל, דער פאר אז מען האט ליעב דאס ווייב, ליעבט מען אויך איהר פאמיליע. איך וועל מיט דיין וואלפקען טהון א גרויסארטיגען רייכען שידוך אונ ער וועט שטענדיג זיין מיט אונז צוזאמען.

— איך דאנק דיר, בערקע, — האט וואלפקע פערזעהעניש (מיסגעבורט, אורואד) זיך אבגערופען אונ אויף ביידע באקען א שטיק געקייעט—דוא האסט גאר דיינע קליידער געביטען, אבער ניט דיין הארץ.... ביזט דער זעלבער גוטער ברודער וויא געווען.

— איך דאנק דיר פאר א פוטץ (קאמפלימענט) — האט בעריש פער-געניגענד געזאגט — זעה נאר, וואלפקע, וואס פאר א פוהר האט זיך לעבען אונזער הויז אבגעשטעלט? דאכט זיך, דאס איז פון אלטען פעסאווסקי?

וואלפקע האט קיין צייט געהאט צוא ענטפערען, דען דיא טהיר האט זיך געעפענט, אונ דער געזונטער הויכער יוזיק איז אריין אין צימער.

דאברא פאלודניא (גוטען טאג), פאן בערקא — האט דער בויער געזאגט — סמאטשנעגא אפעטיטא (אגוטען אפעטיט).

דזיענקויע (דאנקע) — האט בעריש געאנטווארטעט — זיטץ, יוזיק, וואס פאר א גוטע נייעס האסט דוא מיר געבראכט? וואס מאכט דיין הראביע?

— זא' ער מאכען מיט דער גאל — האט יוזיק געלאכט — ער מאכט אלע משוגע.... עס איז אונמעגליך פון דעם צודולטען אויס צוא האלטען. ער האט מיך עקסטרא נאך אייך געשיקט, ער דארף אייך נאטהיג האבען אונ מיר בעפאהלען, דאס אהן דעם פאן בערקא זאל איך ניט וואגען צוא קומען.

— צוא וואס דארף ער מיך זויא נאטהיג האבען?
— דאס ווייס איך ניט.
— וועסט דוא, יוזיק, נעהמען א ביסעלע אקיוויט (בראנטוויין)?
— פון דעם ענטזאג איך זיך קיין מאל ניט....

באלד האט יוזיק אריינגעגאסען א שאן ביסעלע ספירט, איינינע מאל אויסגעשפיגען אונ מיט זיין סיקמאן (אבער ראק) זיין מויל אבגעווישט; ענדליך, אז ער האט עטוואס פערביסען, האט ער בערישען געפרעגט:

— וועט איהר, פאן בערקא, באלד פאהרען?
— ניין, יוזיק, איך האב יעטצט קיין צייט.
— ווען דען?
— פאר נאכט.
— איך קען דאך אבער זויא לאנג ניט ווארטען?
— ווער הייסט דיך ווארטען? פאהר א היים.

— מעהר וואלט מיר ניט געפעהלט, ווען איך זאל קומען אהן איך .... דאכט זיך, ער וואלט מיך לעבעדיגערהייט איינגעשלונגען.

— הער מיך, יוזיק, פאהר אהיים אונ זאג דיין הראביע, דאס ביא נאכט וועל איך קומען מיט מיין אייגען פערד אונ וואגעלע.

— וועט איהר האטען ווארט?

— געוויס וועל איך קיין ליגנער בלייבען.

— דאווידזעניע! (צום ווידערזעהען) — האט יוזיק געזאגט אונ ארויס פון צימער.

— יוזיק! גריס דיין פאן הראביע! זאל ער זיכער זיין, דאס היינט אבענד, אכט אזייגער, וועל איך זיין אין ליוקע! — האט דעם פוהרמאן נאכגעשריען דער בעל מפטיר. —

15.

גוטע ברידער.

א שרעקליכע געדיכטע פינסטערקייט הערשט אין דעם ווילקער גרויסען וואלד. זעהר אנגענעהם, רוהיג איז דיא נאטור; עס בלאזט א קליין מייא ווינטעלע, וועלכעס בעוועגט דיא געדיכטע צווייגען, אונ דיא בלעטעלאך קלאפען, רוישען, אונ באלד ווערד צוריק שטיל וויא אויף א בית עולם; אפט מאל ווערד דיא געטליכע שטילקייט געשטערט פון אגעבריל פון א וואלד-טהיערע, וועלכע געפינען זיך טיעף אין וואלד. דיא לבנה שווימט צווישען בערג וואלקען, עס ווערד אויף א מינוט ליכטיג אונ באלד ווערד זיא פערשוואונדען אין דיא שווארצע וואלקען.

דארט אויף דעם זאמדיגען ווילקער וועג, זעהען מיר געהען א נאכטוואנדלער, וועלכען מיר וועלען מיט דער הילף פון מאנד קענען בעטראכטען: דאס איז איונגער מאן פון זעכס אונ צוואנציג יאהר, פון מיטעלען וואוקס, זיין בארד, זיינע שווארצע האאר זיינען ווילד פערוואקסען; זיין קארפער איז אבגעצערט, זיין געזיכט איז לייכענבלאס: נאר זיינע קליינע אויגען ברענען וויא ביא א וואלף; זיין בוישער סיקמאן (פאלטא) איז צעריסען, גלייך מיט זיין אויסגעקראכענעם פוטערגען ווינטערהיטעל אונ פון זיינע לייווענטע הויזען זעהט זיך ארויס זיין נאקעטער קארפער. —

ער געהט בארפוס, אין דער רעכטער האנד האלט ער א גראבען שטעקען אונ רעדט דיא ווארטער צוא זיך: א, וויא אונגליקליך איך בין וואס פון מיר איז געווארען! א וועק זיינען יענע גאלדענע צייטען, ווען איך האב געלעבט וויא א גראף! דאס אונגליק האט מיך אנגעפאנגען צוא בעגלייטען אויף שריט אונ טריט.... פון אלע מיינע געשעפטען איז געווארען אש אונ רויך, פערטריבען בין איך פון דער ליכטיגער שאנער וועלט.... זאגאר פאר מיינע עלטערען קען איך מיך ניט ווייזען, דען מיט איינינע יאהר צוריק, אלס איך וואר ביי זייא, האב איך זייא ערצאהלט, דאס זייענדיג אין לאנדאן האב איך א מיליאן פערדיענט.... איך בין דארט געוועזען מיניסטער אונ ווען זייא זאלען יעטצט זייער עקס-מיניסטער זעהען! שלעכט, ביטער וויא דער טויט! פינסטער, וויסט איז מיין לעבען! פינסטער איז פאר מיר דער ליכטיגער טאג, פאר וועלכען איך מוס זיך בעהאלטען אין דיא טרויעריגע וואלדער אונ ביי נאכט, ווען אלעס רוהט, אין דיא גראסטע רעגען אונ קאלטען, דארף איך זוכען מיין ברויט, וועלכעס קומט מיר אן מיט טויטשרעק.... אונ מיט וואס האב איך היינטיגען טאג אבגעלעבט? מיט א טרוקען שטיקעלע ברויט.... א, איך וועל עס ניט אריבערטראגען! אבער ווער האט מיך צוא דעם אללעם געבראכט? ווער האט מיך פון הימעל צוא דער ערד געשלײדערט? ווער האט מיך זויא אונגליקליך געמאכט? א, דער פער־פלוכטער פערדאממטער לעאן לעווינשטיין! איהם האב איך אללעס צוא דאנקען! גאר ער האט מיין פרייהייט אונ לעבען גערויבט! צוליעב איהם האט מען מיך נאך סיביר פערשיקט. פון וואנען איך בין ענטלאפען.... צוליעב איהם לייד איך אזויא פיעל! ער זיטצט יעטצט אין זיין רייכען ליכטיגען וואהנונג, עסט, טרינקט, אונ איך? אבער ער וועט מיר פאר אללעם עהרליך בעצאהלען! זיין בלוט מוז איך טרינקען! מיין פערוואונדעטעס הערץ וועט ניט רוהען, ביז איך וועל איהם ניט זעהען אין מיין לאגע.... א, אזויא מוז עס בלייבען!

דער גאבטוואנדלער איז פלוצים שטיל געווארען, דען ער האט ערהערט א גערויש פון א וואגען, וועלכער איז לאנגזאם געפאהרען אונ געבראכען דיא אבגעבראכענע טרוקענע וואלד-צווייגען.

א ווען עס זאל יעטצט פאהרען א רייכער מאן אהן בעדיענטע, וויא גליקליך וואלט איך געוועזען! איך וואלט זיך מיין לעבען איינגע־שטעללט.... טויט אדער רויט, וואס האב איך צוא ריזיקירען? פיללייכט וואלט איך מיך מיט דעם לעטצטען פערברעך געראטעט אונ געהאט מיט וואס צוא ענטלויפען נאך אמעריקא.... אבער שא.... וואו נעהמט

מען א מעסער ? נאר עס וועט גענוג זיין מיין גראבער שטעקען מיט איינינע פויסטען זאמד....
„איך בין גליקליך" ! האט דער באנדיט מיט פרייד אויסגערופען,

אלם דער וואגען וואר שוין ניט ווייט פון איהם אונ ער האט גוט בעמערקט, דאס עס זיטצט נאר איין מאן : איך וועל פראבירען מיין גליק, פיעללייכט איז עס א פעטער אכם, ווען ניט, זויא איז פאר מיר דער פערד אונ וואגען אויך א סחורה....

— דאברי וויעטשאר ! (גוטען אבענד) — האט דער נאכטוואנדלער, מיט א אונרוהיגע שטיממע אויף פאלניש געזאגט אונ זיין לאבערדיג ווינטערהיטעל אראפגענומען.

— דאברע זדראוויע ! (גוטען געזונד) — האט דער רייזענדער, שטאמלענדיג פון דעם פלוטצליכען בעגעגעניש, אויף געבראכען פאלניש געאנטווארטעט — וואהין געהט איהר, מיין פריינד ?

— נאך טורנאווקע — האט דער פוסגעהער ג׳ענטפערט אונ זיין הערץ האט געקלאפט פון פרייד, זעהענד, דאס ער האט א געשעפט מיט א יודעלע — איז נאך ווייט פון דאנען ?

— גאנצע צוועלף ווערסט. שאדע, איהר האט געקענט אין שטאדטעל קריגען א פוהר פאר פופצעהן קאפיקעס, אדער בעסער געהן ביים טאג....

— צום אונגליק האב איך קיין פוהר געקריגען אונ איך מוז דארט וויא אם שנעללסטען זיין.

— זיינט איהר א טורנאווקער ?

— ניין, איך בין א נאיאבער.... דער געגענט איז מיר גאנץ אונבעקאנט. זאגט מיר, מיין פריינד, וואוהין פאהרט איהר ?

— נאך ליוועקע.

— פיעללייכט וועט איהר זויא גוט זיין אונ מיר ערלויבען מיט אייך צוא פאהרען ביז ליוועקע, דען איך בין זעהר מיעד....

— ווארום ניט ? — האט דער רייזענדער געזאגט — זעטצט זיך עס וועט זיין גענוג פלאץ פאר אונז ביידען.

דער שורקע האט זיך לאנג ניט געלאזט בעטען, בליטצשנעלל איז ער ארויף אויף דעם וואגען, וועלכער האט באלד געריהרט פון ארט.

— איהר פאהרט וועגען געשעפט, אדער איהר וואהנט אין ליוזקע? — האט דער פרישער גאסט דעם רייזענדער פריינדליך געפרעגט אונ זיינע טיגערישע אויגען פון איהם ניט אראפגענומען....

— דאס דארף איך אייך ניט ערצאהלען — האט דער רייזענדער טרוקען געענטפערט....

— דארף מען ניט — האט דער באנדיט שטילל געמורמעלט אונ א פייערל האט זיך אין זיינע אויגען אנגעצונדען — איך פרעג אייך וויא א פריינד אונ איהר ענטפערט מיר זויא שטרענג....

— זעהר גיך זיינט איהר מיין פריינד געווארען.... — האט דער רייזענדער איראניש געזאגט אונ מיט שפאנענדע בליקען זיין אונגעבעטענעם גאסט בעטראכט, דען זיין שטיממע, אויך זיין ווילדעס געזיכט איז איהם בעקאנט פארגעקוממען....

— מענשען בעקענען זיך גיך.... — האט דער סובּיעקט פרעך ערוויעדערט — זיינט איהר, מיין העררר, א דארפס מאן, וועלכער בעגעגענט זיך וואהרשיינליך זעלטען מיט מענשען? זויא ענטשולדיגט פאר מיין נייגעריגקייט....

— טפררר! — האט דער רייזענדער באז אויכגעשריען אונ זיין פערד געשטעלט — זייט אזויא גוט אונ קריכט אראב.... איהר האט געטראפען, איך בין ווירקליך א דארפס מאן אונ וויל מיט אזעלכע מענשען ניט פאהרען....

— זעהר אנגענעהם — האט דער גאסט שפאטיש געזאגט אונ איז לאנגזאם אראפ פון וואגען — דאנקע פאר דער לאנגער רייזע.... א, וויא אדעל אונ גוטהערציג דיא דארפסלייטע זיינען! ווארט א מינוט, לאססט מיך אם ווייניגסטענס ארויסנעהמען פון דיא שטרויא מיין שטעקען, אהן וועלכען מיר איז שווער צוא געהען....

ביא דיא ווארטער האט ער מיט איין האנד געזוכט דעם שטעקען אונ מיט דער צווייטער דעם רייזענדערס אויגען מיט זאמד פערשאטען....

— באנדיט! גנב! — האט דער יוד, וועלכער האט דיא אויגען ניט געקענט עפענען, וויא א פערוואונדעטער טיגער געברוהמט — דוא וועסט מיר מיט דיין לעבען בעצאהלען!

אנשטאדט איין אנטווארט האט ער דערפיהלט אגוטען שטעקען אין קאפ....

פלוטצלונג האט זיך געהערט א קראך פון ארעוואלווער, וועלכער האט דעם גאנצען וואלד פערהילכט.

— וויא אַ הונד וועלל איך דער שיסען, געמיינער מערוויכער! (גנב) — האט דער איד, אויף דער בעקאנטער גנבים שפּראכע, גע־דאנגערט — וואס מיינסט דוא, איך בין אַ פּרייער? (אונוויסענדער) אַזעלכע וואָרים האָב איך שוין פון לאַנג צוטרעטען! בערעגים, בראט, (היט זיך ברודער) פאר איין אַלטען היהנערפרעסער!

— ווער — ביזט — דוא — ? האט דער ערשראקענער באנדיט געשטאממעלט זעהענד, דאס ער האט אַ געשעפט מיט איין אַ טען גוטען ברודער — דיין שטיממע קוממט מיר זעהר בעקאנט פאר.... ווען ניט דיינע לאַנגע באָרד אונ פּאות, דיין פּוילישׁ היטעל מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע, וואָלט איך שווערען, דאס דוא ביזט מיינער איין אַלטער גוטער ברודער....

אָבער ווער ביזט דוא, געמיינער יונג?

מיך רופט מען פייפקע ריקער....

פייפקע ריקער! — האט דער אַלטער היהנערפרעסער ערשטוינט אויסגערופען — אַרוֹה אין דיין טריפהנער נשמה, גנב! מיך דיין בעסטען גוטען ברודער, בערקא סאקאל, האסט דוא אַזויא מכבד געווען? חא! חא! חא! געטראָפען דאס אָרט וואו אַ שטומפּף (רויב) צוא מאַכען....

— בערקע! — האט ריקער מיט פרייד אויסגעשריען — דוא ביזט עס? זאלל איך עס גלויבען? צוא איז דאס נאָר אַ חלום?, אָ, וואס פאַר אַ גליקליכער צופאַלל! פערצייהע מיר, גוטער ברודער

— קום אַהער ממזר! — האט בעריש גערידהרט געזאָגט — איך ענטשולדיג דיך ניט.... דוא האסט נעביך געזוכט אַ לעשטש (פּוש) אין מוטנע (אונרייניגע) וואַססער.... דיין פינסטער מזל איז שוין אַזויא... אימער טרעפסט דוא וויא אַ בלינד פערד אין גרוב.... גיב אַהער, שלימזל, דיין פּיסק!...

ביידע גוטע ברידער האבען זיך הערצליך צוקושט.

— אָ, אַרוֹה אין דיין טאַטען! — האט בעריש, רייבענדיג דיא אויגען, געזאָגט — איך זעה ניט דיא ליכטיגע וועלט פאַר זיך.... דוא האסט מיך, ממזר, בלינד געמאַכט! לעק מיר אוים מיט דיין הינטישער צונג דיא אויגען.... איך וויל אם ווייניגסטענס זעהען, וואס אַ פּנים דוא האסט....

— גליך האט פייפקע געלאַכט אונ מיט זיין צונג, וויא אַ הונד, בערקעס אויגען געלעקט — וואס הערט זיך? זעהסט דוא שוין עטוואס?

— איי אויג האָב איך שוין גיעפענט אונ איך זעה, דאס דוא

האסט א פנים, וויא א הונד אין דיא ניין טאג.... אונ ווען איך וועל עפענען דאס צווייטע, שטעלל איך מיר שוין פאר, דאס דוא וועסט אויסזעהען וויא המן, ווען זיין ווייב האט איהם אבגעגאסען מיט אדעקאלאן....

— דער פאר זעה איך מיט ביידע אויגען, דאס דוא האסט א פנים, וויא א פוילישער „ער זאלל לעבען" — האט פייפקע געקוויקט פון געלעכטער אונ פלייסיג דאס צווייטע אויג געלעקט — דיין קאפאטע, דיינע באָרד אונ פאות זיינען לאנג וויא מיין כשרע האנד.... דיין היטעל איז הויך וויא דיא פענסטער פון ווייסען מוזער (אסטראָג), מיט דיינע צוויא שפיטצען פון דער קאלטאנאוואטער באָרד, קען מען עפענען דעם שלאסס, אונ מיט דיין חסידישען גארטעל וואלט מען געקענט ביגדען דעם שטארק-סטען מערדויבער... (גנב) אבער, וואס האָרט זיך מיטן צווייטען אויג?

— איך זעה שוין דיין ליכטיגע צורה, מיט דיינע טהייערע יומטוב-דיגע מלבושים.... — האט בעריקע איראָניש געאנטוואָרטעט אונ לאנגזאם גיעפענט ביידע אויגען — גאר בעסער פאר אללעם געפעללען מיר דיינע רויטע לאקירטע שטיפעל.... א, וואס פאר א טהייערע לעדער! בלוט אונ מילך....

גענוג צוא לאכען — האט פייפקע ערנסט געזאגט — די צונג איז מיר טרוקען געוואָרען, לעקענדיג דיינע ליכטיגע אויגען.... איך האב א פולל מויל מיט זאמד.... א לערען בוך, פערדארטע קישקעס, אונ אין מאגען שרייט: „גזלן! גיב עסען! בעסער וועלען מיר פאהרען נאך ליוזקע, דארט וועסט דוא מאכען פאר דיין הונגעריגען גוטען ברודער א שטיקעל באלל אונ דארפסט גומל בענטשען, וואס דוא ביזט גאנץ ארויס פון דעם וואלפס ציין.... וועסט דוא מיר יעטצט ערלויבען צוא פאהרען?

— דוא קענסט פאהרען, נאר ווארף אוועק דיין שטעקען, וועלכער קען נאר נוטצען פאר הינד-שלאגער — האט בעריש לאכענד געענטפערט — א, באנדיט, דיין שטעקען פיהל איך אין קאפ.... שאדע, וואס מיין שפייער (רעוואלווער) האט דיר ניט געטראפען.... נאר גענוג וועגען דעם צוא ריידען; דוא וועסט זיך אבשטעללען אויף א קורצער צייט אין ליוזקער קרעטשמע, דען איך מוז פריהער פאהרען צום הראביע פעסאווסקי אונ דער נאך וועללען מיר זיך פרעהען....

ביי דיא ווארטער האט בעריקע א קנאק געטהון מיטן בייטש, אונ פער-שוואונדען אין וואלד זיינען ביידע גוטע ברידער. —

ענדע ו — טהייל

די יודישע
ציגיינערין
אדער
דאס גערויבטע קינד

איין אינטערעסאנטער ראמאן פון פאלנישען און אמעריקאנישען
יודישען לעבען אין 4 טהייל.

פערפאסט פון

שלום לעדערער.

צווייטער טהייל

פערלאג אונ אייגענטהום פון מרדכי קאצענעלענבאגען בוכהענדלער ווילנא.

ווילנא
בדפוס י. פיראזשניקאוו.
שנת תר״ס לפ״ק

ЕВРЕЙСКАЯ ЦЫГАНКА.
Романъ въ 4-хъ частяхъ. Соч. Ш. Ледерера.
Часть II.

Изд. и соб. виленскаго книгопродавца М. Каценеленбогена.

ВИЛЬНА. Типографія **И. I. Пирожникова**, Завальная ул. д. № 1147.
1900.

Дозволено цензурою 12 Января 1900 г. Вильна.

I.

דער ליבעראליסט.

א טרויעריגע שטיללקייט הערשט אין פאן פעסאווסקים לעערען זאאל. גאנצן שוואך קלאפט דער אלטער וואנד-זייגער; טרויעריג גריללט דער גרילל איבערן גאנצען צימער; טאמאש זיטצט ביים טיש, אויף וועלכען עס ברענט איין אלטע לאמפע מיט אבלויען שירם, און לעזט אפאלנישען בוך. מיט זיינע מאגערע הענד האלט ער אנגעשפארט זיין קאהלען קאפ, וועלכער גלאנצט געגען דער דונקעלער שיין; דיא בלויע שטראהלען, וועלכע פאללען אויף זיין געקארצעטעס געזיכט. מאכען איהם זויא טייפליש, דאס עס עקעלט אויף איהם צו קוקען; זיינע היהנערישע אייגלאך זיינען פערשלאפען, זיינע ליפפען בעוועגען זיך עטוואס, אפט מאל הערט זיך אהויכער גענעץ, ענדליך, האט ער איינינע בלאטטער פערבויגען און פערמאכט דאס בוך.

— וויא קלוג, וויא ערהאבען, דער טאלאנט-פאללער קראקאווער שריפטשטעללער, פאן דיאבלאווסקי, שרייבט! — האט טאמאש צוא זיך געזאגט — וויא גאטטליך, וויא הויך זיינען זיינע אידעען! איז דען ניט וואהר? שרייבט ער דען ניט אריכטיגען רעכענונג, אז דאס גאנצע געלד איז ביא דיא זשידעס געבליעבען? זאלל מען מיך פרעגען..! וואו איז מיין געלד? וואו זיינען מיינע גיטער? (אימענים) איז דען א וואונדער? מיר געבארענע אדעלליים מוזען לעבען, און לעבען לאססען... מען קען ניט ווערען זאטט מיט דעם רובל און לעבען אהן לוקסוס... א פלאש וויין פאר א פינף אונד צוואנציגער מוז זיין צוא יעדען מיטטאג, טהייערער קאניאק דארף קיין מאהל ניט פעהלען.... א לוסט רייזע נאך אויסלאנד מוז מען מאכען, און קויפען דער אקטעריסע אפריזענט קאסט שאנע געלד... מען מוז טהייערע קליידער טראגען, דיא טהייערסטע פערד און עקיפאזשען דארף מען קויפען. אהן א קערטעלע קען מען ניט לעבען.... און דער זשיד? א, וואס פאר א אונווירדיגעס גיעריגעס פאלק! א גאנצע וואך לעבט ער איבער מיט א ציבעלע, א קאפאטע האט ער אויף צוואנציג

יאהר, שפעטער דרעהט ער איהר איבער אויף דער לינקער זייט אונ ווייטער א קאפאטע .... אין צעהן יאהר ארום, געהט ער איהר איבער פאר זיינע קליינע באחארעס (ממזרים) .... זיין ווייב ווייסט ניט פאן לוקסוס, וויא אונזערע פרויען; פאר איהר איז גענוג א פארוק פון פערדס-האאר, אלעמעשקע אלם מיטאג; שבת אונ יום טוב בענוגענט מען זיך מיט איין שאפסען קאפעל מיט א לונג אונ לעבער, מיט א קישקע מיט .... פון וועלכע זיא מאכט א ברויענעם קוגעל ... איהרע חתונה קליידער דויערען ביז דער עלטער אונ געהן קיין מאל ניט ארויס פון דער מאדע .... קיינע קינדער דארף מען ניט בילדען, קיין געזונד קיין לעבען, קיין רייגעם וואהנונג קיין מעבעל אונ ווירטשאפט, אונ וויא זאל ער קיין געלד ניט האבען? אללעם קויפט מען ביא זייא אונ פאר דער מינדעסטער זאך נעהמען זייא צעהן מאל אזויא פיעל .... צו ליעב דעם לייד דיא וועלט, צוא ליעב דעם איז א קריזים אין געלד. וויל מיליאנען באנקנאטען אונד גאלדשטיקע שימלען אונ פוילען אין זייערע אייזערנע שראנקע ....

עס געפעללט מיר זעהר וואס הערר דיאבלאווסקי שרייבט: „עס פאהרט אריבער חראביע: זיין עקיפאזש אונ טהייערע פערד קאסטען דרייא טויזענד רובל, ער מיט זיין לאקיי, זיינען ווערטה צוואנציג טויזענד רובל, זיין ביקס, זיינע יאגד הינד בעטרעפען שאנע הונדערטער אונ שיסט א האז פאר דרייסיג קאפיקעס ... אונ דארט, אויף דעם זעלבען וועג, פאהרט א זשידיק מיט א פערד אונ וועגעלע פאר זעכם רובל, ער אליין איז ניט ווערטה אדרייער — א האלבע קאפיקע, אונ שיסט מיט איין סודעבנע פריסטאוו א חראביע פאר צוויא מאל הונדערט טויזענד רובל"... איז עס ניט ריכטיג? עס וואללט שוין צייט געווען, דיא וועלט זאל קליגער ווערען אונ עפענען דיא געלד-זאק .... זאללען זייא זיך אוועק שלעפען נאך פאליסטינע, דאן וואללט יעדער גיעפיגט דיא אויגען אונ פרייער געאטהעמט ....

— יאשנע וועלמאזשנע, פאן חראביע! — האט פראנק געמעלדעט

— דער זשידיק בערקא סאקאלאווסקי איז געקוממען!

— רוף איהם אריין! האט טאמאש בעפאהלען.

פראנק איז ארויס פון ציממער.

באלד האט זיך דיא טהיר גיעפענט אונ בערקע איז אהן א היטעל מיט רעספעקט געבליעבען שטעהען לעבען טהיר.

— דאברי וועטשאר, יאסנע וועלמאזשנע פאן חראביע! — האט ער אין א געבראכענער פאלנישער שפראכע געזאגט אונ זיך טיעף פערנייגט

— איך האב ווארט געהאלטען אונ געקוממען ריכטיג אין דער צייט.

— דזיענקויע צי, מאי דראגי, (דאנקע, מיין טהייערער) — האט

טאמאש, וועלכער האט אימער מיט א יוד פער „דוא" גערעדט, מיט א טייפלישען שמייכעל גיענטפערט — וואס שטעהסט דוא, פאניע בערקא, בייא דער טהיר? קום צום טיש, זיטץ, דוא ביזט בייא מיר דער טהייערסטער גאסט ... איך זאג שטענדיג, דאס בערקא איז דער ארדענט־ליכסטער יוד פון אללע יודען, וועלכע איך ליעב בעססער וויא מיינע רעליגיאנס־ברידער ....

— איך דאנק אייך, פאן חראבריע, פאר א גוטע מיינונג ...

— אזויא, אזויא, — האט פעסאווסקי ערוויעדערט — ווען אללע מענשען זאללען קוקען אויף דיא אונגליקליכע פערשטויסענע יודען מיט מיינע אויגען, ווענן אלע זאללען האבען מיין מיינונג וועגען זייא, ווענן אללע זאללען זיין זויא הומאניש אונ ליבעראליש וויא איך, וואללט מען זיי זייא גאנץ אנדערש בעטראכט אונ געגעבען גלייכע רעכטע.... וואס וויל מען פון זייא? דאכט זיך, א קלוגעס פאלק, ענטוויקעלט, געלערנט, זעלטענע קאמערציאנטען, קיינע פערשווענדערס, רוהיגע מענשען מיט וועלכע מען קען ריידען, אונ ווארום פלאגט מען זייא איבעראלל? נאררישע מענשען! קענט איהר דען מיט אונזערען אבויער א ווארט אוים ריידען אדער געשעפט מאכען? דאס איז דאך א ווילדער אינדיאנער, וועלכער ווייסט ניט צוויא מאל צווייא אונ צאהלט מיט דיא פינגער... היינט געה פיהר מיט איהר א אינטערעס ... (געשעפט)? דאך, צום בעוואונדערען, שטעהט ער פיעל האבער פאר דעם ארימען יוד.... אונגליקליכע עהרליכע סטארי זאקאנע! (אלטע גלויביגע) גלויבט איהר דען ניט, וויא מיר, אין איינציגען גאטט? שטאמען דען ניט אללע רעליגיאנען פון אייער אלטען רעליגיאן? ווארום דריקט מען זייא זויא פיעל?....

פשעפראשאם (ענטשולדיגט), פאניע חראבריע, האט רבי בעריש, וועלכען דיא יודישע „אגע האט גאנץ וועניג אינטערעסירט, נאכלעסיג געזאגט — איך האב יעצט קיין צייט פיעל צוא פערברייגען ... זאגט מיר, וואס האט איהר נאך מיר געשיקט?

— ווענן דוא האסט קיין צייט — האט טאמאש מיט פערראכטונג גיענטפערט — וועללען מיר בעסער ריידען פון געשעפט... ווילסט דוא דינגען מיין ווינט־מיהל?

— אויב איהר ווילט פינף הונדערט רובל יאהרליך, קען איך זיא דינגען אויף דרייא יאהר.

— דיא פרייז האב איך שוין פון דיר, פאניע בערקא, פון לאנג געהערט, גלויב מיר, דאס א קריסט האט מיר געוואללט געבען זיעבען הונדערט רובל א יאהר, נאר איך האב ניט געוואללט פארדינגען, ווייל אין אללגעמיין האב איך ליעב מיט מיין רעליגיאנס־ברודער צוא געהן אין קאסציאל (קלויסטער) אונ מיט א יודען געשעפט צוא מאכען ...

— אויב יענער האט אייך געגעבען זיעבען הונדערט רובל, האט איהר איהם בעדארפט פערדינגען.... זיעבען הונדערטער איז א צוא גרויסע פרייז.

— וויפיעל וועסט דוא געבען?

— ניט מעהר וויא איך האב געזאגט.

— דוא ביזט א ביטערער יונג! האט טאמאש באז ערוויעדערט — ווייסט דוא דען ניט, דאס דיא מיהל איז ווערטה טויזענד רובל יאהרליך? ווילסט דוא מיך דריקען, ווייל דוא ווייסט, דאס איך נאטהיג זיך זעהר אין געלד? גיעריגער זשיד! דוא ביזט ניט בעססער פון דיינע אללע גיעריגע ברידער....

— איהר האט דאך מיר ערשט געזאגט, דאס איך בין דער בעסטער פון אללע יודען אונ בעדויערט דאס ארעמע ארענטליכע פאלק? האט בעריש געלאכט — גלויבט, מיר פאן חראביע, איך וויל אייך ניט דריקען.... איך צווייפעל צוא איך וועל עטוואס פערדיענען, ווייל דיא מיהל איז זייער אלט אונ פערנאכלעסיגט.

— וועסט דוא מיר געבען פאר דרייא יאהר פאראויס?

— דאס קען איך ניט... איך וועל אייך געבען פאראויס פאר איין האלב יאהר.

— איך נאטהיג זיך אבער זייער אין געלד?

— וואס קען איך אייך העלפען? איך האב ניט אזא גרויסע סוממע....

— וואלט איך דאס האבען, וואס בייא אייערע יודען שימעלט אין דיא שראנקע... — האט טאמאש מיט איין אויפגערעגטער שטיממע געזאגט אונ זיינע היהגערישע אויגלאך האבען זיך אנגעצונדען — איך ווייס, איך ווייס דוא ביזט אים שטאנדע מיר א גרעסערע סוממע צוא געבען, נאר דוא ווילסט ניט.... ווייסט דוא וואס איך וועל זאגען? גיב מיר צווייא טויזענד רובל אונ איך וועלל דיר געבען אקאנטראקט אויף דרייא יאהר.... דאס הייסט, טויזענד רובל פריצענט פאר דרייא יאהר, האנדעל איך ארענטליך?

— זעהר ארענטליך — האט בעריש געשמייכעלט — ערשטענס, קוממט אייך פאר דרייא יאהר, בלויז פונפצעהן הונדערט רובל, צווייטענס קיין פראצענטניק בין איך ניט אונ גלויבט מיר, דאס איך האב ניט אזויא פיעל געלד....

— ווארום האסט דוא, פאדלעץ, חראביע אסלאווסקי, פינף טויזענד רובל געליהען? — האט פעסאווסקי, קריצענדיג מיט די ציין, געפרעגט, — איז ער א שאנערער מענש פון מיר?

— דאס איז שוין א פעהלער וועלכען איך קען ניט פערריכטען. אבער מעהר גיב איך ניט געלד אויף פריצענט.... דיא לעצטע סוממע האב איך איהם א וועק געגעבען אונ ווען איהר וואלט פריהער בעטען, וואלט איך אייך געליהען....

— איז דאס דיין לעצטעס ווארט? זייא ניט זויא שלעכט, גיב מיר אם וויינינגסטענס פאראויס פאר צווייא יאהר.

— גוט, איך וועלל אייך צוא ליעב טהון אונ לייהען בייא מיינעם א בעקאנטען דאס רעשט געלד.... גלויבט מיר, פאן חראבייע, איך האב ניט קיין איין קאפיקע מעהר וויא פינף הונדערט רובל, אבער מיר איז שווער אייך צוא ענטזאגען.... מארגען וועללען מיר דעם קאנטראקט שליססען, נאר פריצענט פון טויזענד רובל וועט איהר מוזען צאהלען....

— וואס קען איך טהון? — האט פאן פעסאווסקי געמורמעלט אונ א באזען בליק אויף בערקען געווארפען — וועסט דוא מארגען זיין ביים נאטאריוס?

— געוויס, — האט בערקע, זיך אויפהייבענדיג פון שטוהל, רוהיג גיענטפערט — דאברא נאץ (גוט נאכט), פאן חראביע.

— דא ווידזעניע! (צום ווידער זעהען) — האט פעסאווסקי געזאגט

— אונ איז אריין אין זיין שלאפצימער.

— איך פערשטעה דיינע אנשטעלען, אלטער הונד! — האט בערקע געלאכט, אלס ער איז אויף זיין וואגעלע געזעסען — געטראפען דעם ארט וועמען צוא נארען.... אזעלכע פריינד זאללסט דוא האבען אין הימעל, וויא דוא ביזט אונזערע יודעלאך.... איך קען דיך צוא גוט, אלטער שנארער!

— פערפלוכטע זשידעס! פאראזיטען! פיאווקעס! וואמפירען! — האט נאך בערקעס אוועק געהן, געוויטהעט דער ליבעראליסט....

2.

קושען זאלל דיך דער מלאך המות.

— אצונד, גוטער ברודער, וועלען מיר ריידען — האט רבי בעריש בעל מפטיר צוא פייפקע ריקער געזאגט, אלס ער איז פון חראביע פעסאווסקי

(די יו"צ ח"ב)

פעסאווסקי אין ליווקער קרעטשמע געקומען — האסט דוא שוין עטוואס געקייעט ?

— איך האב געטרונקען א גלאזעלע ספירט אונ צוא געביסען.

— וואַרט, ברודער, איך וועלל בעטען דער נייער בעל הבית׳טע, זיא זאלל אונז געבען א בעזונדערען צימער מיט א גוטע וועטשערע (אבענד ברויט).

— לאה! — האט זיך בעריש צוא א עלטערע זויבערע פרויא געווענדעט, וועלכע איז לעבען שענק־טיש געשטאנען — קענט איהר אונז געבען איין בעזונדערען צימער אונ א פעטע וועטשערע?

— א בעזונדערען צימער קען איך אייך געבען, נאר פלייש האב איך היינט ניט געקאכט, אויב איהר ווילט, קען איך פאר אייך מאכען איין אייער קוכען, ברויט, קאז, פוטער, איינינע פלאש ביער.

— זעהר גוט, — האט בעריש צופריעדען געזאגט — נאר וואס זעהט מען ניט אייער מאנן? איז ער וואו געפאהרען?

— ער איז שוין מיט מיין בנציונען צוויא טאג אין שטאדט.

— וואס טהוען זייא דארט אזויא לאנג?

— מיר האבען גענומען פאר אונזער זאהן אונ פאר זיין כלה חתונה קליידער, דארף מען זעהען, דיא שניידער זאללען אללעס גוט אונ צייטליך מאכען, ווייל אויף דער קינפטיגער וואך וועט למזל זיין דיא חתונה.

— אזויא, קוממט דאך אייך א מזל טוב?

— אי״ה בייא אייער טאכטער — האט שרה פערגעניגענד גיענט־פערט — אין איין וועג וועל איך אייך בעטען אויף מיין ליעבען זאהנס חתונה, געוויס וועט רבי בעריש מיר ניט ענטזאגען, דען מיר זיינען דא נאך גאנץ פרעמד, בעזאנדערס, וועט איהר זיך בעקעננען מיט מיינע קינדער, וועלכע זיינען איינע פון דיא זעלטענהייטען.

— איך דאנק אייך פאר דעם כבוד. זאגט מיר, שרה, שוין לאנג, אז אייער זאהן איז א הער געקוממען?

— ניט מעהר וויא איין מאנאט.

— פון וואנען איז זיין כלה?

— אויס דער פאלנישער שטאדט בוסאלק.

— האט איהר מיט איהם דעם שידוך געטהון?

— ניין, מיין פריינד, מיין זאהן איז געוועזען אין בוסאלק עטליכע חדשים אונ האט זיך דארט אין דער כלה, אויף היינטיגער מאדע, פערליעבט....

(די יו״צ ח״ב)

זויינט

— זיינט איהר פון דער כלה צופריעדען ? האט זיא עלטערען ?

— פון דער כלה זיינען מיר העכסט צופריעדען, דען זיא איז שאן וויא דיא זונן אונ קלוג וויא דער טאג. זיא איז א יתומה, ווער איהרע עלטערען זיינען געוועזן ווייסען מיר ניט אונ עס אינטערעסירט אונז גאנץ וועניג, דען מיר האבען איין אנדערען געפיהל וויא דיא פוילישע; ביי אונז שפיעלט קיין ראלע דער יחוס, ווען זיא געפעללט אונזער קינד, דארפען מיר שוין אויף קיין זאך ניט קוקען, וויל מיט דיא עלטערען וועט ער ניט לעבען.

— אזוי דארף טאקע זיין — האט בעריש צוגעשטיממט — פיהרט אונז, שרה, אין א בעזאנדערען צימער אונ מאכט פערטיג דעם פיינקוכען מיט אללע גוטע זאכען, דען מיר זיינען הונגעריג וויא דיא הינד, איבער הויפט מיין פלימעניק, וועלכער איז צוא מיר אויף עטליכע טאג געקוממען....

שרה האט זייא אריין געפיהרט אין א זייבערען צימער, אונ אין א פערטעל שטונדע ארום, איז דער אבענד ברויט אויף דעם טיש געשטאנען מיט ספירט אונ ביער, וועלכען אונזערע גוטע ברידער האבען מיט גרויס אפעטיט געגעססען אונ געטרונקען.

— יעטצט, פייפקע, זאג מיר, פון וואנען קוממסט דוא ? — האט בעריש געפרעגט, אלס זייא האבען זייער אבענד ברויט גיענדיגט.

— איך קום פון ווייטען ארט, פון וואנען דוא ביזט א מאל ענטלאפען....

— דאס וויים איך.... האט דער בעל מפטיר שטילל געזאגט — אבער שוין לאנג, אז דוא האסט פון דארט געמאכט פיסם ?...

— שוין אייניגע מאנאטען.

— וואהין האסט דוא היינט ביי נאכט געוואללט געהן ?

— נאך טורנאווקע....

— נאך טורנאווקע ? — האט בעריש ערשטוינט געפרעגט — ביזט דוא משוגע ? דאס וועט הייסען: פון פייער אין וואססער.... שטעלל דיר פאר, וואס וואלט לעאן לעווינשטיין געטהון, ווען ער וואללט דיך בעגעגענט ? איך פערשטעה עס ניט, וויא איך בין א יוד.

— אונ איך פערשטעה עס גוט — האט פייפקע געלאכט — מיינסט דאס פייפקע איז שוין אין גאנצען משוגע ? יא דאס גליק איז פון מיר א וועק, אבער שווייגען מיין ערנסטען פיינד קען איך ניט.... פייפקע האט פיינד א בעל חוב צוא בלייבען.... לעאן לעווינשטיין דארף וויסען מיט וועמען ער האט אנגעפאנגען.

— וואס ווילסט דוא איהם טהון ?

— איך וויל זיין נשמה צונעהמען, וויא ער האט מיין לעבען גערויבט. אם ווייניגסטענס וויל איך איהם זעהען געהן אין דיא הייזער בעטען אשטיקעל ברויט....

— זיין נשמה צונעהמען, גלויב איך, וועסט דוא קענען, אבוואהל זיא וועט דיר גאנץ וועניג נוטצען, אבער איהם זויא גיך ארעם מאכען, וועסט דוא געוויס ניט אין שטאנד זיין.

— דיין לאנגע קאפאטע האט דיך פאר איין וויטיש (א נארר) געמאכט — האט פייפקע טייפליש געשמייכעלט — דער רויטער האהן קען אללעס....

— אונ דיין ביטער מזל האט בייא דיר דעם גלייכען פערשטאנד צוא גענוממען — האט בעריש ערוויעדערט — ניט אללעס שאדט דער רויטער האהן.... איהם קען ער נאך רייכער מאכען, וויא עס האט זיך שוין אמאל מיט לעאנען געטראפען. דארפסט וויסען, דאס מיט עטליכע יאהר צוריק איז זיין הויף אבגעברענט געווארען אונ ער איז היינט נאך פיעל רייכער, דער שלאסס איז פיעל שענער אלס פריהער... אונ דיין רויטער האהן וועט איהם גאר פאר א מיליאנער מאכען, דען טורנאווקע איז אין עטליכע געזעללשאפטען אססעקורירט.

— צוא דעם האט פייפקע א רפואה... ער וועט קיין איין קאפיקע ניט נעהמען אונ קען גאנץ לייכט אריינפאללען אין הויכען ארט (קערקער)... דען איך וועל איין אנקלאגע (דאנאס) געבען, דאס ער האט אליין אן געצונדען...

— וויא בערעכענט דיין פלאן איז, דאך געפעללט ער מיר ניט — האט בעריש נאכדענקענד געזאגט — דוא ריזיקירסט צוא פיעל... געדענק פייפקע, דוא וועסט אריינפאללען אין טיעפען גראב, וועלכען דוא וועסט פאר א צווייטען גראבען... מיין ראטה איז, פערגעס אן אללעס, געה בעססער אויף א גלייכען וועג, קריך ניט אין פייער....

— איך האב שוין זויא וויא זויא ניט וואס איינצושטעללען... טויט אדער רויט!

— איך האב דיר מיין מיינונג געזאגט אונ דוא קענסט דיר טהון וויא דיין הארץ געלוסט, נאר איך ווייס זיכער, דאס מען וועט דיך צוריק פיהרען אין קאלטען ארט... צוא דיין ווייבעלע דיא „טאטשקע"....

— וואס דען זאלל איך טהון? — האט פייפקע טרויעריג געפרעגט — אזויא איז בעססער? איך זאלל ארומגעהן אין דיא ווילדע וואלדער מיט געשוואלענע פיסס אונ שטארבען פון הונגער? וועל איך דען סוף כל סוף

(די יו"צ ח"ב)

סוף ניט אריין פאללען צוא דער שמירה (פאליציע)? ווען איך זאלל האבען געלד, וואללט איך ענטלאפען נאך אמעריקא.

— איך וועלל דיר געבען אויף דייזע קאסטען — האט בעריש זיך אבגערופען — איך וואללט דיר געהאלטען בייא מיר אין הויז, אבער ניט שטענדיג וועסט דוא דארט זיין זיכער.... דוא דארפסט פון רוססלאנד אבפאהרען, דען דיינע פיינד וועללען ניט שווייגען...

— איך דאנק דיר, בערקע, פאר דיין נוט הארץ. דיין ראטה געפעללט מיר זעהר, גיב מיר פינף טויזענד רובל פאהר איך נאך היינט אוועק....

— חא! חא! חא! — האט בעריש ביטער געלאכט — אונ ווענינער וועסט דוא ניט געהמען? וואו האב איך אזויא פיעל געלד?

— דוא האסט צעהן מאל אזויא פיעל — האט פייפקע קאלטבליטיג ערוויעדערט — איך וועלל קיין איין קאפיקע ווענינער ניט געהמען... איך האב ניט פערגעססען, אז דאס גאנצע געלד פון אללע אונזערע אמאליגע געשעפטען, האט זיך ביי דיר אבגעשטעלט... איך האב פערזייעט אונ דוא האסט געשניטען; דוא דארפסט זיך מיט מיר ניט דינגען, ווייל איך פערלאנג, בעהיטע נאטט, קיין געפעליגקייט, מיר קוממט פיעל מעהר....

— אונ ווען איך קען דיר ניט געבען אזא גרויסע סוממע געלד, וואס וועסט דוא מיר טהון? — האט סאקאלאווסקי אונרוהיג געפרעגט — אזויא האנדעלט מען מיט א גוטען ברודער? ניט אומזיסט זאגט מען, אז אויף א שלאנג טאהר מען זיך ניט ערבארימען...

— צוא וואס זאללסט דוא מיך צווינגען, איך זאלל דיר זאגען, וואס שפעטער וועט זיין? וואס מאכסט דוא דיך, בערקע, אזויא ארעם? מיך ווילּסט דוא פרייערען (נארען)? ווייסט דוא דען ניט, דאס איך קען אין אמעריקא ניט קוממען מיט ליידיגע האנד? אונזערע גוטע ברידער קענען ניט שווער ארבייטען אונ דארפען פיעל געלד... ווער דען זאלל מיך שטיטצען אז ניט א נאש בראט (אונזער ברודער)? איבער הויפט, אז איך פערלאנג ניט קיין געשאנק, וואס האסט דוא צוא מיר? דוא ווייסט אליין, דאס איך זאלל זיך מיט דיר וועללען אויסרעכענען קוממט מיר פיעל מעהר, זעהער פיעל...

— איך וויל מיט דיר קיינע רעכענונגען ניט האבען — האט בעריש באז געזאגט — ווילּסט דוא טויזענד רובל, וועלל איך דיר געבען, מעהר קען איך ניט אונ טהוא וואס דוא קענסט...

— איך קען זעהר פיעל... איך האב ניט וואס צוא פערלירען, וועסט

אליין שולדיג זיין, ווען איך וועל זיין גענאטה אוים צוא פיהרען, דאס מיר זאללען צוא זאממען צוריק געהן אויף אונזערע ערטער... מיט דיר וועט מיר פיעל פרעהליכער זיין... ברענג מיך ניט ארוים פון געדולד דען שפעטער וועט דיר ניט העלפען דיין לאנגע קאפאטע מיט דיא געדיכטע בארד אונ פאות... פאר איין אלטען גוטען ברודער שפיעל ניט א ראלע פון א חסיד...

— פערפאלען! — האט בערקע געברוהמט — פאר מיין גוט הארץ בין איך ווערטה דעם שטעקען... מארגען וועל איך דיר שיקען מיט וואלפקען דיא סוממע אונ געה אין גאטטס ערד... ביזט שטענדיג געוועזען א געמיינער פערשיטער (מסר), אונ וועסט קראפירען מיט דיין פערדארבענעם כאראקטער, מיין געלד, דיין נשמה...

— זייא ניט אזויא אויפגערעגט — האט ריקער גיפטיג געזאגט — פאר דיינע חסידישע קללות וועל איך באלד וועללען פרישע פינף טויזענד רובל, ווייל איך בין בייא מיינע עלטערען א בן יחיד... ווענן דוא זאללסט זיין א אמת'ער גוטער ברודער, וואללסט דוא מיר מיינע עהרליכע געלד פערגינען אונ מיר צוא געוואונשען א גליקליכע רייזע, נאר גענוג וועגען דעם צוא ריידען. זאג מיר, ברודער איז וואלפקע בייא דיר? ווייא געהט עס איהם?

— איהם איז בייא מיר זעהר גוט.

— פיהרט ער דיא אלטע האנד געשעפטען?...

— ניין, ער איז מיין בוכהאלטער, מיין ראטה געבער, ווייל ער קען זעהר גוט שרייבען....

— אוי וועט ער דיר א מאל אנשרייבען... געדענק, בערקע! היט זיך פאר דעם פערזעהעניש...

— פערזארג מיר ניט, ער איז פיעל ערענטליכער פאר דיר... זאג מיר בעססער, ווענן רעכענסט דוא צוא פאהרען?

— אין דרייא טאג ארום.

— וואס וועסט דוא דא זויא לאנג טהון?

— איך מוז בעזוכען לעווינשטיינען אונ איהם איבערלאססען איין גוטען פריזענט, אלס איין אנדיינקונג, פאר מיין אבריינע נאך אמעריקא...

— מיין כפרה ביזט דוא מיט איהם צוזאממען, נאר קענסט דוא מיך פערזיכערען אויף דיין עהרען ווארט, אז דוא וועסט פערגעסען אין דיין רויטען האהן, וועלכער קען דיך פערשיטען? בעזאנדערס וויל איך עס ניט צוליעב איין אנדערע אורזאכע, וועלכע איך קען דיר ניט ערקלערען...

— קענסט זיכער זיין, דאס אויף אזויא פיעל וועלל איך ניט וועללען ריזיקירען, דען יעטצט בין איך דאך שוין רייך... איך וועלל איהם אליין בעצאהלען, אבער וועסט דוא וווארט האלטען אונ שיקען מיט וואלפקען דיא פינף טויזענד רובל? זאלל ער מיר איינקויפען אנשטענדיגע קליידער אללעס וואס איך דארף, דען אזויא קען איך ניט געהן... וועסט דוא גוטער ברודער אללעס פינקטליך ערפיללען?

— געוויס, האט בערקע געאנטוואָרטעט אונ זיך אויפגעהויבען — פאהר געזונד, פייפקע, גאטט זאלל דיין וועג בעגליקען, נאר זיי ניט קיין פאדלעץ אונ שרייב פון אמעריקא בריעף, וויא דיר געהט... איך מוז א היים פאהרען, נוייל עס איז שפעט, זייא א וואָרטס מאן, שטעלל ניט איין דיין לעבען מיט דעם נאררישען רויטען האהן אונ גיב אהער דיין הונטישען פיסק, דאך איין אלטער גוטער ברודער!

ביידע האבען זיך הערצליך צוקושט, אונ באלד איז בעריש אבגעפאהרען.

— חא! חא! חא! — האט ריקער געלאכט, אלס ער וואר שוין אליין אין צימער — וויא געפעללט אייך דער חסיד? פרייא דיך ריקער! וועסט אריינרוקען אונגעריכטע פינף טויזענד קארבען (רובל)!....

א אנשיקעניש, א באזע בעגעגעניש — האט בערקע צוא זיך געזאגט פאהרענדיג אין וואלד — וואס א גנב קען! נאך זיך צוקושט מיט איהם... קושען זאלל דיך דער מלאך המות....

3.

א פוילישע חתונה.

שטילל, רוהיג איז דיא נאטור. אין טורנאווקער געדיכטען וואלד האט שוין אנגעפאנגען צו דעממערן (פינסטער צוא ווערען). דיא זאנגע איז וויא א פייעריגער קוגעל אין מערב זייט געשטאנען אונ איהרע לעטצטע שטראהלען אויף דיא שפיטצען פון דיא בוימער געווארפען. —

טיעף אין וואלד פאהרט איין אפענער עקיפאזש מיט צווייא פאר־געהמע העררן; וויא שטארקע לייבען, זיינען דיא דרייא פערד געשפרונגען אונ דער פוהרמאנן קנאקט מיט'ן בייטש, וועלכער הערט זיך איבערן גאנצען וואלד. —

וויא אנגענעהם, וויא געזונד איז יעצט דיא לופט! — האט אונגער סימפאטישער הערר אויסגערופען — וויא ראטהעסט דוא, ליעבער פאטער, וועללען מיר פאהרען נאך ווישניצע איבער ליוזקע?

— יא, מיין זאהן, האט דער עלטערער גיענטפערט — דער ליוזקער וועג איז פיהל פרעהליכער. מיר וועללען אין ליוזקע דאבענען מנחה אונ מעריב. —

— א, פאטער! וויא צופריעדען וועט זיין מלכה פון אונזער טהייערן גאסט! שוין צעהן טאג ביזט דוא, פאטער, ביי לעאגען אונ מיר האבען דיא גאנצע צייט ניט געהאט דיא עהרע דיך אין אונזער הויז צוא זעהען. מיין ווייב האט מיר שוין פיעל מאל וועגען דעם פארווירפע געמאכט. —

זיא האט רעכט, ליעבער זימאן, אבער איהר מוזט מיר, קינדער ענטשולדיגען, דען אייך איז בעוואוסט זייער עלינדקייט אונ איך האב זייא געמוזט טרייסטען. א, וויא אונגליקליך זייא זיינען!

אין א האלבע שטונדע ארום האט זיך דער עקיפאזש אבגעשטעללט לעבען דער ווילקער קרעטשמע (שענק).

— זימאן! — האט אונזער בעקאנטער רפאל געזאגט — מיר וועללען דא האבען א חתונה, דען איך הער שפיעלען.

— יא, פאטער מיר וועללען בייוואהנען א בויערישע האכצייט.

— אין געגענטהייל — האט רפאל ערוויעדערט — דאס איז א יודישע האכצייט, הערסט דוא דען ניט דיא טרויעריגע מוזיק, דיא יודישע מעלאדיע, וועלכע מוז בעריהרען דאס יודישע הערץ? קלינגען דען ניט אין דיינע אויערען דיא וויכע ריהרענדע טאנער, אין וועלכע עס ליעגט, אונגליק, נויטה, אונ דער יוד מוז זייא אייניגע הייסע טרערען שענקען?

— מיכל! האט זיך דער אלטער רפאל צום פוהרמאנן געווענדעט — געה אריין אין קרעטשמע אונ פרעג דעם ווירטה, צוא וועללען מיר דא קענען זיך אבשטעללען אויף א שטונדע, ווענן ניט, זויא מוזען מיר ווייטער פאהרען.

מיכל איז אריין אין קרעטשמע אונ באלד צוריק געקוממען מיט דעם ווירטה פון קרעטשמע, וועלכען מען האט עזרא רייז גערופען.

עזרא רייז איז א יוד פון עטליכע אונ פונפציג יאהר, זעהר אנשטאנדיג געקליידעט, זיין אנגענעהמעס געזיכט, זיינע קלוגע אויגען, האבען געשטראהלט פון פרייד אונ זיין שנעע-ווייסע לאנגע בארד, האט איהם זעהר עהרענווירדיג געמאכט.

— ביטטע, מיינע הערן, — האט דער ווירטה צו דיא לעווינשטיין העפליך געזאגט — איך האב פיר אייך א בעזאנדערען צימער, בעזאנדערס

בין איך היינט א בעל שמחה, איך מאך חתונה מיין זאהן זעלבסט פער־שטאנדליך, דאס איהר װעט מיר ניט ענטזאגען צוא געהמען א טהייל אין מיין פרייד, אונ אבװאהל איך בין אייך גאנץ אונבעקאנט, אבער מיר יודען זיינען אללע ברידער. ניט לאנג אז מיר װאוינען אין ליװקע, מיר האבען גאנץ װעניג בעקאנטע אונ גאטט האט אונז בעפאהלען: „ואהבתם את הגר". (איהר זאלט ליעבען דעם פרעמדען.

— זעהר אנגענעהם — האט רפאל געריהרט פון זיינע װארטער געזאגט אונ איז מיט זימאנען אראפ פון עקיפאזש — האט מען שוין געדאבינט מנחה?

— ניין מיין פריינד. מיר האבען קיין מנין געהאט, יעטצט, אז גאטט האט אייך אהער געבראכט, װעללען מיר דא דאבנען װיא געהעריג איז.

רפאל מיט זימאנען זיינען אריין אין א זויבערען בעקװעממען צימער, באלד זיינען אריינגעקוממען איניגע פאלנישע יודען מיט לאנגע קאפאטעס מיט אונגעהייערע הויכע היטלען אונ גאנץ פרומם האט מען מנחה אונ מעריב אבגעדאבינט. אם ענדע האט דער מחותן עזרא דיא צװייא רייכע געסט אין צװייטען גרויסען צוממער אריינגעבעטען, װאו איניגע יודישע װייבליך, מיט קליינשטאדטעלדיגע מיידלאך האבען געטאנצט א פוילישען „ברוגז" א „שמונה עשרי טאנץ" „א רעטשקע" אונ די כלה, אין א העללע ציצענע קליידעל איז אויבען אן אויף א שטוהל געזעסען.

אבער װיא שאן, װיא ליבענסװירדיג זיא האט אין דעם איינפאכען קליידעל אויסגעזעהען! אזא שוינהייט קען מען נאר בעגעגענען צװישען יודישע טאכטער, אויף װעלכע דיא נאטור האט געצייגט דעם זיעגעל (חתימה) פון אונשולד אונ חן.

װיא רייצענד שאן זיא איז! — האט זימאן צוא זיין פאטער געזאגט — מיר קענען שטאלצירען מיט אונזערע יודישע טאכטער...

— יא, זיא זעהט אויס איין אדעלעס קינד צו זיין, פון א ארדענטליכעס הויז — האט רפאל פערטראכט גיענטפערט.

קוים האט דער ראטענגראדער בדחן דיא צװייא רייכע בעקאנטע געסט בעמערקט, האט ער אויף זיין פאנפאװאטער פערדומפענער שטיממע צו דיא כלי זמרים (מוזיקאנטען) געשריען:

לכבוד הרבני, הגביר, רבי רפאל,
ולכבוד בנו המשכיל רבי זלמן לעװינשטיין,
גאטט זאלל זייא געבען גליק אהן א צאהל,
אויפגעשפיעלט, כלי זמרים, לעבעדיג, פיין!

דיא קְרַאנְסְבְּרַאדֶער כְּלֵי זְמָרִים , װעלְכֶע הָאבֶּען דיא לעווינשטיינס גוט געקענְט , הָאבֶען דָאס מָאל מִיט לוּסְט גֶעשְׁפִּיעלְט : לייבקע כְּלֵי זֶמֶרְס פִיעדֶעלֶע הָאט גֶעיָאמֶערְט , איצעלעס קְלַארְנֶעט האט געוויינְט , נַחֲ'קֶעס פְלֵייט הָאט גֶעזִיפְצְט , פייבילס בַּאסס הָאט געקְרֶעכְצֶעט און װעלוועקעס פּוּיְקֶעל הָאט אַללֶעס פֶערְטוּיבְּט ... אַללֶע הָאבֶען גֶעוואוּסְט , דָאס לעווינשטיין גִיט נִיט װֶענִיגֶער װיא אַ פִּינְפֶערִיל (פִּינְף רוּבְּל) , און יֶעדֶער פון זֵייא הָאט מִיט זַיין גַאנְצֶען טַאלַאנְט און קוּנְסְט געשְׁפִּיעלְט .—

זֶעהְר טְרוֹיעריג הָאט לייבקע , דֶער קְלֵיינְשְׁטֶאדְטֶעלְדִיגֶער קָאנְצֶערְטִיסְט גֶעשְׁפִּיעלְט : פֶערְגֶעסֶען הָאט עֶר אָן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט ; דִיא אוֹיגֶען הָאלְט עֶר פֶערְמַאכְט , זַיין קָאפּ מִיט דֶעם לִיגֶען אוֹיעֶר זַיינֶען װיא אַרַיינְגֶעוואַקְסֶען אין פִיעדֶעל , עֶר אַרְבֵּייט מִיט אַללֶע גְלִיעדֶער , און דִיא פִינְגֶער צִיטְטֶערְן , שְׁווימֶען איבֶּער דִיא פִידֶעל־סְטְרוּנֶעס אַרָאפּ און אַרוֹיף . װיא פון אַ קְוַואל גִיסֶען זִיךְ טְרוֹיעֶרִיגֶע יָאמֶערְלִיכֶע טֶאנֶער , און דִיא וַוייבֶּער גִיסֶען מִיט טְרֶערֶען , וויא צום „וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף״ ...

— אַ לֶעבֶּעדִיגֶען צוּשְׁפִּיעל מִיט חֵשֶׁק ! — הָאט דֶער בַּדְחָן פְרֶעהְלִיךְ אוּיס גֶערוּפֶען אַלְס לייבקע הָאט זַיין טְרוֹיעֶרִיגֶען „אָבְשְׁפִּיעל״ גֶיעֶנְדִיגְט — לוּסְטִיג ! פְרֶעהְלִיךְ !

און װירקְלִיךְ זַיינֶען דיא אינְסְטְרוּמֶענְטֶען װיא לֶעבֶּעדִיג גֶעוואָרֶען : לֵייבְּקֶעס בּוֹיגֶען מִיט דִיא פִינְגֶער , זַיינֶען וויא טֵייפְלֶען גֶעפְלוֹיגֶען , גֶעהוֹיבֶּען הָאבֶּען זִיךְ דִיא קְלַאווִישֶׁען (קְלַאפֶּעס) פון קְלַארְנֶעט און פְלֵייט , דֶער בַּאס מִיט דֶער פּוּיק הָאבֶּען דִיא אוֹיעֶרֶען פֶערְטוּיבְּט , דִיא וַוייבֶּער הָאבֶּען זִיךְ מִיט דֶער מְחוּתֶּנֶיסְטֶע פַאר דִיא הָאנְד גֶענוּמֶען , גֶעמַאכְט אַ רֶאדֶעל , גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען װיא דִיא צִיגֶען גֶעפַּאטְשְׁט מִיט דִיא הָאנְד און אַלְס דֶער „צוּשְׁפִּיעל״ הָאט זִיךְ גֶיעֶנְדִיגְט , הָאט דֶער בַּדְחָן אוּנְטֶערְן נָאז גֶעזָאגְט :

— צִינְד (יֶעצְט) זָאלְמֶען גֶעבֶּען דִיא כְּלֵי זְמָרִים לֶעקַאךְ מִיט בְּרַאנְפֶען און דִיא קְלֵיינֶערְס צוּפֶערְבַּייסֶען ! ...

רפאל הָאט אִיהְם צוּלִיעב גֶעטְהוּן און ר' לייבקען , דֶעם קַאפֶּעל־מַייסְטֶער , אַ פִּינְפְרוּבְּלְדִיגֶע גֶעגֶעבֶּען , אוֹיךְ זוּמאן הָאט אִיהְם אַפַּאפִּיעֶרֶעל דֶערְלַאנְגְט .

— קִינְדֶער ! ס'איז שְׁפֶּעט ! — הָאט ר' שמחה שַׁמָּשׁ מִיט אַ הֵייזֶערִיגֶער שְׁטִימֶע גֶעשְׁרִיעֶן — זָאלל מֶען בֶּעזֶעטְצֶען דִיא כַּלָּה !

וַוייטֶער הָאט לֵייבְּקֶעס פִּידֶעלֶע „טְיָאךְ״ „טְיָאךְ״ גֶעמַאכְט ; דִיא וַוייבֶּער הָאבֶּען צוּפְלַאכְטֶען דֶער כַּלָּה'ס לַאנְגֶע הָאאָר , דֶער בַּדְחָן הָאט גֶעפְּאנְפֶּעט זַיין גְרַאם , וויא דֶער כַּלָּה'ס פָאטֶער בֶּעט רַחְמִים בַּיים בֵּית דין שֶׁל מַעְלָה , מֶען זָאלל אִיהְם עֶרְלוֹיבֶּען צוּא זַיין בַּייא דֶער טָאכְטֶערְס חוּפָּה

 און

און שטיין פיער איילען נויט . . . שרעקליך יאממערען די וייבער , אם ענדע, איז צוגענאנגען דער אלטער בוקעלהאפטער (הארבאטער) שמש רבי שמחה, מיט א גרויסער זיידענער טוך האט ער בעדעקט דער כלה *) און אלם יעדער פרויא האט מיט דער כלה זיך ארומגעדרעהט דאס „פאר דער חופה טאנצעל", האט דער בדחן געשריען:

— רבי שמחה! מאכט דער כלהס פאטער איין „אל מלא רחמים"

— וויא האט מען איהר פאטער גערופען ? — האט דער שמש געפרעגט.

— רחלע ! — האט זיך לאה, דעם חתנס מוטטער, צוא דער פער-יאממערטער כלה געווענדעט, ביוא וועלכער דאס געזיכט וואר פערהאנגען מיט א געדיכטע זיידענע טוך — וויא האט מען דיינע עלטערען גערופען ?

רחלע האט ניט גיענטפערט . . . .

— רחלע, מיין טאכטער וואורום ענטפערסט דוא מיר ניט ?

אנשטאט איין אנטווארט, איז רחלע פון דער שטוהל אויף דער דיעלע (פאדלאגע) געפאללען . . .

— דיא כלה חלשט ! דיא כלה איז חלשות געפאללען ! — האבען דיא וייבער אויסגעשריען — ראטעוועט (רעטעט)! וואססער ! וואססער !

— געוואלד , וואססער ! — האבען אייניגע הויכע היטלען געשריען — זאלל מען איהר געבען אין מויל א ביסעלע וויין !

— מען טאהר ניט פאר דער חופה ! — האבען אנדערע ערוויעדערט — זאלל מען איהר לייגען אין בעטט ! . . .

וויא איין סטאטוע איז דער סימפאטישער רייכגעקליידעטער חתן געשטאנען ; ער האט ניט געקענט ריהרען מיט קיין גליעד און ווען אייניגע וואללטען איהם ניט צוהאלטען וואללט ער געוויס אין אונמאכט פאללען . — אויך דעם חתן'ס עלטערען זיינען וויא פערשטיינערט געבליעבען און ניט געוואוסט , וואס מיט זייא טהוט זיך .

לאססט ! לאססט מיך ! — האט זימאן געדאנגערט — פערד ! אוזאטען ! וואורום שרייט איהר אללע און שטעהט פון ווייטען ! זיא קען דאך ענטגעהען !

זימאן האט דער אונמאכטיגערם שלייפען געריבען , געשפריצט מיט וואססער

*) אין פוילען איז דיא מאדע , דאס דער רב בעדעקט דער כלה , נאר אין אדארף , וואו עס איז קיין רב ניטא , בעטרעט דיא שטעללע דער שמש . —

ש"ל .

וואססער. ענדליך האט זיא דיא אויגען גיעפענט אונ מיט א שוואכע שטיממע האט זיא געזאגט:

— שרעקט אייך ניט, מיר איז שוין בעססער.

— געלויבט איז גאטט! — האבען דיא ווייבער מיט טרעהרען געזאגט.

— א שווערער תענית... — האט דער בדחן געפאנפעט...

— אונגליקליכע יתומה! האט רפאל ווישענדיג זיינע אויגען שטילל געמורמעלט....

אין א שטונדע ארום, אלס דיא כלה האט זיך בערוהיגט, האט שמחה הייזעריג געשריען:

— מחותן! בענטשט דעם חתן צוא דער חופה! אין א מזלדיגער שעה! כלי זמרים! כלי זמרים!

לייבקע מיט דער קאפעליע האבען א פרעהליכען מארש אויפגעשפילט. זעהר לאנג האט געדויערט דיא חופה, דען דער אלטער שמש האט צובראכען זיינע ציין, לעזענדיג דיא כתובה, אם ענדע, אלס רפאל לעווינשטיין האט אבגעזאגט דיא לעצטע ברכה, האט זיך אשאלענדעס פריידענגעשרייא געהערט: מזל טוב! מזל טוב!

לייבקע האט „אפריליכס" געשפיעלט; דיא ווייבער האבען דער נייער פאאר צווייא הויזות אונטער דיא ארעם געגעבען אונ געשריען: „גלייך"! „גלייך"! זאללען דיא חתן כלה גלייך אריין אין טהיר!

— דער לאנגט דיא גאלדענע יאויך! — האבען דיא אונטער פיהרער בעפאהלען.

— לאססט דיא חתן כלה אליין אין ציממער! — האט דער בדחן געפאנפעט...

— דער לאנגט דיא לאקשען! — האבען אנדערע געשריען.

— זאלל מען פריהער געבען דיא קאפפע — האבען דיא ווייבער געבריללט.

באלד האט מען אללעס געגעבען צום טיש. דיא חסידים האבען מיט דיא האנד געהאפט דיא לאקשען פון טעללער, געלעקט דיא פינגער אונ דיא חתן כלה האבען מיט ערשטוינונג בעטראכט דיא ווילדע בעשעפעניששען...

— פון וואנען איז דיא כלה? האט רפאל דער מחותניסטע געפרעגט — האט זיא קיינע עלטערען?

— זיא איז א בוסאלקער, אירע עלטערען זיינען שוין לאנג געשטארבען — האט לאה גיענטפערט — גלייבט מיר, ליעבער פריינד, איך

איך בין דאך שוין געוועזען אויף חתונות, נאר אזעלכע מענשען ווי אין דיא קליינע פוילישע פראווינץ שטאדטליך, האב איך קיין מאל ניט געזעהן... נאר וואס קען מען העלפען, אז מען איז עלענד? אדאנק גאטט דערפאר...

— וואַרט מחותּניסטע, — האט זימאן געלאכט — יעצט וועט זיך אנפאנגען א וועטשערע מיט א דרשה געשאנק, א כשר טאנצעל... איהר זיינט נאך ניט פערטיג.

ביז דרייא אוהר איז דער אלטער רפאל מיט זימאנען אין קרעטשמע געזעסען אונ פערבראכט מיט דער יונגער פאאר, וועלכע האבען אויף זייא זעהר א גוטען איינדרוק געמאכט, איבערהויפט דער אלטער רפאל, האט זיינע אויגען פון דער כלה ניט אראפגענוממען... אפט מאל האט ער א ציטער געטהון אונ ווי א וואלקען האט זיין אדעלעס געזיכט בעצויגען.... ענדליך, פאר טאג, אלס רפאל האט דער חתן כלה אצעהן רובלדיגע „דרשה געשאנק", מיט זיין זעגען געגעבען, איז ער מיט זימאנען פון קרעטשמע צופריעדען אבגעפאהרען, ווייל זייא האבען שוין לאנג ניט בייגעוואהנט א פוילישע חתונה. —

4.

א שרעקליכע סצענע.

אין אַרייכען גרויסען זאאל, וועלכער איז בעלויכטען פון אגרויסע בליטץ-לאמפע, זעהען מיר ביים פענסטער שטעהען א שאנע יונגע פרויא אונ רעדט דיא ווארטער צוא זיך:

— שוין צעהן אוהר אונ מיין זימאן מיט דעם שוויגערפאטער זיינען נאך ניט געקוממען, וואס זאלל עס בעדייטען? ניט אנדערש זייא וועללען דארט נאכטיגען אונ איך ערווארטע זייא אומזאנסט.

— מאדאם! — האט א דיענסט מעדכען געמעלדעט — א פרעמדער יונגער מענש איז געקוממען אונ פערלאנגט מיט אייך צוא רידען.

— פון וואנען איז ער? — האט מלכה געפרעגט.

— אוים זאלד — האט דאס מאדכען געענטווערט.

— בעט איהם אריין אהער — האט מלכה בעפאהלען

— גוטען אבענד, מאדאם לעווינשטיין! — האט געזאגט דער ארייני

קומעֶנדֶער רייכְגֶעקְלֵיידֶעטֶער גַאסְט אונ זיךְ פְּרַאנְטִיש פֶערְנֵייגְט — אִיךְ הָאבֶּע זיךְ דיא עֶהְרֶע פֶּארְצוּשְׁטֶעלְלֶען : רודאלף וואנדער , פֶאַרְשְׁטֶעלְלֶער פון דֶער פִּירְמֶע „צִימְבְּלֶער עֶט פְּרִיטְץ״ . . .

— זֶעהְר אַנְגֶענֶעהְם , הֶערר וואנדער , — הָאט מלכה גֶעזָאגְט אונ אִיהם אִיהר צַארְטֶע הַאנְד גֶערֵייכְט — דִיא פִּירְמַא אִיז מִיר גוּט בֶּעקַאנְט , בִּיטֶע זִיטְצֶען זַייא. וֶועלְכֶען גוּטֶען צוּפַאלל דַארְף אִיךְ דַאנְקֶען פַאר אַייעֶר יֶעצְטִיגֶען בֶּעזוּךְ ?

— גַאנְץ אֵיְנְפַאךְ , מאדאם לעווינשטיין , — הָאט דֶער גַאסְט גֶעאַנְט־וָוארְטֶעט — אִיךְ הָאבֶּע אַיךְ גֶעבְּרַאכְט אַגְרוּסס פוּן אַייעֶרֶע וֶוערְטְהֶע עֶלְטֶערְן .

— פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערֶען ? — הָאט מלכה מִיט וואוּנְדֶער גֶעפְרֶעגְט — אִיךְ הָאבֶּע עֶרְשְׁט גֶעסְטֶערֶען פוּן זַייא אַבְּרִיעף עֶרְהַאלְטֶען אוּנ זַייא עֶרְמַאנֶען גָאר נִיט וֶועגֶען אַייךְ. . . .

מלכה הָאט נִיט בֶּעמֶערְקְט וִויא בְּלַאסס דֶער יוּנְגֶערְמַאנְן אִיז גֶעוָוארֶען .

— עֶס קֶען זַיין דָאס אַייעֶרֶע עֶלְטֶערֶען הָאבֶּען עֶס נִיט גֶעפוּנֶען פִיר נֶאטְהִיג צוּא שְׁרַייבֶען , וַואהְרְשַׁיינְלִיךְ הָאבֶּען זַייא גֶעדֶענְקְט דָאס אִיךְ וֶועלל נִיט קֶענֶען זַיין בַּייא אַייךְ — הָאט רודאלף נָאךְ אַלַאנְגֶער פּוֹיזֶע גֶיעֶנְטְפֶערְט .

— שׁוֹין לַאנְג , אַז אִיהר הָאט מַיינֶע עֶלְטֶערֶען גֶעזֶעהֶען ?

— שׁוֹין צְווֵייא וָואכֶען אַלְס אִיךְ וַואר בַּייא זַייא , הָאבֶּען זַייא מִיךְ גֶעבֶּעטֶען וֶוען אִיךְ וֶועלל זַיין אִין דֶעם גֶעגֶענְד , זָאלל אִיךְ פוּן אַייךְ אַ מוּנְדְלִיכֶען גְרוּס בְּרֶענְגֶען וֶועלְכֶע אִיךְ הָאבֶּע זַייא פֶערְשְׁפְּרַאכֶען , אוּנ זַייעֶנְדִיג אִין ראטענגראד , בִּין אִיךְ צוּפַלֵּיים אַהֶער גֶעפָאהְרֶען , דֶען מֶען מוּז וָוארְט הַאלְטֶען. . . .

— אִיךְ דַאנְק אַייךְ זֶעהְר , הערר רודאלף — הָאט מלכה צוּפְרִיעדֶען גֶעזָאגְט — יֶעצְט אַז אִיהר זַיינְט אוּנְזֶער גַאסְט , וֶועט אִיהר זִיךְ גֶעוִויס נִיט עֶנְטְזַאגֶען פוּן אַבֶּענְד-בְּרוֹיט .

— זֶעהר אַנְגֶענֶעהְם , מאדאם לעווינשטיין , אַזֶעלְכֶע מִילְדֶע בִּיטֶע קֶען מֶען נִיעמַאלְס עֶנְטְזַאגֶען .

— טעמע ! — הָאט מלכה בֶּעפָאהְלֶען — בְּרֵיינְג אַרַיין דֶעם אַבֶּענְד־בְּרוֹיט מִיט דֶער טְהֶעע מַאשִׁינֶע (סאַמאָוואר) .

בַּאלְד אִיז אַללֶעס אוֹיף דֶעם טִישׁ גֶעשְׁטַאנֶען. דֶער גַאסְט הָאט גֶעוִויזֶען , דָאס עֶר אִיז אַהֵיינְטִיגְוֶועלְטִיגֶער אוּנ אַהֶגֶע שַׁאנְדֶע , וִויא בַּייא זִיךְ אִין דֶער הֵיים , הָאט עֶר דִיא טְהֵייעֶרֶע שְׁפֵּייזֶען צוּא זִיךְ אַרַיינְגֶעבֶּעטֶען .

— וואו איז אייער ווערטהער געמאהל? — האט דער גאסט, פער־רויבענדיג אסינאר מלכה'ן געפרעגט — איז ער פערררייזט?

— ער איז נאך טורנאוויקע צוא מיין שוואגער געפאהרען, אום אהער צוא פערבעטען מיין שוויגערפאטער, וועלכער נאסטעט שוין דארט באלד צוויא וואכען.

— א, ווערט איהר האבען טהייערע געסט! — האט דער פראנט ערוויעדערט, אונד איז עטוואס בלאסס געווארען — דענקט איהר, דאס זייא וועללען היינט קוממען?

— איך גלויב, זייא וועללען דארט איבער גאכטיגען, דען עס איז שוין באלד עלף אוהר אונד מיין געמאהל האט מיר פערשפראכען ניט שפעטער וויא אכט אוהר צוא קוממען.

— שאדע, וואס איך וועל ניט האבען דאס גליק זייא צוא זעהען, דען איך מוז גאנץ פריה אבפאהרען.

— פיללייכט וועללען זייא ביז דער צייט קוממען — האט מלכה, נאכדענקענד געזאגט — איך בעדויער זעהר וואס מיינע שאנע קינדער שלאפען שוין אונד איהר וועט זאנאר ניט קענען מיינע עלטערען אגרוס פון זייא אב געבען... ערצאהלט מיר הערר רודאלף, וואס מאכען מיינע ליעבע עלטערען? מיינע שוועסטער אונד ברידער, האט איהר זייא אללע געזעהען?

— אללע זיינען גאט זייא דאנק, געזונד — האט דער גאסט גיעגטפערט אונד אגעגיץ געטהון — אייער שוועסטער ראחיל איז א היפשעס פריילאין.

— איהר ווילט זאגען א היבשע פרויא... — האט מלכה געלאכט — דען שוין באלד איין יאהר, דאס זיא האט געהייראט....

ענטשולדיגט, מאדאם לעווינשטיין, — איך האב גאר פערגעססען... אונזערע רייזענדער זיינען איממער זויא פערזאגט, דאס זייא וויסען זעלבסט ניט אויף וועלכער וועלט זייא זיינען... איבערהויפט פערלירט מען דיא קראפטען, פאהרענדיג אין דיא פאלנישע פראווינצען, וואו עס געהט קיין באהן.

— יא, דאס איז ריכטיג, האט מלכה צוגעשטיממט — וויא איך פערשטעה, זיינט איהר מיעד פון אייער רייזע, ביטטע, געהט אריין אין צווייטען צימער, וואו איהר וועט אייך עטוואס אויסרוהען.

— איך דאנק אייך זעהר, מאדאם לעווינשטיין, האט דער גאסט פויל געזאגט אונד זיך אויפגעהייבען — א, וויא פרעכטיג, וויא זויבער אייער וואהנונג איז! וויא אנגענעהם איז דא דיא לופט, וויא שטילל,

וויא רוהיג, א וואהרע לאנד-הויז (דאטשע), וואהרענד אין שטאדט רוישט אונ טומעלט, דיא לופט איז פערשטיקט, איך וואללט זיך גליקליך שאטצען צוא לעבען אין אזא וואהנונג, וואו עס הערשט אימער א גאטטליכע שטיללקייט. —

— אזויא איז שוין אימער מיט אונז מענשען — האט מלכה געשמייכעלט — דער שטאדט-מאנן בענייד עט דעם דארפס-מאנן, דער דארפס-מאנן דעם שטאדט-מאנן א. ז. וו.

— דאס איז וואהר, מאדאם לעווינשטיין, דאך וועט איהר געשטעהען, דאס אין שטאדט איז שווער אזא רוהיגע בעקוועמע וואהנונג צוא קריגען... ענטשולדיגט, ווען איך וועלל פרעגען, וויפיעל צימער בעוואהנט איהר?

— אכט צימערען — האט מלכה געענטפערט — אויב איהר, הערר רודאלף, ווילט וועלל איך אייך מיין וואהנונג צייגען.

— דאנקע פאר דער עהרע — האט דער פראנט געשמייכעלט אונ זיינע קלייגע אויגען האבען געשטראהלט פון פרייד — איך וועלל אם ווייניגסטענס האבען וואס צוא ערצעהלען אייערע ליעבע עלטערען.

— קוממט, הערר רודאלף, — האט מלכה ערוויעדערט אונ אליכט גענוממען — דאס איז אונזער גרויסער זאאל, דיא פענסטער געהן ארייין אין פרעכטיגען גארטען, קוממט איך וועלל אייך צייגען מיין געמאהלס שרייב-צימער, וועלכער איז אייגער פון דיא זעלטענהייטען.

— פרעכטיג! גרויסארטיג! א וואהרער פאראדיז (גן עדן)! — האט רודאלף אויסגערופען, אלס ער האט אללע צימערן גוט בעטראכט אונ איז צוריק אין ערשטען צימער געקוממען — איך דאנקע אייך אבערמאלס ניעמאלס האב איך געהאט דיא געלעגענהייט אזא רייכען וואהנונג צוא זעהען.... אנוטע נאכט, מאדאם לעווינשטיין, ענטשולדיגט, איך בין זעהר מיעד.

ביא דיא ווארטער האט ער איהר זיין האנד געדרייכט אונ איז אין צווייטען צימער געגאנגען.

אין א שטונדע ארום זייגען אללע ליכטיגע צימער פינסטער געווארען. אללעס שלאפט, אללעס רוהט, אויסער דיא הויפישע הינד בילען שטארק. גלייך וויא זייא וואללטען עטוואס הערען, עטוואס שפירען...

אויך אונזער מיעדער גאסט האט ניט געקענט שלאפען גלייך מיט דיא הינד. וויא עס זעהט אויס, איז איהם שטארק געפעללען זימאנס שרייב-צימער, דען אין א שטונדע ארום איז ער אויף דיא שפיטץ

פינגער, אריינגעגאנגען מיט א בלענד-לאטערנע, וואו ער האט א גאנצע שטונדע פערבראכט, ענדליך האט ער אפענסטער גיעפענט און אריינגעשפרונגען אין גארטען...

ווייטער האבען דיא הינד שרעקליך געבילט, און דער נאסט איז צווישען דיא געדיכטע בוימער פערשוואונדען...

— איך האב זייא א גוטען לעקציאן געגעבען — האט דער שורקע צו זיך געזאגט, אלס ער האט אריבערגעקלעטערט דעם הויכען פארקאן, און א גאנצע שטונדע אבגעלאפען — יעטצט דארף מען שנעלל גיהן נאך טורנאוואקע, אום לעאנען א צווייטען לעקציאן צו געבען, זאלל ער וויסען, וואס פייפקע קען... נאר שא... דאכט זיך, מען פאהרט... יא דאס זיינען דער קלוגער מאדאם לעווינשטיינס געסט, עס פאהרען צווייא מאנער, מען דארף זיך בעהאלטען אין וואלד...

דער באנדיט האט זיך בעהאלטען צווישען איינינע געדיכטע בוימער און באלד איז דער עקיפאזש מיט צווייא רייזענדער פערבייא געפאהרען.

אין צווייא שטונדען ארום, אלס עס האט אנגעפאנגען טאג צו ווערען האט דער זעלבער באנדיט שטארק געצויגען דעם שנורגלאק פון טורנאוואקער שלאסס.

— ווער איז דארט? — האט זיך פון יענער זייט טויער אפערשלאפענע שטיממע געהערט.

— עפענט שנעלל, אום גאטטעס ווילען!

באלד האט זיך דער טויער גיעפענט און מיט פראגענדע בליקען האט גימפעל, דער אמעריקאנער עקס פרעזידענט, דעם יונגען מאנן פון קאפ ביז דיא פיסס בעטראכט.

— וואס פערלאנגט איהר מיסטער? האט גימפעל, וועלכער האט איממער זיינע ענגלישע ווארטער ניט פערגעסען, דעם קוממענדען געפרעגט.

— איז דיין ווירטה צו הויז?

— יא, מיסטער, ער שלאפט.

— שנעלל, געה מעלד איהם, דאס זיין מלכה, זימאנס פרויא, שטארבט... איך קום ערשט פון דארט... זאלל ער גלייך אהין פאהרען, איך וועלל ווארטען אין קארידאר.

גימפעל האט אציטער געטהון און איז שנעלל אין הויז אריינגעלאפען.

— באלאבאס! באלאבאס! שטעהט אויף! אין אונגליק! — האט

גימפעל געשריען, אריינקוממענדיג אין לעאנס זאאל — פינסטער איז מיר, ווייא איז מיר!

— געוואלד! געוואלד! — האט לעאן מיט הדסהן אין איין שטיממ אויסגעשריען, אונ ארויסגעלאפען פון שלאפצימער מיט דיא העמדער — גימפעל! וואס פאר איין אונגליק איז געשעהען? ברענט דער שלאסס? שנעלל, אום גאטטעס ווילען!

— א יונגער מאנן איז פון ווישניצע געקוממען, מלכה שטארבט!...

— מלכה — שטארבט? — האבען ביידע געשטאממעלט — א, איין אונגליק! אבער וואו איז דער יונגערמאנן?

— ער שטעהט אין קאררידאר.

לעאן האט אויף זיך זיין שלאפראק געהאפט אונ איז אין קאררידאר געלאפען, וואו עס וואר נאך גוט פינסטער.

— וואו איז דער יונגערמאנן? — האט לעאן פערצווייפעלט געשריען — צינד אן דיא קאררידאר לאמפע.

— דאס בין איך דיין פריינד, פייפקע ריקער! — האט דער יונגערמאנן מיט איין ציטערענדער שטיממע געזאגט אונ זיך אויף דעם ערשראקענעם לעאנען מיט א בלאנקעם מעססער געווארפען — שטארב, הונד!

מיט א שמערצליכען געשרייא איז לעאן אויף דער דיעלע געפאללען, אונ דער באנדיט איז אונגעשטערט ענטלאפען.

— געוואלד! געוואלד! האפט א מערדער! א גזלן! — האט גימפעל פערצווייפעלט געשריען, זעהענד דאס לעאן איז געפאללען אונ דער באנדיט איז פערשוואונדען — ראטעוועט! ראטעוועט (רעטעט)! האפט איהם! אדאקטער! אדאקטער!

באלד האט זיך דער גאנצער הויף ערוואכט. הדסה איז אין אונמאכט געפאללען; אייניגע בעדיענטע זיינען נאך דעם באנדיט מיט פערד נאכגעלאפען, וועלכען זייא האבען, ליידער, ניט געהאפט, אנדערע זיינען צום הויף דאקטער געלאפען אונ עס וואר דארט אשרעקליכע סצענע.

5.

איין אונגליק נאך א אונגליק:

ריכטיג פיער אוהר, ווען דיא פייעריגע רויטע זאנע האט דער וועלט
(די יו״צ ח״ב)

װעלט מיט איהר ליכט בעגריסט, איז זימאן מיט זיין פאטער אין װישניצע געקומען.

דער גאנצער הויף װאר שוין אויף די פיסס; די ארבייטער זיינען אין פעלד געגאנגען, אונ זימאן מיט זיין פאטער זיינען אריין אין הויז.

— װער האט דאס פענסטער פון מיין שרייב צימער גיעפענט? — האט זימאן זיין בעדינטען געפרעגט, אלס ער איז מיט רפאלן אריין אין זיין צימער — איז דא יעמאנד געװעזען?

— איך װייס ניט, מיין העדר, — האט דער בעדיענטער גיענטװערט.

— פאטער מען האט מיך בעגנבעט! — האט זימאן, צוגעהענדיג צום שרייב טיש געשטאממעלט — די שופלאדען זיין אפען, אבגעבראכען די שלאססער, אללע פאפירען, דאס געלד, האט מען ארויס גענוממען!...

— װאאאס? — האט רפאל געציטערט — װאס רעדסט דוא זימאן? װער איז דא געװעזען?

— א גנב! א גנב! — האט זימאן פערצװייפעלט געשריען — מען האט מיר ארויסגעשטוילט אללע נאטהיגע פאפירען אונ פיער טויזענד רובל געלד!

פון זיין געשרייא האט זיך מלכה ערװאכט, װעלכע איז האלב-נאקעט אריינגעלאפען אין שרייב צימער.

— װאס פאר איין אונגליק איז געשעהען? — האט זיא דעם בלאסען זימאנען מיט שרעק געפרעגט — אום גאטטעס װיללען, זימאן, ענטפער מיר, װאס ביזט דוא זויא בלאסס?

— שרעק זיך ניט, מלכה, האט איהר זימאן בערוהיגט — מען האט אונז אקליינעם שאדען געמאכט: פון מיין שרייבטיש האט א גנב אללע פאפירען, אויך פיער טויזענד רובל געלד ארויסגענוממען — דאס איז א היימישע ארבייט, זאלל מען רופען אללע בעדיענטע אונ ארבייטער!

— יא, דאס איז א היימישע ארבייט — האט די ערשראקענע מלכה צוגעשטיממט — דאכט זיך דא איז קיינער ניט געװעזען, אויסער דער גאכט....

װאס פאר א גאסט? — האט זימאן אונ רפאל ערשטוינט געפרעגט.

— געסטערען, צעהן אוהר ביא נאכט, איז אהער געקוממען א זאלדער רייזענדער װעלכער האט מיר פון מיינע עלטערען אגרוסס געבראכט.

— װאו איז ער? — האט זימאן געפראגט.

— ער שלאפט אין צווייטען צימער.

— אין צווייטען צימער איז קיינער ניטא... — האט זיך דיא מאנד אבגערופען.

— וואס רעדסט דוא, טעמע? — האט מלכה געשטאממעלט — איז עס מיגליך?

אללע זיינען אריין אין צווייטען צימער, וועלכער וואר גאנץ פוסט אונ אויף אקליין טישעלע איז א שטיקעל, מיט בלייששטיפט בעשריבענעם פאפיער געלעגען.

— א, דער אפעריסט האט אונז בערויבט! — האט מלכה דיא האנד געבראכען — א, וויא דומם איך בין געוועזען!

— פערפאלען! — האט זיך רפאל אבגערופען — זארגט ניט קינדער, דאנקט גאט וואס דער באנדיט האט קיין גרעססערען אונגליק געמאכט... יעטצט וועט איהר שוין מעהר פארזיכטיג זיין אונ קויפען איין אייזערנע קאססע, וויא איך האב אייך שוין לאנג געראטהען; לעז, זימאן, דאס בעשריבענע שטיקעל פאפיר, פיללייכט האט עס דער באנדיט איבער געלאזט אונ מיר וועללען אשפור דער געהן...

זימאן האט אין שטיקעל פאפיר דיא ווארטער געלעזען:

„ווערטהע מאראם לעווינשטיין!

„דאנקע פאר אייער נאכט פריינדשאפט... איך האבע אייך איין „אלטען חוב בעצאהלט פאר אייער ליעבען פאטער, ביא וועלכען מען „האט מיך אמאל ארעסטירט... *) גריססע אייער ליעבען געמאהל אונ „זאגט איהם, דאס דיא צווייטע לעקציאן, וועלל איך זיין נידערטרעכטיגען „ברודער לעאנען געבען... זאלל ער וויססען, דאס מיין נאמען איז, „פייפקע ריקער, אדער אווגוסט פעלהאנדלער"...

— מערדער! באנדיט! — האט רפאל אויסגערופען — וויסט איהר, קינדער ווער דער גנב איז? דאס איז שארלאטעס געוועזענער מאנן, וועלכער האט איהר זויא שאנדליך בעטראגען... א, דוא פערדאממטער שורקע!

— איך וויים שוין ווער דער באנדיט איז — האט זימאן אונרוהיג געאנטפערט — אבער ווייסט דוא, פאטער דאס מיר וועללען באלד מוזען צוריק פאהרען נאך טורנאווקע?

---

*) דאס ווערד בעשריעבען אין מיין ווערק „דיא ציגיינער".

ש"ל.

— יאַ, מײַן קינד, דוא האָסט רעכט. גאָט ווייס, וואָס פאַר אַיין אונגליק דער באַנדיט קען לעאָנען מאַכען... מען מוז איהם וואָרענען!

— וועֶר ווייס, צוא עס איז שוין ניט שפּעט?... — האָט מלכה געציטערט.

— הערר ווירטה! — האָט אַדינגער געמעלדעט — אַרייטער איז געקוממען פון טורנאוקע...

ווייטער — אַיין — אונגליק! — האָט רפאל געשטאַממעלט — דאָס הערץ זאָגט מיר, דאָס דאָרט איז אַצווייטער גרעססערער אונגליק געשעהען...

אין אַייניגע מינוטען אַרום איז דער בלאַסער גימפּעל אַריינגעקוממען אין צימער.

— וואָס ביזט דוא, גימפּעל, זויא פריה געקוממען? — האָבען אַללע אין איין שטימם געפרעגט — וואָס הערט זיך בייא אייך?

— אַיין אונגליק! אַ אונגליק! — האָט גימפּעל געיאָממערט אונ מיט זיין אַרבעל דיא אויגען געווישט — מיין היילינגער באַלאַבאָס! אַזאַ טהייערער גוטער באַלאַבאָס!...

— וואָס פאַר אַיין אונגליק איז דאָרט געשעהען — האָבען אַללע אויסגעשריען אונ זיך קוים אויף דיא געזונקענע פיסס געהאַלטען — לעבט לעאָן?

— אַ גזלן! אַ גזלן! אַ רוצח אין זיין טאַטען! — האָט גימפּעל געקלאָגט — ער האָט איהם מיט אַ מעססער געשטאָכען... וואָס האָט ער צוא מיין טהייערן באַלאַבאָס געהאַט?...

דער אַלטער רפאל מיט זימאנען, אויך מלכה זיינען מיט אַ שמערצליכען געשרייא אין אונמאַכט געפאַללען...

— געוואַלד! געוואַלד! — האָט גימפּעל ווילד געשריען — מענשען, ראַטעוויט! זאָגט זייא, דאָס דער דאָקטער האָט זיך געשוואָרען, אַז מיין באַלאַבאָס וועט לעבען... זאָללען זייא קוממען... אַ, אַיין אונגליק נאָך אַ אונגליק!

6.

וויא שאַן דיא זשידאָווקע איז.

— ערקלער מיר, רחלע, האָט בנציון זיין געליעבטער יונגער פרויא, אויף דעם צווייטען טאָג, נאָך זייער חאַבצייט, געפרעגט — וואָס ביזט דוא

געסטערען, אלס מען האט דיינע לעבעדיגע עלטערען געוואללט איין „אל מלא רחמים״ מאכען, אין אונמאכט געפאללען?... בעגקסט דוא נאך זייא? האסט דוא פערגעססען וויא טיראניש זייא האבען דיך בעהאנדעלט? האב איך דען געקענט אללעס ערצאהלען? גלויב מיר זעהר שווער איז מיר געוועזען מיינע עלטערען צוא נארען, נאר איך האב געמוזט דיין עהרע רעטען, זאנסט וואללטען מיינע עלטערען, בעהיטע גאטט, וועגען דיר אשלעכטען מיינונג האבען... איז דען ניט, גלייבער, וואס איך האב דיינע עלטערען געמאכט פאר געשטארבען?

— אונ דוא מיין לעבען, דענקסט, דאס זויא גיך קען א מענש אללעס פערגעסען? – האט רחלע מיט טרעהרען גיענטפערט – יא, זייא האבען מיך שלעכט בעהאנדעלט, אבער איך רעכען זייא פון דער גוטער זייט, עס קען זיין, דאס זייער נויטה האט זייא דער צוא געבראכט... א, ווענן איך ערראינגער זיך אין אללעם... נאר גענוג וועגען דעם צוא ריידען, איך שאטץ זיך גליקליך, ווענן דוא, מיין טהייערער, ביזט לעבען מיר, דיין מילדער בליק, דיינע צארטליכע זיססע ווארטער פערהיילען אללעס אונ איך בעט נאר ביי גאטט, ער זאלל אונז עוויג ניט שיידען דאן בין איך ניט עלענד אונ צוא מיר וועט קיין גלייכען ניט זיין.

— לעבען דיר, מיין נשמה, וועלל איך עוויג זיין! – האט בנציון געריהרט געזאגט אונ זיין געליעבטע פרויא אין זיינע ארמען גענוממען, מיר וועללען זיך ניעמאלס שיידען! ביז מיין לעטצטען אטהעמצוג וועלל איך דיין שוטצער זיין אונ דיין לעבען פערזיססען!...

— מיין לעבען! מיין איינציגער פריינד! – האט רחלע מיט טרעהרען אויסגערופען אונ איהר געמאהל פעסטער צוא איהר הערץ געדריקט – איך פיהל וויא שטארק דוא ליעבסט מיך!...

דיא יונגע נארען זויא בעטרונקען פון גליק, דאס זייא האבען ניט בעמערקט, וויא דער אלטער עזרא איז אריין אין זייער צימער אונ מיט שטראהלענדע טרעהרענדע אויגען האט ער בעטראכט זיינע געליעבטע קינדער.

— איך דאנק דיר גרויסער גאטט! איך דאנק דיר פאר דעם לעטצטען חסד! — האט דער גליקליכער פאטער שטילל געזאגט אונ זיינע אויגען צום הימעל געהויבען — פון אללעם איז מיר דיא איינציגע טרייסט אונ פרייד געבליעבען... נאר איך וועלל זייא ניט שטערען, זאללען זייא זיך פרעהען. —

— פאטער! – האט בנציון פערשעמט אויסגערופען, אלס ער האט פלוצלונג דער זעהען זיין פאטער שטעהען לעבען דער טהיר — פערצייהע, מיר האבען דיך ניט בעמערקט...

ענטשולדיגט (יוד״צ ח״ב)

— ענטשולדיגט, קינדערלאך, וואס איך האב אייך געשטערט... איך האב אייך געוואללט עטוואס בעטען.

מיט דעם גרעסטען פערגעניגען וועללען מיר אייער פערלאנג טהון האבען ביידע מיט הערראבגעלאזטע אויגען געענטפערט — איהר דארפט אונז נאר בעפעהלען.

— איך ווייס, דאס איהר זיינט געהארכזאמע קינדער — האט עזרא געזאגט אונ זיך געזעצט — איהר וועט נאך מיטאג מוזען אלוסטרייזע אין הויף מאכען.

— צוא פאן פעסאווסקי? — האט בנציון געפרעגט — א, וויא אונאנגענעהם מיר וועט זיין צוא זעהען דעם יודאפאב (יודען פיינד), דעם אונפערשעמטען שמייכלער!

— וואס קען מען העלפען, מיין זאהן, מען מוז אמאל טהון געגען דער נאטור. פערגעס ניט, מיר זיינען אין זיינע האנד, דען אויסער דיא פינף הונדערט רובל וואס מיר האבען איהם פאר א יאהר אבגעצאהלט, האט ער ביי מיר זעכס הונדערט רובל געליהען אונ מיר זאגאר קיין וועכסעל געגעבען... יא, קינדער, איהר וועט איהם פיהרען אטארט, איינינע פלאשער וויין, וועלכע ער האט ניט פיינד... אונ מיט איהם פיעל ניט דארפען ריידען.

קינדער! — האט ערשראקען געזאגט די בלאסע שרה, וועלכע איז אין דער מינוט אריין אין צימער — פאן פעסאווסקי פאהרט! קומט ארויס, מיר מוזען איהם וויא אנאסט ערווארטען!

אללע זיינען ארויס פון צימער. אין איינינע מינוטען ארום איז צוא דער קרעטשמע א עקיפאזש צוגעפאהרען, אין וועלכען פאן פעסאווסקי האט זיך אויסגעצויגען, אונ זעהענד זיינע „זשידקעס" האט ער איינינע מאל מיט'ן קאפ געשאקעלט, געשמייכעלט וויא איין אפפע (מאלפע).

בנציון האט גיך זיין הוט אראפגענוממען, עזרא איז צוגעלאפען צום עקיפאז אונ געהאלפען דעם פאן הראביע אויסשטייגען.

— דזיען דאברי, זשידקי, — האט ער שפאטיש געזאגט אונ איז אריין אין שטוב, וואו ער האט זיך אויבען אן אויף א שטוהל געזעצט — ווינשע פיעל גליק דער נייער פארר... שאנע מענשען! ווארום האט איהר מיך ניט געשיקט בעטען אויף דער האכצייט?

— מיר האבען עס ניט געוואגט — האט זיך עזרא פערענטפערט — איך האב ערשט דיא נייע פאאר געוואללט שיקען אין הויף אונ האב זיך נאר ניט פארגעשטעללט אזא עהרע, דאס איהר, יאסנא וועלמאזשנע פאן הראביע, וועט אונז בעגליקען מיט אייער יעצטיגען בעזוך, מיר דאנקען אייך פון טיעפען הערצען!

אללע

(די יו"צ ה"ב)

— אַלֶּע מֶענְשֶׁען זַייְנֶען גְלַייךְ — הָאט פּעסאָווסקי טַיפְלִישׁ גֶעשְׁמֵייכֶעלְט אוּנ זַייְנֶע קְלֵייְנֶע אֵייגְלַאךְ אוֹיף רחלן גֶעוָואָרְפֶען — אִיבֶּער-הוֹיפְּט מַייְנֶע אַייְנְוָואהְנֶער רֶעכֶען אִיךְ פַאר מַייְנֶע פְרֵייְנְד... נָאר אִיךְ פֶּערְצַייהֶע אַייךְ, וַוייל אִיהר ווּאוֹיְנְט נִיט לַאנְג אִין מַיין גוּט (אִימֶעְנִיֶע) אוּנ אִיהר הָאט גֶעמֶעגְט דֶענְקֶען, דָאס אִיךְ בִּין גְלַייךְ מִיט אַנְדֶערֶע גוּטְבֶּעזִיטְצֶער, וֶועלְכֶע זַייְנֶען מֶעהְרְסְטֶענְטְהֵייל יוּדְאָפְאָבֶען אוּנ פֶּערְאַכְטֶען דֶעם אוּנְגְלִיקְלִיכֶען יוּד... צוּם גְלִיק, בִּין אִיךְ וַוייט פוּן זַייעֶרֶע נִיעֶדֶערִיגֶע מֵיינוּנְגֶען אוּנ שֶׁאטְץ אַלֶּע מֶענְשֶׁען גְלַייךְ אָהְנֶע אַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד... אוּנ יֶעדֶער קֶען זִיךְ בְּלַייבֶען בַּייא זַיין גְלוֹיבֶען, מִיר הָאבֶען אַלֶע אֵיין גָאטט...

— אַזוֹיא זָאלְלְסְט דוּא לֶעבֶען, אַלְטֶער שׁוּרְקֶע, צוּא דוּא מֵיינְסְט עֶס עֶרִינְסְט — הָאט בנציון גֶעטְרַאכְט...

— וִויא לִיבֶּעראַלִישׁ אוּנ הוּמַאנִישׁ אִיהר זַייְנְט, פאן הראביע! — הָאט עזרא זִיךְ אָבְּגֶערוּפֶען — לֵיידֶער גֶעפִינֶען זִיךְ וֶועְנִיג אַזֶעלְכֶע מֶענְשֶׁען... הָאפְּפֶע אִיךְ דָאס אִיהר וֶועט מִיר נִיט עֶנְטְזַאגֶען אוּנ גֶענִיסֶען עֶטְוָואס פוּן מַייְנֶע קִינְדֶערְס הָאכְצַייט, וֶועלְכֶעס אִיךְ וֶועלל רֶעכֶענֶען פַאר דֶעם גְרֶעסְטֶען גְלִיק אוּנְד עֶהְרֶע.

— דְזֶיעְנְקוּיֶע (דַאנְקֶע) — הָאט פאן פּעסאָווסקי, וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען בֶּעלֵיידִיגְט פוּן דִי וָוארְטֶער טְרוּקֶען גִיעֶנְטְפֶערְט אוּנ זַיין גֶעקְנֵייטְשְׁטֶעס גֶעזִיכְט אִיז רוֹיט גֶעוָוארֶען — אִיךְ הָאבֶּע עֶרְשְׁט מִיטָאג גֶעגֶעסֶען, זֶעלְבְּסְט פֶערְשְׁטֶאנְדְלִיךְ, דָאס אִיךְ בִּין גֶענוּג זַאטט, נָאר אִיךְ הָאב צוּא דִיר, עזרא, אַיין אַנְדֶערֶע בִּיטְטֶע, וֶועסְט דוּא מִיר נִיט עֶנְטְזַאגֶען?

— אוֹיב עֶס וֶועט נָאר מִיגְלִיךְ זַיין, וֶועלל אִיךְ מִיט פֶערְגֶענִיגֶען אֵייעֶר בִּיטְטֶע עֶרְפִילְלֶען. —

— אוּנְמִיגְלִיכֶעס פֶערְלַאנְג אִיךְ קֵיין מָאל נִיט — הָאט פּעסאָווסקי גֶעלַאכְט אוּנ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְלְט זַייְנֶע פֶערְפוֹילְטֶע קְרִימֶע צֵיין — דוּא מוּזְט מִיר בִּיז זוּנְטָאג נָאךְ צְווייא הוּנְדֶערְט רוּבְּל גֶעבֶען, יַאג בָּאנַא קָאהָאם, (וִויא אִיךְ לִיעבֶּע גָאטט), זוּנְטָאג גִיב אִיךְ דִיר דַייְנֶע אַכְט הוּנְדֶערְט רוּבְּל מִיט פְּרִיצֶענְט...

— קֵיין פְּרִיצֶענְט פֶערְלַאנְג אִיךְ נִיט, נָאר אִיךְ זָאג אַייךְ, אוֹיף מַיין עֶהְרֶען וָוארְט, דָאס עֶס גֶעפִינְט זִיךְ יֶעטְצְט נִיט בַּייא מִיר קֵיין צֶעהְן רוּבְּל, אִיךְ הָאב זִיךְ פוּן דֶער חֲתוּנָה פֶערְשׁוּלְדִיגְט.

— וֶוענְן דוּא הָאסְט נִיט, דַארְף מֶען נִיט — הָאט פּעסאָווסקי, זִיךְ פוּן שְׁטוּהל אוֹיפְהֵייבֶּענְדִיג, בָּאז גֶעזָאגְט — דָאסְוִידְזֶענְיָא! (צוּם וִויעדֶער-זֶעהֶען).

— אַלְטֶער הוּנְד! — הָאט בנציון, נָאךְ פּעסאָווסקים אַוֶועק פָאהְרֶען,

באז

באז אויסגערופען — איך האב פריהער געוואוסט. וואס דער יודישער בלוט זייגער פערלאנגט! אשאנער ליבעראליסט, אזא יאהר אויף איהם...

— פערפלוכטע זשידעס! — האט פעסאווסקי געמורמעלט, זיטצענדיג אין עקיפאזש — וויא דיא הינד, וועלל איך אייך פון מיין גוט ארויס־טרייבען! איהר וועט שוין מעהר ניט נארען מיינע בויערען אונ זייא פערקויפען וואססער אנשטאדט בראנדוויין!... אזויא פיעל מכות זאללסט דוא האבען, אלטער טייפעל, וויפיעל הונדערטער דוא האסט... אללעס געהערט צוא מיר! פון מיין קוואלל, פון מיין ברוננען שעפסט דוא וואססער! דיא שאנע יונגפרויא, ראחיל, געהערט אויך צוא מיר... א, וויא שאן דיא זשידאווקע איז!

7.

דיא אלטע ציגיינערין.

טרויעריג איז אין טורנאווקער שלאסס. אללע מענשען געהן ארום פערזארגט; אויף יעדען ליעגט אבעזאנדערער קוממער, איבערהויפט דער שאנער הדסה׳ן איז ניט צוא ערקענען; זיא האט זיך אין דעם טאג, פון דעם אויבען בעשריבענעם איבערפאלל. זויא פערענדערט, דאס זיא האט נאך שרעקליכער אויסגעזעהען פון איהר בעוואוסטלאזען פערוואונדעטען געמאהל, אונ אבוואהל דיא ערצטע האבען איהר פערזיכערט, דאס לעאן וועט לעבען, דען צום גליק האט איהם דעם רויבערס מעססער נאר אטיעפען שניט אין ליגקען זייט געמאכט אונ ניט בעריהרט דיא לונגען, דאך איז זיא אונגעטרייסט געבליעבען.

גאנצע צעהן שטונדען איז זיא פון איהר קראנקען געמאהלס בעטט ניט אבגעטרעטען, אונ קיין עססען פערזוכט; דער פערוואונדעטער בעוואוסטלאזער לעאן האט ניט געשפירט, וויא זיין בלאססעס געזיכט איז פייכט פון זיין ווייבס טרעהרען; זייגע אייז קאלטע ליפפען האבען אויך מיט געפיהלט דיא ברענענדע קוססע, וועלכע האבען אוממער זיין לעבען פערזיססט אונ פלעגען איהם פערשאפען היממעלשע פערגעניגען; וויא אטיטער איז ער געלעגען דיא אויגען געשלאססען, דאס געזיכט לייבענבלאסס, דער פולס האט שוואך געקלאפט, דער אטהעם קורץ,

דאס הערץ האט זיך עטוואס בעוועגט און אפטמאל האט זיין קערפער פיבערליך געציטערט.

— זייט רוהיג, מאדאם לעווינשטיין, — האט איהר דער דאקטער בערוהיגט — איך פערזיכער אייך, דאס אין אכט טאג ארום וועט אייער ליעבער געמאהל געזונד ווערען: ער איז יעטצט זעהר שוואך, דען ער האט פיעל בלוט פערלארען, קיין היץ האט ער ניט, דיא לונגען זיינען גאנץ, אללעס איז אין בעסטען ארדענונג און ער שטעהט אין קיין געפאהר. —

און ווירקליך האט דאס מאל דער דאקטער געטראפען: פון טאג צו טאג האט זיך לעאן פערבעססערט און אין צעהן טאג ארום איז ער פאלקאם געזונד געווארען.

אין אשאנעם פריהמארגען זעהען מיר דעם בלאססען לעאן מיט זיין איבערגליקליכער פרויא, אויך זיין פאטער רפאל מיט זימאנען, זיטצען ביי א פריהשטיק אין גארטען-אלטאנקע, וועלכע איז בעוואקסען מיט דופטענדע בלומען און פיהרען א אינטערעסאנטען געשפרעך:

— איהר וועט מיר גלויבען, מיינע טהייערע, — האט הדסה זיך אבגערופען — וויא איך האב נאר געהערט, דאס דער באנדיט פייפקע ריקער איז פון סיביר ענטלאפען, האט מיר אין הערצען אקלאפ געטהון און איך האב ביי זיך געקלערט: גאטט ווייס, וויפיעל מענשען דער מערדער וועט אונגליקליך מאכען און ווער ווייסט, צו דאס איז שוין זיין לעטצטער פערברעך? ...

— ער וועט ענדיגען זיין זינדיגעס לעבען אויף דעם עשאפאט (תליה) — האט לעאן שוואך געזאגט — מיין הערץ זאגט מיר, דאס איך וועלל דעם באנדיט אמאל בעגעגענען און פון איהם ראכע געהמען. — יעצט וועלל איך שוין פארזיכטיגער זיין.

— גאטט זאלל געבען דוא זאללסט איהם מעהר ניט בעגעגנען — האט זיך זימאן אבגערופען — זאג מיר, לעאן, איך האב געהערט, דאס דוא האסט געסטערן פון שארלאטען אבריעף בעקאממען. וואס שרייבט זיא?

— זיא שרייבט דאס איהר געמאהל דזשעק איז אין אמעריקא, וואו ער האט ערפאהרען, דאס דער אונגליקליכער מרדכי וואר אצייט ארעסטירט, אם ענדע האט איהם דער נייער נויארקער גובערנאטאר בעפרייט און וואו ער איז ווייס ער ניט.

— וואס ביללט זויא שטארק אייער הונד? — האט רפאל געפראגט — דאכט זיך ער איז אפרעמדען מענש בעפאללען.

בוראן! בוראן! — האט לעאן דעם הונד גערופען.

(יו"צ ח"ב)

וויא

באלד איז דער באזער שווארצער בוראן לעבען זיין טרייען ווירטה געשטאנען, וועלכען ער האט דיא האנד געלעקט אונ גימפעל איז אין דער מינוט, אהן א נשמה אין אלטאנקע אריינגעלאפען.

— גימפעל! — האט איהם לעאן געפראגט — וואס ביזט דוא זויא בלאסס? וועמען איז דער הונד בעפאללען? ווער איז געקוממען?

— אציגיינערין! א ציגיינערין! — האט גימפעל געשטאממעלט — איין אלטע מאכשארפע (מכשפה) א וויא שרעקליך זיא זעהט אוים! אני־אמתר שד... א כישוף מאכערין א...

— האסט דוא איהר געפרעגט, וואס זיא וויל? — האט איהם לעאן ניט געלאזט ענדיגען.

— דיא אלטע מאכשארפע האט מיר געזאגט, דאס זיא וויל מיט אייך ריידען.

— רוף איהר א הער — האט איהם לעאן בעפאהלען.

גימפעל איז אוועקגעלאפען אונ באלד איז ער צוריקגעקוממען מיט איין אלטער עקעלהאפטער ציגיינערין, וועלכע האט זיך פאר אללע טיעף פערנייגט.

— וואס פערלאנגסט דוא אלטע? — האט איהר לעאן געפרעגט.

— איך בין איין אלטע ארעמע ציגיינערין, וועלכע ערנאהרט זיך פון קארטענוואַרפען, וואהרזאגען, קראנקהייטען אבשפרעכען — האט דיא אלטע העקסע אויף געבראכען פאלניש גיענטפערט — איך וויים אללעס אונ וועלל אייך זאגען וואס מיט אייך איז געווען אונ וואס מיט אייך וועט זיין... פיללייכט וועלל איך ביא אייך, גוטע הערען, עטוואס פערדיענען?

— איך גאטהיג זיך ניט אין דיינע קארטענוואַרפען אונ וואהרזאגען האט לעאן ערוויעדערט — קענסט געהן.

— א, גוטער הערר — האט דיא ציגיינערין געבעטען אונ איהרע אייגעלאך האבען געפינקעלט — איהר דארפט זעהר פיעל... אייך פעהלען קינדער וועלכע גאטט וועט אייך געבען...

אללע זיינען פון דיא ווארטער ערשטוינט געבליעבען אונ הדסה האט לעאנען געבעטען, ער זאלל דער ציגיינערין ערלויבען קארטען ווארפען.

— דוא האסט געטראפען, אלטע, — האט לעאן געשמייכעלט — אבער דאס איז נאך קיין בעוויז, דען יעדען איינעם איז עס בעוואוסט, גאר ווען דוא וועסט מיר אללעס ריכטיג זאגען, זויא וועלל איך דיך בעפרידיגען.

— זעהר גוט — האט דיא אלטע ציגיינערין געזאגט אונ איהרע

שמוטציגע אלטע קארטען אויף דעם טיש געלייגט — ווענן איך וועל ניט טרעפען, זויא פערלאנג איך ניט קיין קאפיקע... הייבט אב אייניגע קארטען אונ אויף גליק לייגט אויף דער ערשטער קארט אזילבערנע מינצע (מטבע).

לעאן האט אייניגע קארטען אבגעהויבען אונ אויף דער אויבערשטער א זילבערנעם האלבען רובל געלייגט, וועלבען זיא האט פלינק בעהאלטען.

— דא האט איהר פינף קארטען: — האט זיא נאכדענקענד ערוויעדערט — דאמע טרעף, וואלעט פיק, טויז שעל, וואלעט קרייץ אונ קעניג פיק, וועלכע ציינען, דאס איהר האט אגרויסען אונגליק געהאט: בייא אייך איז, מיט אייניגע יאהר צוריק, געוועזען א גרויסע שריפה, פון וועלכער איהר האט פיעל געליטען... אייניגע מענשען זיינען פערברענט געווארען, נאר אם מעהרסטען בעדויערט איהר צווייא קליינע קינדער, א צווילינג....

— ווארהאפטיג! שרעקליך! — האט הדסה אויסגערופען.

— איהר, מיין הערר, האט דיא אלטע ערוויעדערט — וועט לעבען אכטציג יאהר אונ אייער פרויא מיט צווייא יאהר ווענינער... אייער ווייב וועט אייך זיעבען קינדער געבארען: פיער זאהן אונ דרייא טאכטער, וועלכע וועללען לאנג לעבען... איהר האט זעהר פיעל פיינד, נאר זייא וועללען אייך גאר ניט קענען טהון. איך שווער ביים בלויען הימעל, דאס מיינע ווארטער זיינען וואהר אונ ריכטיג. אללעס וועט געשעהען, וויא איך האב געזאגט... יעצט, מיינע הערן, פיללייכט וויל אצווייטער פון אייך קארטען ווארפען? איך וועלל אייך אללע צופריעדען שטעללען.

— גענוג — האט לעאן געאנטווארטעט — אללעס, וואס דוא האסט מיר געזאגט, איז זאגאר אקליין קינד בעוואוסט, זאג מיר, וואס איז מיט מיר געשעהען אלס קינד, אויך מיט צעהן יאהר צוריק, דאן וועלל איך דיר גלויבען....

— דאס קען איך גאר מיין צויבערקונסט זאגען, וועלבעם דארף פיעל דויערען אונ בייא טאג קען מען עס ניט מאכען...

— איהר קענט אייך געהן מיט אייער צויבערקונסט — האט לעאן שפאטיש געזאגט — איהר ווייסט וויפיעל אטויטער...

— ווארט ציגיינערין! — האט הדסה בעפאהלען — קענסט דוא מיר זאגען דיא אורזאכע פון דער שריפה! וואר עס אצופאלל, אדער מען האט דעם הויף אונטערגעצונדען?

— ווארום ניט — האט דיא ציגיינערין טייפליש געשמייכעלט — הייבט אב אייניגע קארטען לייגט אויף דער ערשטער גליקס־קארטע א זילבערנע מינץ, וועלל איך גלייך דיא ריכטיגקייט זאגען.

אלטע שווינדלערין! — האט הדסה געלאכט — ווילסט ווייטער אוים נארען איניגע מינצען... היער האסט דוא דיין פערלאנג.

ביא דיא ווארטער האט זיא אויף אקארט אצווייטען האלבען רובל געלייגט וועלכען דיא אלטע האט אין בוזעם אריינגערוקט.

היער האט איהר אבערמאלס וואלעט פיק, וואלעט קרייץ, דאמע טרעף, וועלכע צייגען, דאס אבויער האט אין שפייכלער א פאפיראס געראויכערט אונ אונוויללענדיג האט ער איהם א וועקגעווארפען אין שטרוי, דערפון איז דער אונגליק געווארען...

— זעהר קלוג — האט זימאן געלאכט — דיינע קארטען אונ צויבעריא טרעפען וויא אבלינדער פערד אין גרוב... בעססער טרעפען איערע ציגיינער צוא א שטאלל פערד... אבער דערפאר טרעפסט דוא, אלטע שווינדלערין, ביא וועמען געלד אויסצואנארען אונ קענסט גוט בעהאלטען דעם האלבען רובל פון דיין ערשטער גליקס-קארט... געה צום טייפעל אלטע העקסע!

מיט א טייפלישען שמייכעל אויף דיא בלויע ליפפען איז פערשוואונדען דיא אלטע ציגיינערין. —

8.

היידא נאך ליוועקע!

עס לעבט עס רוישט אין ליוועקער וואלד: מיט איניגע טאג צוריק, האבען דארט אקאמפאניע ציגיינער זייער לאגער אויפגעשלאגען.

אין טיעפען וואלד, אין אגרויסען טהאל וועלכער איז בעוואקסען מיט גרינעם גראז, זעהען מיר זיטצען פיל ציגיינער מיט פרויען, אויך קליינע האלב נאקעטע קינדער, וועלכע שפיעלען זיך ביים פייער; טהייל קלעטערען וויא דיא קעטץ אויף דיא בוימער אונ רייסען ניסס, אנדערע לויפען איבערן וואלד אונ קלייבען ערד-בעערע (יאגאדעס), דיא עלטערע פרויען שטעללען צוא גרויסע טאפ צום פייער, דיא יונגערע פעריכטען זייערע אלטע קליידער, אויך דיא לייוואנטענע בוידען. —

אונטער אדיקען הויכען בוים, זעהען מיר ליעגען איין אלטען אבשייליכען ציגיינער; זיין מאגערעס געזיכט איז בעוואקסען מיט אלאנגע

גרויע באָרד אונ דיא אויגען ברענען וויא פייער; לעבען איהם ליעגט איונגער קרעפטיגער ציגיינער, מיט לאנגע שווארצע האָאר, מיט א ברוינעם פרעכעם געזיכט אונ פיהרען צווישען זיך פאָלגענדען געשפרעך.

— וואס זאלל עס בעדייטען, וואס דיא טאנטע טעמרע איז נאך ניט געקוממען? האט דער יונגער דעם אלטען געפראגט — גאנץ פריה איז זיא אוועק נאך טורנאווקע, יעטצט איז שוין באלד זעכס אוהר נאך מיטטאג אונ מען זעהט איהר ניט, דאס זיא טרעפט מיט דעם וועג אהער? איך בין זעהר אונרוהיג.

— קענסט זיכער, זיין דאס זיא ווייסט דעם וועג פיעל בעססער פאר אונז ביידען, האט דער אלטער דעמאן (שד) טייפליש געשמייכעלט — דער טייפעל וועט איהר ניט נעהמען, זיא וועט אין פייער אויך ניט פערפאללען ווערען....

איך בין זעהר נייגעריג צוא וויסען, וואס זיא האט דארט געמאכט אונ אויב עס האט איהר געלונגען, דאן קענען מיר גאנץ דרייסט אונזער רייזע פארטזעטצען.

— איך גלויב, דאס מיין ווייב האט אללעס אין בעסטען ארדנונג געבראכט אונ דעם פערפלוכטען יוד זויא די אויגען פערבלענדט, דאס איהם וועט גאר אויף דעם געדאנק ניט קוממען, אז מיר האבען מיט דרייא יאהר צוריק זיין שלאָס אונטערגעצונדען אונ זיינע צווייא קינדער גערויבט. וועלכע ער רעכענט, דאס פון זייא איז אש געווארען... דער אלטער באצציא, מיט זיין ווייב טעמרע קענען גוט בעצאהלען... האט ער ניט געוואללט איבערגעבען מיין איינציגען זאהן קאססיא דער פאליציע, ווען ער איז אין לעווינשטיינס שטאל געגאנגען אום ארוים צוא שטולען איינינע פערד, צוליעב וועלכען מען האט איהם אין קאטארגע פערשיקט אונ איך האב אויף עוויג מיין איינציגען זאהן פערלארען... ציטער, דוא פערדאמטער יודע פאר איין אלטען ציגיינערס ראכע! פאר איין קינד האב איך צווייא גענוממען אונ דיין גוט פערברענט... ביז יעטצט האב איך זיך ניט געוואללט ווייזען אין דיא געגענדען, אבער וויא עס זעהט אויס ווייסט קיינער... איך האב נאר געציטערט, פיללייכט וועט דער נידער-טראכטיגער עבדין אללעס ערצאהלען... דער פערדארבענער יודישער ציגיינער, וועלכען מיר האבען פון פאליציע געשוצט, האט בייא אונז לעווינשטיינס געלד גערויבט, דיין ברודער קעדער ערמארדעט אונ איז ביז היינט פערשוואונדען. א, ווען איך זאלל איהם א מאל בעגעגענען! איך וואללט זיין זעעלע צוגענוממען.

— אונ איך וואללט זיין פלייש געריססען, זיין בלוט געטרונקען,

זיינע אדערען געצויגען, פאר מיין אונגליקליכען ברודערס בלוט! איך לעב מיט דער איינציגער האפפענונג פון איהם ראכע צו נעהמען, בלוט פאר בלוט!...

— דאס איז ריכטיג — האט דער אלטער באנדיט צוגעשטיממט — אבער פארלייפיג איז עס א ווייטלויפיגע זאך, דען געלד האט ער גענוג געהאט, געוויס איז דער מערדער עדבין צוריק אויד געווארען אונ עס וועט איהם שווער זיין צו געפינען.

— איך מוז איהם געפינען טויט אדער לעבעדיג! — האט דער יונגער ציגיינער געברוהמט אונ געקריצט מיט די צייז — איך געדענק, דאס ער האט א מאל מיין ערמארדעטען ברודער ערצאהלט, אז די יודען האבען איהם גערופען בערקא סאקאל... איך וועלל פאהרען שטאדט צו שטאדט איך וועלל זיך נאכפרעגען נאכשפיערען, ער מוז אריינפאללען אין מיינע האנד! —

— דאס איז ניט זויא לייכט וויא דו דענקסט; עס וועט נאך פיעל יאהרען אריבער לויפען, ביז דו וועסט איהם געפינען... עס קען זיך מאכען א צופאלל, אבער פארלייפיג זוכסט דו א שפילקע אין א וואגען היי...

— דאס ווייס איך זעלבסט אבער דאך האב איך מיין האפפענונג ניט פערלארען, נאר גענוג וועגען דעם צו קלערען, זאגט מיר אנקעל, וויא לאנג דענקט איהר צו האלטען דעם צווילינג? איך מיין, דאס עס וואלט גלייך געוועזען מען זאלל די שוועסטער אונ ברודער בעשטאטען אין זיכערע הענד... זייא קענען אויף אונז א מאל אגרויסען אונגליק ברייגגען, אין שטאדט קען מען זיך מיט זייא ניט ווייזען, דען אויף זייערע געזיכטער קען מען גלייך ערקענען דאס זייא שטאממען ניט פון די ציגיינער... בערעכענט אייך גוט עס איז שוין צייט צו ענדיגען דעם גאנץ אלטען געשעפט...

— לערען מיך ניט, עזיג! — האט דער אלטער שטרענג געזאגט — ניעמאנד וועט די קינדער ערקענען, קיינעם וועט ניט איינפאללען, דאס זייא זיינען גערויבטע יודען מיר קענען פון נייסע געזיכטער מאכען שווארץ... אויף א פייגלינג (טרוס) ברענגט אימער דאס היטעל... איך וועלל זייא ערציהען, זייא מאכען פאר עכטע ציגיינער אונ שפעטער וועללען זייא זיין מיין נאפע, מיט וועלכע איך וועלל ערמארדען זייערע פערדארבענע עלטערען, בעזאנדערס האב איך גענוג צייט זייא צו פערהאנדלען... זייא וועלען עלטער ווערען, וועלל איך פאר זייא מעהר געלד נעהמען...

— זאלל זיין וויא איהר זאגט — האט דער יונגער ציגיינער

געמורמעלט — זעהט נאר, אנקעל, דאכט זיך, דיא טאנטע געהט?

— יא, דאס איז זיא! האט דער אלטער טייפעל פרעהליך אויסגע־רופען — באלד וועלען מיר אלעס וויסען....

אין אייניגע מינוטען ארום, איז צוא זייא צוגעקוממען דיא זעלבע אלטע העקסע, וועלבע האט מיט אייניגע שטונדען צוריק, בייא לעאנען אין אלטאנקע קארטען געווארפען.

— וואס הערט זיך טעמרע? — האט דער אלטער באצציא נייגעריג געפרעגט, אלס זיין טרייע מיט העלפערין האט זיך נעבען איהם געזעצט — איז דיר, אלטע, געלונגען.

— נאך בעסער וויא געוואונשען — האט דיא אלטע טייפלישׁ געלאכט — קענסט, מיין מאן, מיט מיר שטאלצירען, איך האב זייערע יודישע קאפ אזויא פערדרעהט, דאס זייא ווייסען אליין ניט, אויף וועלכער וועלט זייא זייען... ערשטוינט זיינען זייא געבליעבען פון מיין צויבערקונסט... וויא אוים אבוך האב איך זייא פארגעלעזען דאס זייער הויף מיט זייערע צווייא קינדער זיינען פערברענט געווארען.... מיין וואלעט פיק האט זייערע אויגען גיעפענט, זייא זאללען זעהען, דאס אבויער האט אין שפייבלער א פאפיראס גערויכערט, וועלבען ער האט אונגוויליענד אין שטרויא געווארפען אונ צוליעב דעם האט דער שלאסס געברענט... איך בין ערפאהרען, דאס זייא ווייסען פון קיין זאך אונ מיר האבען זיך ניט וואס צוא שרעקען. מיר קענען גאנץ דרייסט פאהרען, וואוהין מיר ווילען; קיינער וועט אונז ניט שטערען אונ פאר מיין מיהע האב איך א זי׳בערנעם רובעל בעקוממען....

— חא! חא! חא! — האט דער אלטער באנדיט ווילד געלאכט — בראווא, טעמרע, קיין גלייכען איז צוא דיר ניטא! זאלל מען איינשפאנען דיא וואגען, גאנץ פריה פאהרען מיר אב פון דאנען! זאלל מען דיא בוידען ארויפציהען, היידא נאך ליווקע!

8.

פאר איין ציגיינער, דארף מען הונדערט אויגען.

דער הימעל איז מיט שווארצע געדיכטע וואלקען בעדעקט; עס גיסט אשטארקער רעגען; אפט מאל בליטצט אונ עס קנאקט איין דאנער

נאך א צווייטען; גאנץ פוסט איז דאס דארף ליוועקע, גלייך מיט דער קרעטשמע, וועלכע איז לעער פון בעזוכער, אבוואהל עס וואר שוין גרויסער טאג. —

אין אגרויסען ליכטיגען צימער זעהען מיר זיטצען דעם אלטען עזרא, מיט זיין פרויא שרה, אויך דיא יונגע פאאר בנציון מיט רחלן אונ טרינקען קאפפע. אללע האבען צווישען זיך וועניג גערעדט, וויא עס זעהט אויס, ווארען זייא בעקימערט.

— א שאנער פריה מארגען — האט עזרא, נאך אלאנגען שטילל-שווייגען טרויעריג געזאגט — עס איז איין עבירה אהונד ארויס צוא טרייבען.

— ניט אזויא גיך וועט דער רעגען אויפהערען — האט זיך רחלע אבגערופען, קוקענדיג אויף דיא שווארצע געדיכטע וואלקען — דיא נאטור איז יעטצט וויא אויף דעם הערצען....

— איך פערשטעה דיך גיט, רחלע, — האט בנציון מיט אפאר-ווירפע געזאגט אונ אויף זיין רייצענדער יונגער פרויא אליעבליכען בליק געווארפען — וואס איז דיר זויא שלעכט אויף דעם הערצען? בענקסט דוא אהיים? אדער דוא זארגסט, וואס מען האט היינטיגען פריה מארגען וועניג געלייזט? —

— געוויס בענגט זיא — האט שרה געשמייכעלט — אונ עס איז קיין וואונדער: אין אגרויסער שטאדט איז פיעל פרעהליכער, מען זעהט מענשען, וואהרענד אין וויסטען דארף איז מען עלענד, אהן געזעל-שאפט, מען בעגעגענט קיין רעכטען מענשען, ווייטער אבויער אונ אבערמאלס אבויער.

— אונ איך דענק — האט בנציון ערוויעדערט — דאס לעבען אטרייען געמאהל, לעבען עלטערען איז מען ניט עלענד; מיט דיר מיין טהייערע וואלט איך געלעבט אין דער גרעסטער וויסטע אונ וואלט זיך ניע-מאלס עלענד געפיהלט; אבער אהן דיר, וואלט דיא גרעסטע פרעכטיגע שטאדט ביי מיר קיין רייץ געהאט, דען מען לעבט ניט מיט דיא שאנע שטראססען אונ גרויסע רייכע האנדלען, מיר איז פיעל אנגענעהמער דיא אלטע געבויעטע קרעטשמע, מיט איהר שטרויענעם דאך, אלס דיא גרעסטע פאריזער פאלאסטע, ווייל דא געפינט זיך מיין גאנץ לעבען....

— דוא האסט רעכט, מיין זאהן, — האט עזרא זיך אריינגעמישט — לעבען אגעליעבטען מאנן, דארף מען אימער פרעהליך זיין. איך האב שוין איינגע מאל בעמערקט, דאס אונזער רחלע טראגט אגעהיימע זארג... עס האט מיך גענוג געקראנקט, נאר איך האב ניט געוואגט

פרעגען דיא אורזאכע פון איהר קומער. דאכט זיך, פון אונז דארף זיא ניט זיין אונצופריעדען: איהר, קינדערליך, זיינט אונזערע אויגען אין קאפ, קיין אונטערשייד איז בייא אונז פון דיר ביז רחלן—יא, קיינע לוקסום קענען מיר אייך ניט געבען, אבער ברויט, דאנקען גאטט, פעהלט ניט אונ ווען דער מענש איז צופריעדען מיט זיין שיקזאל איז ער אימער רייך. —

עטשולדיג, טאכטער, וואס איך רעד זויא שטרענג, דען איך בין דיין פאטער אונ דיין קומער בעריהרט מיך זעהר פיעל, זאג מיר, רחלע, וואס פעהלט דיר? ווארום ביזט דוא אימער אזויא פערזארגט?

— מיר פעהלט בייא אייך קיין זאך, ליעבע עלטערען — האט רחלע מיט א געמאכטער פרעהליכער שטימע געזאגט, אבוואהל קלארע טרעהרען האבען זיך אין איהרע שאנע אויגען געשטעלט — איך געשטעהע, דאס איך בין איין אונדאנקבארעס קינד, וועלכע פערשטעהט ניט וויא אייך צוא דאנקען פאר אייערע אדעלע אונ צארטליכע בעהאנדלונג, ליידער בין איך אבער אויך קיינע שמייכלערין אונ קען ניט ארויסווייזען מיין ליעבע צוא אייך. נאר טיעף אין מיינעם הערצען זיינט איהר פערבארגען. איך קען ניט לייגנען, דאס איך בין ניט גליקליך, אבער אין דער קלארער זאנגע געפינען זיך אויך איינינע פלעקען... יעדער מענש האט זיינע זארג אונ עס גיבט קיין גליקזעליגער אהן אביטערען טראפפען... איך פערזיכער אייך, ליעבע עלטערען, דאס פון היינט אן פערגעסס איך אן אללעם אונ וועלל אימער פרעהליך זיין.

— אבער זאלל ניט זיין קיין גענויטהע פרעהליכקייט — האט בנציון געלאכט — וויא איך פערשטעה ביזט דוא בעטריבט, וואס דיינע זעליגע.... עלטערען קענען ניט נעהמען א טהייל אין דיין פרייד, זאג מיר, מיין טהייערע, אזא איך האב געטראפען?

רחל האט ניט געענטפערט אונ איהרע פייכטע אויגען אויסגעווישט,

— דוא האסט געטראפען, מיין זאהן, — האט עזרא ערווידערט — אבער דאס איז זעהר נארריש פון דיין זייט, ליעבע רחלע. יא, עלטערען זייגען ניט אקלייניגקייט, מען קען זייא פאר מיללייאנען ניט קויפען, אבער דו ביזט ניט דיא ערשטע אונ דיא לעטצטע. מען טאהר ניט זינדיגען געגען דער פארזעהונג. (השגחה) אללעם איז פון גאטט, מיר זייגען אללע שטערבליך, דער פאר האט דיר גאטט צווייטע עלטערען געשיקט, וועלכע ליעבען דיך וויא זייער לעבען. אויב דוא ווילסט, מיין קינד, וועלל איך דיר מיין קורצע ביאגראפיע ערצאהלען, פון וועלכער דוא וועסט זיך לערנען פערשטעהן, דאס גאטטס אויג איז איבעראלל,

ער איז מיט דיא עלענדע; ער, דער גרויססער וועלטשפייזער, פערזארגט יעדער בעשאפניש פון אמענש ביז אווארמעל אונטער דער ערד, ווילסט דוא הערען?

— מיט דעם גרעסטען פערגעניגען וועלל איך מיין ליעבען פאטערס לעבענסגעשיכטע אויסהערען — האט רחלע מיט אשמייכעלע געאנט־ווארטעט.

— גוט — האט דער אלטער צופריעדען געזאגט אונ זיין געשיכטע אנגעפאנגען — מיינע אונגליקליכע עלטערען, וועלכע זיינען אין איין טאג מיט אשרעקליכען טויט געשטארבען, געדענק איך וויא אין טרוים, דען איך וואר דאן בלויז זעכס יאהר אלט. — מיינע גוטהערציגע עלטערען האבען געוואהנט אין דער פאלנישער שטאדט פיאסק, וואו זייא האבען געהאט איין איגענע שוועבעל פאבריק. זעהר רייך זיינען זייא ניט געוועזען, נאר געלעבט האבען זייא וויא דיא גרעסטע גבירים; זייער טרייששאפט, זייער מיטלייד צוא יעדען איינעם בין איך דיר אומשטאנד צוא שילדערען, איבערהויפט מיין זעליגע מוטטער האט קיין גאל געהאט. דאס איז געוועזען אטרייע מוטטער, וועלכע מען געפינט זעלטען צווישען טויזענד: יעדעס קינד איז געוועזען איין אויג אין קאפ; נאך הייגט קלינגען אין מיינע אויהרען איהר מלאכבאלישע זיססע שטיממע, איהרע טרויעריגע ליעדער, וועלכע זיא האט בייא מיין וויעגעלע געזונגען, ביז זיא האט מיך איינגעשלאפען.

ביז מיין לעטצטער סעקונדע וועל איך ניט פערגעססען, וויא צארטליך, וויא היים זיא האט מיך מיט מיינע צווייא עלטערע ברידער געליעבט; אימער האט זיא אונז געקושט אונ געהאלזט, קיין זאך איז פאר אונז ניט שווער געוועזען; אויך דער זעליגער פאטער וואר ניט ערגער פון איהר. — אם מעהרסטען האט ער מיט מיר פערבראכט, מיך אויף זיינע האנד געטראגען, דען איך וואר דער אינגסטער.

איין מאל, אלס איך בין בייא טאג אין שטוב געזעססען אונ זיך געשפיעלט מיט מיינע שפיעלזאכען, האב איך פלוצים געהערט אשרעקליכען קראך וויא פון הונדערט קאנאנען. (הארמאטען) אללע הויזמענשען זיינען פון שרעק ארויסגעלאפען פון שטוב; מיך האט דיא ווערטערין (ניאניע) אויף דיא האנד גענוממען אונ איז מיט מיר ארויס אין הויף, וועלכער וואר שווארץ פון מענשען. אללע האבען זיך געשטופט, געלאפען אין פאבריק, וואו עס האט זיך אין דער מינוט אבגעשפיעלט אשרעקליכע הימעל שרייענדע סצענע, וועלכע איך וועל ביז צום גראב ניט פערגעססען:

אקעסעל (די יו"צ ח"ב)

אקעסעל מיט שוועבעל האט עקספלודירט אונ בענאהע זעכציג ארבייטער האבען זייער לעבען פערלארען. אין דער צאהל וואַרען אויך מיינע אונגליקליכע עלטערען, וועלכע זיינען אין דער צייט אין פאבריק געוועזן.

נאך היינט ווען איך ערינגער זיך אין דער בלוטיגער שוידער-האפטער סצענע לויפט דורך א קעלט מיינע אלטע ביינער: קאפ, האנד, פיסס, שטיקליך קארפער, האבען זיך אויף דער ערד געוואלגערט; דעם שרעקליכען יאממער האט מען וויא ווייט געהערט; פיעל ארעמע פרויען, נאקעטע קינדער, האבען בעוויינט זייערע עלטערען, זייערע מאנגען, וועלכע עס וואר אונמיגליך צוא ערקענען; מיינע צוויא עלטערע ברידער זיינען געקוממען פון חדר אונ זיך געווארפען אויף דער ערד צווישען דיא טויטע קארפער, זייער געשריא: „פאטער"! „מוטטער"! האט יעדענס הערץ געלעבערט; איך, וועלכער וואר פון מיינע ברידער מיט איינינע יאהר יונגער, האב ניט פערשטאנען וויא גרויס דער אונגליק איז אונ אהן פערשטאנד האב איך מיט אללע צוגלייך מיטגעוויינט, אבער שפעטער מיט איינינע יאהר האב איך שוין דעם שרעקליכען אונגליק גוט געפיהלט: דיא פאבריק האבען אונזערע קרעדיטארען צוגענוממען; מיר האבען זיך אללע דרייא אבגעשטעללט עלענדע ארעמע יתומים, אהנע פריינד, אהנע שטיצע אונ ביז היינטיגען טאג וויים איך ניט, וואו מיינע צוויא אונגליקליכע ברידער זיינען. — מיך האט דאן צוגענוממען איין ארעמער מלמד פון א קליין שטאדטעל, בייא וועלכען איך האבע אכט ביטערע יאהר אלס בעהעלפער געדיענט אונ שפעטער, ווען איך בין צוא מיין פערשטאנד געקוממען, בין איך נאך קריסטאוו געריזט, אום צו ערפאהרען, וואו מיינע צוויא עלטערע ברידער זיינען, אבער אויף מיינע אללע פראגען האט קיינער ניט געוואוסט, וואס צוא ענטפערען, זאגאר אין פאליציא-בוך זיינען זיא ניט געוועזן פערשריבען אונ דיא אורזאכע וויים איך ניט ביז היינטיגען טאג. —

יא, מיין טאכטער, ווען איך זאלל דיר וועללען שילדערען מיין לעבען ביז היינט, דארף עס פיעל טאג דויערען, איך וועל מיין געשיכטע עטוואס פערקירצען: איך בין דורכגעגאנגען אללע אונגליקס קלאססען: איך בין געוועזן א באהעלפער, א שניידער, א שטאלער, געארבייט אויפ'ן טאג, געדיענט אין מיליטער אכט קאליכדינע יאהר, געליטען מאנגעל, הונגער, קאלט, ביז גאטט האט זיך איבער מיר ערבארעמט אונ איך האבע דיין טרייער שווינערמוטטער ערקענט. פון דאן אן האט זיך מיין שיקזאל פיעל פערענדערט: זיא האט מיך אימער געטרייסט

אונ פערזיסט מיין ביטער לעבען; אין איהר האב איך אללעס געפונען: מיין צארטליכע מוטטער, מיין פאטער, מיינע ברידער אונ ביז היינטיגען טאג איז דיא אלטע מיט מיינע צווייא זיהן, בנציון אונ שמואל, וועלכער איז אין אמעריקא, מיין לעטצטע טרייסט. —

דיא זעלבע איינגעשאפטען, טהייערע רחלע, דארפסט דוא אין דיין טרייען מאנן געפינען: ער בעטרעט יעטצט דיא שטעללע פון דיינע זעליגע עלטערען, ער איז דיין האפפענונג, דיין שוטצער, דיין לעבענס-בעגלייטער אונ בעט גאטט ער זאלל געזונד זיין, דאן וועט דיר קיין זאך ניט פעהלען, בין איך אונגערעכט?

— א, וויא טרויעריג איז אייער ביאגראפיע, ליעבער פאטער! — האט רחלע מיט טרעהרען אויסגערופען, אלס עזרא האט זיין לעבענס-געשיכטע גיענדיגט — איך דאנק אייך, פאטער, פאר אייער גוטער לעהרע, וועלכע איהר האט מיר יעטצט געגעבען; איך וועל שוין פון היינט אן קליגער זיין אונ וויסען, דאס איך דארף צופריעדען שטעללען, שוטצען אונד עהרען מיינע טרייע לעבעדיגע עלטערען אונ פערגעססען אן דיא טויטע... אימער וועלל איך בעטען פאר אייער לעבען אונ זיך ניעמאלס מיט אייך שיידען. —

— ביז הונדערט יאהר! — האט עזרא מיט זיין פרויא געריהרט געזאגט אונ זייערע קינדער פעסט ארומגענוממען — איהר, קינדערליך, זיינט אונזער גאנץ לעבען, אויסער אייך האבען מיר דא קיינעם, דען גאטט ווייס, צוא מיר וועללען אמאל אונזער אמעריקאנישען זוהן זעהען, וועלכער האט אונז שוין זויא לאנג ניט געשריבען: מיר האבען געהערט, דאס זיין פרויא איז געשטארבען, אבער וואס פון איהם אונ פון זיינע ארעמע קינדער איז געווארען ווייסען מיר ניט ביז היינט.

— באלאבאסטע! — האט דאס דיענסט מעדכען געמעלדעט — פינף ציגיינערישע וואגען זיינען געקוממען, מיט פיעל אויסגעווייקטע געפרויערענדע ציגיינער, מען דארף פארזיכטיג זיין...

— קוממט קינדער, אריין אין שענק — האט דיא אלטע שרה, אויסוויישענדיג איהרע פייכטע אויגען, מונטער געזאגט — פאר איין ציגיינער דארף מען הונדערט אויגען....

9.

דאס געראויבטע קינד.

דיא ליוואקער קרעטשמע, וועלכער וואר מיט איינינע מינוט צוריק גאנץ לעער, איז יעטצט פאלגעפאקט מיט ציגיינער. פון זייערע שמוטציגע צעררעסענע קליידער רינט וואססער; דיא ארעמע אויסגעוויקטע פרויען ווישען אב זייערע נאססע געזיכטער אונ דרעהען אויס זייערע קליידער; דיא דורכגענעצטע געפרוירענדע האלב נאקעטע קינדער וויינען יאממערליך; דיא מאנגער רויבערען זייער גראז אונ דער שענק איז געווארען פערוואנדעלט אין אידישע קליינשטעדטעלדיגע באד....

אויף דעם אלטען באצציאס בעפאהל, האט מען דיא גרויסע טהעע-מאשינע געמאכט אונ אין אפערטעל שטונדע ארום האבען אללע טהעע געטרונקען.

— דער לאנגט ביער! — האט אציגיינער בעפאהלען.

— גיבט מיר בראנטוויין, שטארקען! — האט אצווייטער ציגיינער געבעטען.

— טהעע, ברויט, העריננ! — האבען אנדערע געשריען.

עזרא, חנה, אונ אויך בנציון האבען יעדענס וואונש ער-פיעלט, אויסער רחל איז לעבען שענק-טיש געשטאנען אונ געלד גענוממען.

אלס אללע נוארען שוין זאטט, דיא קליידער האבען זיך עטוואס אויסגעטריקענט; דיא קינדער זיינען שטילל געבליעבען, האט רחל צייט געהאט צוא בעמערקען אריינצענדעס האלב נאקעטעס פינפיאהריגעס קינד, וועלכעס האט פון קאלט געציטערט אונ איין אלטע העסליכע ציגיינערין האט אויף איהם מיט שרעקליכע צארענדיגע בליקען געקוקט.

— בנציון, מיין לעבען! — האט רחלע צוא איהר מאנן שטילל געזאגט — זעהסט דוא דארט יענעס האלבנאקעטעס קינד, וועלכעס זיטצט לעבען דער אלטער עקעלהאפטער ציגיינערין? בעמערקסט דוא, וויא עס ווארפט איס אצאהן אן אצאהן פון קעלט אונ קיינעס פון זייא בעריהרט עס ניט? א, וויא שאן, וויא מילד דאס קינד איז! איך וועלל שווערען דאס דיא נידערטראכטיגע ציגיינער האבען איהם פון זיינע אונגליקליכע עלטערען גערויבט... עס איז אונמיגליך, אז דער קלייגער

אונשולדיגער ענגעל זאלל שטאממען פון דיא פערפלוכטע ציגיינער... דאס ערקענט מען אין ערשטען אויגענבליק...

— שטילל, רחלע! — האט בנציון פארזיכטיג געמורמעלט — קום אריין אין אונזער צימער, וועללען מיר ריידען...

— איך האבע עס פריהער פון דיר, מיין טהייערע, בעמערקט — האט בנציון ערוויעדערט, אלס ער מיט רחלען וואַרען שוין אין זייער בעזאנדערען צימער — דוא פערשפארסט זיך צוא שווערען, דען אללעס איז ריכטיג.... אונ נאך מעהר וועסט דוא דיך וואונדערען, ווען איך וועלל דיר זאגען, אז דאס אונגליקליכע קינד שטאממט פון יודען... איך וויים עס זיכער.

— וואס רעדסט דוא בנציון — האט דיא בלאססע רחלע מיט שרעק אויסגערופען — איז עס מיגליך? וויא אזויא האסט דוא עס ערפאהרען?

— גאנץ איינפאך: איך האבע עס גאנץ לייכט ערקענט אן היילינען צייכען פון אונזער אלטען פאטער אברהם.... דער ריכטיגער צייכען פון דעם פערשטויסענעם אונגליקליכען יוד...

— שרעקליך! שוידערהאפט! — האט רחלע מיט הערצבעגלאזטע אויגען אויסגעשריען — אונ זיך פארן הערצען געהאפט — וואס קען פון דעם אונגליקליכען קינד ווערען? עס שנייר מיר דאס הערץ קוקענדיג אויף איהם! וויא עלענד וויא שוטצלאז, וויא נאקעט ער איז! דוא האסט ניט גוט בעמערקט, וויא ער ציטערט פאר דער אלטער העקסעס מערדערישען בליק.... וויא שטיל, וויא טרויעריג ער איז געזעסען אונ געקוקט, וויא דיא אנדערע ציגיינערישע קינדער, עססען, טרינקען טהעע, וואהרענד איהם האט מען גאר ניט געגעבען... האסט בעדארפט זעהען, וויא זיין אלבאסטער אדעלער קארפער, וועלכער איז איינגעוויקעלט אין אצוריסענע גראבע העמד, איז ברוין אונ בלוי פון קעלט... עס האט מיר האלב לעבען צוגענומען.... א, ארעמעס קינד! אבער נאך אונגליקליכער זיינען זיינע עלטערען! איך שטעלל מיר פאר זייער לאגע... זאג מיר, מיין לעבען, פילייכט איז מיגליך איהם צוא רעטען? איך וואללט מיין לעבען געאפפערט.

— פארלייפיג וויים איך ניט וויא אזויא אנצופאנגען — האט בנציון טרויעריג געענטפערט — עס קען זיין, דאס איך וועלל געפינען אמיטעל וויא איהם צוא רעטען.

בנציון (יו"צ ה"ב)

— בנציון, מיין זעעלע! — האט רחלע שטיל געמורמעלט — רעטע דאס אונגליקליכע קינד! האב מיטלייד אויף דעם אונשולדיגען גערויבטען שאפעלע, וועלכער האט מיין הערץ געלעבערט! פילייכט זאלל מען וועגען דעם מעלדען פאליציע?

— דאס איז געוויס קיין פלאן, דען דוא קענסט ניט דיא פערדארבענע ציגיינער, זייא קענען אונז פערברענען אדער אלעמען ערמארדען, בעזאנדערס ווען מען דאס קינד אין פינדעלהויז איבערגעבען דאן....

— איך וועלל מיין לעבען איינשטעללען! — האט רחלע מיט טרעהרען ערוויעדערט — אויף אונז ליעגט דיא שולדיגקייט דאס אונגליקליכע קינד צו רעטען! מיר דארפען אויף קיין זאך ניט קוקען!

— זייא ניט איבערגעהיילט, — מיין טהייערע, — האט בנציון נאכדענקענד געזאגט — איך מוז זיך בעקלערען, וואס צו טהון. עס וועבען זיך אין מיין קאפ פערשיעדענע פלאנען נאר מען דארף זיך אויף איינעם בעשליסען. שא, דאכט זיך, ניט קיין שלעכטער פלאן! הער, מיין לעבען, וואס מיר איז איינגעפאללען: איך וועלל אריינגעהן אין שענק אונ זאגען דיא ציגיינער, דאס פאליציע איז אונזער דארף בעפאללען אונ זוכען א קאמפאניע ציגיינער, וועלכע האבען קינדער גערויבט, געשטוילט פערד א. ז. וו. פון דער נאכריכט, דענק איך, וועלען זייא זיך גוט איבערשרעקען אונ פערצווייפעלט בלייבען.... דאן וועלל איך זייא ראטהען, זייא זאלען זיך אין אונזער שטאלל בעהאלטען ביז דיא פאליציע וועט אוועק אונ אין דעם געטימעל וועללען מיר דאס קינד רעטען.

— פארטרעפליך! — האט רחלע מיט פרייד אויסגערופען — אונ איהר געמאהל איינינע הייסע קוסען געשאנקען — געה, מיין טהייערער אין שענק, דיא צייט איז קורץ אונ גאטט זאלל דיר זיין צו הילפע; איך וועלל אין דער צייט זיך בעראטהען מיט אונזערע ליעבע עלטערען.

— יונגער ווירטה! — האט דער אלטער באצציא געשריען, אלס בנציון איז אריין אין שענק — גיב מיר אפלאש ספירט, איינינע הערינג אונ עטוואס צו פערבייסען, היער האסט דוא געלד!

— איך קען אייך ניט געבען.... — האט בנציון מיט אנגעמאכטער אונרוהיגער שטימע געאנטווארטעט. —

— ווארום?

 ווייל

— ווייל פַּאלִיצְיֶע איז אוּנְזֶער דָארְף בֶּעפַאלְלֶען . . .

— וָואס גֶעהְט מִיךְ אָן דִיא פַּאלִיצְיֶע ? הָאט דֶער אַלְטֶער עֶרְשְׁרָאקֶען גֶעזָאגְט — מִיר זַייֶען עֶהְרְלִיכֶע מֶענְשֶׁען . . . אָבֶּער וָועמֶען זוכֶען זַייא ?

— אַקְאמְפַּאנְיֶע ציגֵיינֶער . . . .

— אַקְאמְפַּאנְיֶע — ציגֵיינֶער ? — הָאט דֶער אַלְטֶער גֶעשְׁטַאמְמֶעלְט — וָואס פַּאר אַפֶּערְבְּרֶעךְ זַייֶען זַייא בֶּעגַאנְגֶען ?

— דִיא ציגֵיינֶער הָאבֶּען קִינְדֶער גֶערוֹיבְּט, מֶענְשֶׁען בֶּעשְׁטוֹילְט א. ז. וו. . . . .

— אִיךְ דַאנְק דִיר פַּאר דֶער מִיטְטְהֵיילוּנְג — הָאט דֶער בְּלַאסֶער באצציא ציטֶערֶענְדִיג עֶרְוִויעדֶערְט — מִיר מוזֶען גְלַייךְ פוּן דַאנֶען אָבְּרֵייזֶען, דֶען מֶען קֶען אוּנְז בֶּעשׁוּלְדִיגֶען, אָבְּוָואהל מִיר פִיהלֶען זִיךְ נִיט אִין קֵיינֶע זִינְד . . .

— דָאס וֶועט זַיין אָבֶּעגֲוייז, אַז אִיהר זַיינְט דִיא גֶעזוּכְטֶע רוֹיבֶּער אוּנ מֶען וֶועט אַייךְ גֶעווִיס נָאכְיָאגֶען אוּנ פֶּערְפָאלְגֶען . . . .

— וָואס דֶען קֶענֶען מִיר, אוּנְגְלִיקְלִיכֶע טְהוּן ? — הָאט דֶער אַלְטֶער פֶּערְצְוֵוייפֶעלְט גֶעפְרֶעגְט.

— מַיין רַאטְה אִיז אִיהר זָאללְט אַייךְ אוֹיף אַקוּרְצֶע צַייט בֶּעהַאלְטֶען . . .

— וואוּ הָאבֶּען מִיר אַזָא אָרְט ?

— אִיךְ וֶועלל אַייךְ מִיט אַייעֶרֶע פֶערְד אוּנ וָואגֶען אִין מַיין שְׁטַאלל בֶּעהַאלְטֶען — הָאט בנציון שְׁטִילל גֶעזָאגְט — אִיךְ עֶרְקֶען, דָאס אִיהר זַיינְט שְׁטִיללֶע רוּהִיגֶע מֶענְשֶׁען אוּנ אִיךְ הָאבּ אוֹיף אַייךְ מִיטְלַייד, דֶען אִיהר קֶענְט אוּנְשׁוּלְדִיג אַרֵיינְפַאללֶען . . . אָבֶּער אִיהר דַארְפְט קֵיין צַייט פֶּערְלִירֶען . . .

— אִיךְ דַאנְק דִיר גוּטֶער ווירְטְה ! — הָאט דֶער עֶרְשְׁרָאקֶענֶער אַלְטֶער גֶעצִיטֶערְט — אִיךְ מוּז וַוארֶענֶען מַיינֶע לַייטֶע, זַייא זָאללֶען זִיךְ גְלַייךְ בֶּעהַאלְטֶען . . . דֶער אַלְטֶער אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּא אֵיינִיגֶע ציגֵיינֶער, וֶועלְכֶע עֶר הָאט עֶטְוָואס אַיינְגֶערוּמְט אִין אוֹיעֶר, בַּאלְד הָאבֶּען דִיעזֶע עֶרְשְׁרָאקֶענֶע ציגֵיינֶער בֶּענַאכְרִיכְטִיגְט דִיא אִיבֶּערִיגֶע אוּנ אַללֶע צוּזַאמֶען הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען שְׁטִילל צוּא בֶּערַאטְהֶען, עֶנְדְלִיךְ, אִיז באצציא צוּא בנציונען צוּגֶעגַאנְגֶען אוּנ אִיהם גַאנְץ שְׁטִילל גֶעזָאגְט :

— מִיר זַייֶען גְרֵייט . . . . פִיהר אוּנְז, וואוּ דוּא ווילְלְסְט . .

— קוּמְמְט מִיט מִיר — הָאט בנציון צוּא זַייא גֶעוואוּנְקֶען.

אללע ערשראקענע ציגיינער, אויך דיא פרויען מיט זייערע קינדער, האבען זיך פון זייערע ערטער אויפגעהויבען, צום אונגליק, האט זיך דער קליינער קנאבע, (אינגעל) וועלכען דיא אלטע טעמרע האט אויף דיא האנד גענוממען, זיך שרעקליך פענאנדערגעווייגט, דאס עס וואר איהם אונמיגליך איינצושטיללען; עס האט ניט געהאלפען דער אלטערס טייפלישער בליק, פאר וועלכען דאס אונגליקליכע קינד האט אימער געציטערט, עס האט ניט געהאלפען איהר בעטען, איהר דראהען, (שרעקען) איהר בייסען אונ קנאיפען, וויא אשלאנגעלע האט זיך דאס ברוין אונ בלויע נאקעטע קינד געווארפען, זיין צארטעס האנדטעלע האט ער צוא זיינע פערשמאכטע טרוקענע ליפפען געטראגען אונ איניגע אונפערשטאנדליכע ווערטער אויף ציגיינעריש געמורמעלט... וויא עס זעהט אוים, האט ער אטרונק וואססער אדער עטוואס עססען פערלאנגט.

— שווייג ממזר! — האט דער אלטער באצציא געוויטהעט אונ דעם בלאססען קינד אשטארקען קלאפ אין הערצעלע געגעבען, פון וועלכען דער ארעמער קנאבע האט זיך פערקייכט — שטילל, אויסוואורף! איך וועל דיך וויא אהונד ערשטיקען!...

באצציאס קלאפ האט קיין ערפאלג געמאכט, דען דער שוטצלאזער אויסגעהונגערטער קנאבע האט נאך האבערע טאנגער גענוממען....

— שלעכט מיט דעם קינד! — האט בנציון מיט אגעמאכטער פערצווייפעלטער שטיממע אויסגערופען, אבוואהל ער האט זיך אינירליך געפרייד —

— דאס קינד וועט אייך אללע פעראטהען אונ פיעל אונגליק ברייגגען... מיין ראטה איז, איהר זאללט איהם היער לאססען אונ ווען דיא פאליציע וועט אהער קוממען, וועלל איך זאגען, דאס דער קנאבע איז מיין אנקעלס, וועלבער איז היינט אבגעפאהרען אונ אונז דאס קינד איבערגעלאזט, ביז ער וועט צוריק קוממען... קיין אנדערען ראטה האב איך ניט, דען פיללייכט הערט מען פון שטאלל זיין יאממער, דאן זיינען מיר אללע פערלארען....

— איך וועלל אייך דאס קינד ניט געבען! — האט טעמרע, וועלכע האט בנציונען ניט געגלויבט, מיט שרעק אויסגערופען — ער וועט מוזען שטילל שווייגען, איך בין זיין גרויסמוטטער, ניט לאנג איז מיין יונגע אונגליקליכע טאכטער געשטארבען אונ מיר דאס קינד געלאזען, וועלכעס איך ליעב וויא מיין לעבען אונ מוז עס היטען

וויא מיינע אויגען אין קאפ.... פאר קיינעם פאלל וועלל איך אייך איהם ניט טרויען, ער וועט אין שטאלל בעסער ווערען....

— וועסט דוא שווייגען, קליינער שלאנג! — האט דער אלטער באצציא אויסער זיך פון צארען געקייכט, זעהענד דאס דער קנאבע איז אללעם ניט שטילל געבליעבען אונ איהם אצווייטען קלאפ אין מויל געגעבען, פון וועלכען עס האט אשטראם ב״וט געפלייצט — שטילל! דיין טויט וועט זיין!

רחל, וועלכע האט דיא ריהרענדע סצענע דורך דעם שפאלט פון טהיר געזעהען, האט זיך מעהר ניט געקענט איינהאלטען אונ איז מיט אלארם אריין אין שענק.

— האב מיטלייד, בנציון! — האט זיא מיט אפערצווייפעלטער שטיממע געשריען — דיא פאליציע איז אין דריטען הויז, זיא וועט באלד זיין בייא אונז.... וואס האסט דוא זיך מיט דיא ציגיינער פערדרעדט? מיר קענען דעם גרעסטען אונגליק האבען.... זעהסט דוא דען ניט, דאס זייא גלויבען ניט...? אויף שלאנגען טאהר מען זיך ניט ערבארעמען, זאללען זייא זיך געהן אין גאטטעס נאממען!...

— איהר זאללט גלייך מיין הויז פערלאססען! — האט דער אלטער עזרא, וועלכער איז אין דער מינוט אריינגעקוממען מיט אשטרענגער שטיממע בעפאהלען — מען זוכט אייך איבעראלל, זעלבסט פערשטאנדליך, דאס ווענן מען וועט אייך בייא מיר געפינען, וועלל איך מיין פרייהייט אונ ברויט פערלירען...

— פערלירט קיין צייט, ענטלויפט אויב איהר קענט! — האט זייא בנציון געראטהען — איך האב אייך געוואללט דיענען וויא אפריינד, אבער ווען איהר האט צוא מיר קיין צוטרויען, בין איך ניט שולדיג.... איך שווער אייך, דאס איך וועלל אייך נאך דער פאליציעס אונטערזוך, דעם קנאבע פריש אונ געזונד אבגעבען... איך וועל איהם אין מיין צווייטען צימער בעהאלטען אונ געבען איינינע שפיעל זאכען, אויך עססען, וועט ער שווייגען...

— גיב דאס קינד, טעמרע! — האט דער אלטער באצציא זיין פרויא בעפאהלען — איך גלויב איהם, ער איז אנווארטסמאנן, דאס קינד וועט זיין זיכער.

— איך וועלל ניט געבען! — האט דיא אלטע מכשפה געאנטווארטעט — זאלל איינער פון אונז ארויסגעהען אונ ערקונדיגען צוא אללעם איז וואהר...

— דוא ווערסט ביא מיר, אלטע צווי, קראפירען! — האט באציא צארענדיג געברוהמט — גיב איהם דעם ממזר, דען עס איז קיין צייט ניטא... איך וועל זיך מיט דיין איינינקעל אצווייטען מאל אבערעבענען מען קען יעטצט קיינעם ניט שיקען, פיללייכט ועט מען בעמערקען!

אהנע לוסט האט דיא אלטע ציגיינערין דאס וויינענדע קינד רחלן געגעבען, אונ אללע זיינען מיט בנציונען אין הויף געגאנגען, וואו ער האט זיא אריינגעפאקט אין אגרויסע פערד-שטאלל, וועלכע ער האט שנעלל פערשלאססען.

— רייזיל! — האט בנציון, אריינקוממענדיג אין שענק, זיין דיענסט בעפאהלען — שנעלל טראג אוועק דאס קינד צוא ברוך דעם פאקטער!

דאס דיענסט מעדכען האט דעם קנאבע אויף דיא האנד גענוממען, מיט וועלכען זיא איז דורך דעם גרויסען גארטען פערשוואונדען.

אין אשטונדע ארום האט בנציון אויפגעשלאססען דיא שטאלל.

— איהר האט גליקליך געשפיעלט — האט בנציון צוא דיא ערשראקענע ציגיינער פרעהליך געזאגט, וועלכע זיינען אללע צוזאממען וויא אקנויל געלעגען אונ פון זיך קיין היכען אטהעם ניט ארויס-געלאזט — איהר קענט פאהרען, דיא פאליציע איז שוין ווייט פון דאנען...

אללע האבען פריא אויפגעאטהעמט אונ זיינען צוריק אריין אין שענק.

— וואס איז מיט דאס קינד? — האט טעמרע בנציונען געפרעגט.

— ביא דער פאליציע — האט בנציון קאלט גיענטפערט.

איך האב פריהער געוואוסט, דאס דוא וועסט אזויא זאגען! — האט טעמרע באז אויסגערופען אונ איהרע טייפלישע אויגען האבען געבליצט — איך פערשטעה אללעס... איך בעט דיך מיט גוטען זאללסט מיר אבגעבען מיין קינד!

— געה אין פאליציע, וועסט דוא איהם נעהמען — האט עזרא זיך אבגערופען — דיא פאליציע האט גלייך ערקענט, דאס איהר האט דעם קנאבע ביא איוד גערויבט אונ איהר נידערטראכטיגע ציגיינער זיינט נאך ניט דאנקבאר פאר דער דיענסט, וועלכע מיין זאהן האט אייך בעוויזען... איך בין איין אלטער מאנן אונ מיר קען מען גיכער גלויבען וויא אציגיינער, זויא שווער איך אייך, דאס אללעס וואס מיין זאהן האט אייך געזאגט איז וואהר...

— מיין קינד! מיין אָרעמעס קינד! — האט טעמרע וויא אהונד געקלאַגט און געווישט איהרע טרוקענע אויגען — וויא וועלל איך לעבען אָהן איהם?

— אויב איהר קענט בעווייזען, דאס דער קנאַבע איז אייערער וועט איהר איהם בייא דער פּאָליציע אָבנעהמען — האט בנציון געזאָגט — איך האב מיטלייד אויף אייך, לײדער קען איך אייך גאר ניט העלפען.

— הער, יוד! — האט דער אַלטער באַצציא נאַכדענקענד אויסגע-רופען — איך גלויב דיר, דאכט זיך, דו האסט מיך ניט גענאַרט, און איך דאַנק דיר זעהר פאר דיין דיענסט, נאר איינפאַללס איך וועלל ערפאַהרען, דאס דו האסט אונז בעשווינדעלט, דאַן היט זיך פאר איין אַלטען ציגײנער! זיין ראַכע וועט דיך טרעפען!

— זוך דאס קינד וואו דו ווילסט — האט עזרא ערווידערט — יעטצט זעה איך, דאס מיין טאָכטער האט רעכט געהאט; אויף אשלאַנג טאָהר מען זיך ניט ערבאַרמען...

— דו האסט איהם גוט בעהאַלטען — האט דיא אַלטע העקסע געיאַממערט — עס וועט ניט העלפען אונזער זוכען....

— שווייג, הונד! האט באַצציא געשריען און אַפּויסט געמאַכט — צו וואס זאללסט דו בעשולדיגען דיא גוטע מענשען? פיללייכט זאגען זייא דיא ריכטיגע וואַהרהייט? מיר וועללען עס ערפאַהרען... גענוג צו ריידען, היידא, קינדער!

אין אַשטונדע אַרום וואַרען שוין דיא ציגײנער ווייט פון ליוזקער קרעטשמע, און בנציונען האט געלונגען צו רעטען דאס גערויבטע קינד. —

.10

ווער עס איז שאָן, און איך בין קלוג.

אין דעם פּוסטען פערוואַרפענעם טורנער-שלאָסס, וועלכען דיא בויערען רופען „טייפעלס-פיננער", האבען זיך שפעט אין דער נאַכט, בעזעטצט אַקאָמפּאַניע ציגײנער. —

דער גענאנטער שלאסס האט אמאל געהערט צוא אבעוואוסטען פאלנישען מאגנאט אונ אין דער צייט פון מאטעוש (אויפשטאנד) האט מען איהם פערברענט. פון דאן אן איז ער ביז היינט וויסט געבליעבען, אללע ווייכען איהם אויס, דען בייא דיא דארטיגע טורנער בויערען איז געבליעבען אזאגע, דאס אין דעם וויסטען שלאסס טאנצען בייא נאכט טייפלען.

— אין איין אונטערשטען לאנגען צימער, וועלכער האט אויס־געזעהען וויא אגרויסער קעלער, ווייל קיין טיהרען אונ פענסטער איז דארט ניט געוועזען, זעהען מיר זיטצען אונזער בעקאנטען ציגיינער באצציא מיט זיין אלטער טעמרען. —

צווייא פאקעלען האבען בעלייכט דאס טרויעריגער צימער אונ דיא דונקעלע שטראהלען זיינען געפאללען אויף דיא געפרוירענדע שלאפענדע ציגיינער. — אטרויעריגע שטיללקייט העררשט איבערן גאנצען צימער, וועלכע ווערד אפט געשטערט פון דיא ציגיינערס חראפען, אדער פון אקינדס געוויין.

— דוא שלאפסט, באצציא? — האט דיא אלטע טעמרע איהר מאנן געפרעגט, וועלכער איז געזעסען פערטיעפט אין טרויעריגע געדאנקען.

— איך שלאף ניט — האט ער מיט אפערשלאפענער שטיממע גיענטפערט — איך וועלל ווארטען ביז אונזער עדיג וועט פון ליווקע צוריק קוממען.

— דוא פערשפארסט צוא ווארטען.

— ווארום?

— ווייל איך האב דיר פריהער געזאגט אונ זאג דיר נאך איין מאל, דאס דיא היינטיגע געשיכטע מיט דעם פאליציע איז אגעמיינער שווינדעל... איך שוואר דיר, אז דאס קינד איז בייא דעם פערפלוכטען יוד געבליעבען...

— אונ איך גלויב עס ניט — האט באצציא בייז געזאגט — דוא ביזט שטענדיג קליגער פון דער גאנצער וועלט.

— א, מיין מאן! עס וואלט שוין אבער צייט געוועזען דוא זאללסט אויך קליגער ווערען אונ פארזיכטיגער זיין... געדענקסט דוא, דאס פאר אונזער אבריידען נאך ליווקע האב איך געזאגט אז עדיג מיט ציטרען זאללען בלייבען אין וואלד אונ היטען אונזער גוטס מיט דיא געשטוילטע זאכען, היינט שטעלל דיר פאר וואס וואלט דאן געוועזען, ווענן דוא פאלגסט מיך ניט? עס איז

נאך אגליק, וואס ציטרא איז געבליעבען אין וואלד מיטן צווייטען קינד, זאנסט וואלטען זייא ביידע צוא דעם פערפלוכטען יוד אריינגעפאללען...

— אויב דער יוד האט מיך בעשווינדעלט, וועט ער מיר פאר אללעם עהרליך בעצאהלען. — איך וועלל דאס קינד אבנעהמען, צוזאמען מיט דעם קרעטשמערס נשמה... נאר צוא וואס זאללען מיר איבעריגעס ריידען? איך מוז ווארטען ביז עדיג וועט צוריק קוממען, דאן וועלל איך וויסען, וואס איך האב צוא טהון.

— קאררא! קאררא! — האט זיך פלוטצלינג געהערט א־יאממער־ליכעס קינדישע שטיממעלע — קאררא! קאררא!
— שטילל צינא! — האט איונגע פערשלאפענע ציגיינערין געמורמעלט — שוויינ קאררא וועט מארגען קוממען.

אבער ווייטער האט דאס קינד געמורמעלט זיין „קאררא".
— שלעכט, באצציא, — האט טעמרע ערוויעדערט — איך קלער, אז דאס צווייטע קינד, וועט פון ביינגשאפט צום ערשטען, קראנק ווערען. זיא האט היינט אגאנצען טאג קיין עססען פערזוכט און געוואַרט אויף איהר געטרייען ברודער „קאררא.. און עס איז קיין וואונדער: דיא קינדער האבען זיך צוזאממען ערצויגען, צוזאממען זיך געשפיעלט, אויך איז בלוט קיין וואססער, זייערע הערצער פיהלען, דאס זייא געהערען זיך אן...

— אין דער מינוט איז צוא זייא איונגע ציגיינערין צו געקוממען, וועלכע האט אויף איהרע האנד אפינפיאהריגעס מאדכען געטראגען.

ביים ערשטען אויגענבליק קען מען ערקענען, אז דאס קינד שטאממט פון גרעסטען אדעל: איהרע זיידענע שווארצע האאר, איהרע גרויסע מלאנכאלישע שווארצע אויגען, האבען געגלאנצט געגען דעם שיין פון דונקעלען פאקעל; אויף איהר בלאססעס אבגעברענטעס געזיכט איז אזעלטענער רייץ געלעגען און אבוואהל איהרען צארטען קארפער האט נאר אקוויטיג צעררייססען העמדעלע בעדעקט, דאך האט זיא וויא אגראפיש קינד אויסגעזעהען.

— וואס טהוט מען, אנקעל, מיט דעם קינד? — האט דיא יונגע ציגיינערין בעזארגט געפרעגט — אגאנצען טאג וויינט זיא נאך איהר געליעבטען קאררא, זיא האט היינט קיין לעפעל וואססער פערזוכט, אויך יעטצט קען זיא ניט שלאפען און יאממערט נאך איהר ברודער, איך וויים ניט, וואס עס קען ווערען פון איהר, זיא

וועט עס געוויס ניט איבערטראגען, זי. איז שרעקליך פערענדערט געווארען . . .

— קאררא! קאררא! — האט דאס אונשולדיגע קינד אבערמאלס געמורמעלט און דער יונגער ציגיינערין מיט איהרע צארטע האנדטעליך פעסט ארומגענוממען — מיין קאררא.

— זאללסט שווייגען ממזר! — האט דיא אלטע ציגיינערין געוויטהעט און איהר מאגערע שווארצע האנד אויפגעהייבען — זאללסט באלד שלאפען, זאנסט וועלל איך דיך דערשטיקען! . . .

— האט מיטלייד אויף איהר — האט דיא יונגע ציגיינערין, צודריקענד דאס קינד צו איהר ברוסט מיט אפערשטיקטער שטימע געזאגט, און אויף איהר ברוינעס געזיכט האבען זיך טרעהרען געקייקעלט — זיא בייגט געביך נאך איהר ברודער. —

— זאלל זיא קראפירען מיט איהם צוזאממען! — האט דיא אלטע העקסע בייז ערוויעדערט — זיא לאסט קיינעם ניט שלאפען.

— קראפיר דוא פאר זייא ביידע! — האט באצציא, וועלכער האט דאס קינד שרעקליך געליעבט, זיך צארענדיג אבגערופען — זאללסט ניט וואגען דאס קינד צו בעריהרען, זאנסט וועסט דוא באלד פיהלען מיין אייזערנע האנד! . . .

— גוטען אבענד, מיינע טהייערע! — האט פלוטצלונג געזאגט איינגער בויער, וועלכער איז אין דער מינוט אריין אין קעלער — איהר שלאפט נאך ניט? און דוא, ציטרא, האסט זיך אויך נאך ניט געלייגט?

— עדיג! — האבען אללע מיט פרייד אויסגערופען — וואס פאר אגוטע נייעס האסט דוא אונז געבראכט? האט מען דיך ניט ערקענט?

— געוויס ניט — האט דער יונגער בויער געלאכט — אללע האבען מיך אלס בויער בעטראכט, קיינעם איז ניט איינגעפאללען, דאס איך בין אציגייגער . . .

— וואס הערט זיך אין ליווקער קרעטשמע? — האט באצציא נייגעריג געפרעגט — האסט דוא געזעהען דאס קינד? ביזט דוא אללעס ערפאהרען?

— דאס קינד האב איך דארט ניט געזעהען, איך גלויב, דאס דער פערפלוכטער יוד, וועלכער האט אונז זויא בעשווינדעלט, האט איהם געקענט גוט בעהאלטען . . .

— ווארום גלויבסט דוא אזויא?

— ווייל איך האב זיך ערוואוסט, דאס דער יוד האט אונז אללעמען אבגענארט.... אין דארף איז היינט קיינע פאליציע געוועזן, אללעס איז איין אויסגעטראכטער ליגען; דאס האט מיר דער עלטסטער בויער פון דארף געזאגט, מיט וועלכען איך האב אין קרעטשמע ביער געטרונקען.

— איז עס מיגליך? — האט דער אלטער ציגיינער, שקרילענד מיט דיא ציין, ערשטוינט געזאגט — מיך, דעם אלטען באצציא, האט אנידערטרעכטיגער יוד בעשווינדעלט? מיך? ניין! איך וועל עס איהם ניט שענקען! פערברענען, פערוויסטען, פערניכטען, מוז איך דעם געמיינעם בעטריגער! ער וועט מיך געדענקען!

— זיינט ניט זויא אויפגערעגט — האט דער יונגער ציגיינער זיך אבגערופען — מיר מוזען עס יעטצט לאססען מיט דער נאטור; אין אקורצער צייט ארום, ווענן דער שענקער וועט אין אונז פערגעססען, וועללען מיר קאררען ארויס רייסען פון זייערע האנד, דען געוויס וועללען זייא איהם שפעטער בייא זיך אין הויז האלטען... אבער יעטצט מוז מען שווייגען. ווייל אינפאללם איהר וועט דעם יודען עטוואס טהון, וועט מען פערשטעהען, אז דאס איז אונזער ארבייט...

— דוא האסט רעכט, עדיג, — האט דער אלטער געברוהמט — איך האב ליעב לאנג צוא ווארטען אונ גוט בעצאהלען...

— יעטצט זעה וועך עס האט רעכט — האט דיא אלטע ציגיינערין טריאומפירט — דיין טעמרע איז בערעבענטער אונ קליגער פאר דיר, ווער עס איז שאן אונ איך בין קלוג...

II.

דער בעפרייטער ארעסטאנט.

דער קאמענדאנט, אויך דיא וואכטער אונ בעדיענטע פון נויארקער קערקער: „סינג-סינג" זיינען שטארק בעשעפטיגט: עס רוישט, עס טוממעלט אין דעם גרויססען שלאסס, וועלכער שטעהט אויף דעם מעער; מען פוטצט, מען רוימט, מען קעהרט, מען

וואַשׁט; יעדען אַרעסטאַנט האָט מען פֿרישע בעט-צייג, אויך קלאָרע וועש און זויבערע קליידער געגעבען; און יעדער צעלע האָט מען די דיעלע געוואַשען, דען פֿיער אוהר נאָך מיטטאָג דאַרף קומען דער נייא-ערוויילטער נויארקער גובערנער. (גובערנאַטאָר).

פֿאַר די אונגליקליכע אַרעסטאַנטען וואַר דער צופֿאַלל אַגרויסער פֿייערטאָג: (יום טוב): אין דעם טאָג זיינען זיי פֿרייא געוועזען פֿון זייער שטאַנדיגער שווערער אַרבייט; מען האָט פֿיר זיי געקאָכט אַגוטען מיטטאָג, וועלכען זיי האָבען שוין לאַנג ניט געגעסען, און יעדענס הערץ וואַר פֿולל מיט גוטע האָפֿנונגען.

ריכטיג אוהר פֿיער נאָך מיטטאָג, איז צום „סינג-סינג צו-געשוואומען אַפּראַכטיגעס שיף, פֿון וועלכער עס האָבען פֿיעל פּאָליס-לייטע און אייניגע פֿאָרנעהמע הערען אויסגעשטייגט.

דער קאָמענדאַנט, וויא אויך דער אויפֿזעהער, האָבען די געסט לעבען טויער העפֿליך ערוואַרטעט און אַללע זיינען אַריין אין הויף.

— איז ביי אייך אַללעס אין אָרדענונג? — האָט איין פֿאָר-נאָהמער רייכגעקליידעטער הערר מיט איין עהרענוויירדיגעס געזיכט דעם קאָמענדאַנט געפֿרעגט, אַריינגעהענדיג אין אַפּראַכטיגען מעבלירטען זאַאל — האַלט איהר ריין אייערע אַרעסטאַנטען? קען מען זיי יעטצט זעהען?

— צו אייער דיענסט, מיסטער גובערנער, — האָט דער קאָמענדאַנט העפֿליך געזאָגט — די אַרעסטאַנטען ווערען בעהאַנדעלט אויף דעם בעסטען אַרט, איך האָפֿע דאָס איהר וועט צופֿריעדען זיין. ווענן איהר בעפֿעהלט, זויא קען איך גלייך מיט אייך געהן אין אַללע צעלען. —

— יא, מיין פֿריינד, מיר מוססען שוין געהן, דען דער טאָג איז באַלד צו ענדע, איך האָבע נאָך היינטע זעהר פֿיעל אַרבייט.

בענאָהע צוויא שטונדען איז דער נייער גוטהערציגער סיטטע מייער (גובערנאַטאָר) מיט דעם קאָמענדאַנט, אויך אייניגע פּאָליסלייטע פֿון צעלע צו צעלע געגאַנגען; דער פֿאָרנאָהמער אַמעריקאַנישער דזשענטעלמען האָט מיט יעדען אַרעסטאַנט גאַנץ פֿריינדליך גערעדט און אויסגעפֿרעגט, וויא מען בעהאַנדעלט איהם, ענדליך, זיינען זיי צוזאַמענגעקומען צו אַפֿינסטערע ענגע צעלע, וואו פֿאַר זייערע אויגען האָט זיך פֿאָרגעשטעלט אַטרויעריגעס הערצרייסענדעס בילד:

דארט אין אווינקעלע איז געשטאנען אמיטעלער מאגערער מאנן, מיט איין בלאססעם אויסגעצערטעם געזיכט, זיין לאנגע בארד, זיינע האלב גרויע האאר זיינען ווילד פערוואקסען, זיינע גרויסע מלאנכאלישע אויגען, וועלכע זיינען טיעף אריין אין געזיכט, האלט ער פערריססען צום הימעל, אין זיין מאגערע ציטערענדע האנד האלט ער דאס אלטע יודישע תהלים-ל, וועלכעם איז אומגעוויקט פון טרעהרען, זיינע טיעפע זיפצען, זיין טרויעריגע שטיממע האבען אשטיין געקענט ריהרען, דאס אין דער פאזע האט ער אויסגעזעהען וויא אגוואהרעס בילד פון פערצווייפלונג.

— בקראי ענני, אלהי צדקי, בצר הרחבת לי, חנני ושמע תפלתי — האט זיך געהערט איאממערליכע שטיממע — ווענן איך רוף צוא דיר ענטפערסט דוא מיר, גערעכטער גאטט! ווענן מיר איז ענג, ערברייטערסט דוא מיר אונ הערסט מיין געבעט! דוא ביזט ארחום וחנון, האב מיטלייד אויף מיר! זעה מיינע טיעפע וואונדען! ערלאזע מיך פון מיינע גרויזאמע לײדען! שיק מיר דיין גיבען טויט, וועלכעס וועט מיך בעפרייען פון דער פינסטערער פערדארטער וועלט! מיין פרויא, מיינע קינדער, מיין עהרע האב איך אויף עוויג פערלארען, מיין איינציגען פינפיאהריגען זוהן שלמהלע, מיין לעטצטע טרייסט, האט דאס מעער איינגעשלונגען אונ ווארום האסט דוא מיך געלאזט לעבען, איך זאלל בייוואהנען דיא שרעקליכע אונערטראגליכע שאנדע? זעה פאטער, וויא דיין קינד פלאגט זיך אונשולדיג אין דעם פינסטערען קערקער! נאר דוא, וועלט-הערשער, ווייסט וויא אונשולדיג איך בין! ריין זיינען מיינע האנד פון פערברעכען, איך בין קיינע זינד בעגאנגען, אונ ווארום האסט דוא מיך וויא אציעל געגען אללע וועלט-אונגליקען געשטעללט? פערצייהע מיר, אללערהאכסטער, נעהם צוא מיין זינדיגער זעעלע אויף דער בעססערער וועלט, וואו עס עקסעסטירט ניט זויא פיעל פאלשהייט, אונגליק, מערדעריא אונ בעטרוג! שלמהלע, מיין איינציגער זוהן! בעט פאר דיין אונגליקליכען פאטער! בעט!.. זאל שוין זיין אענדע..! שלמה-לע!!!

בייא דיא ווארטער איז דער אונגליקליכער וויא אשטיין אויף זיין הארטען בעטטעל געפאללען.

— שנעלל שליססט אויף דיא טהיר! — האט דער גובערנער מיט אפערשטיקטער שטיממע בעפאהלען — לויפט נאך איין ארצט, א וויא אונגליקליך, שוטצלאז, דער מאן איז!

באלד זיינען דיא בעדיענטע נאך דעם דארטיגען דאקטאר געלאפען, דער גובערנער מיט דעם קאמענדאנט זיינען אריין אין צעלע אונ מיט מיטליידענדע בליקען האבען זיי דעם קראפטלאזען ארעסטאנט בעטראכט.

— שוין לאנג זיטצט ער דא? — האט דער גובערנער געפרעגט.

— שוין באלד איין יאהר... ער יאממערט זויא דיא גאנצע צייט.

— וואס פאר איין פערברעך איז ער בעגאנגען?
— ער האט אין שטראססע אפרויא בערויבט.
— אונמעגליך — האט דער גובערנער צוא זיך געמורמעלט.

אין אייניגע מינוטען ארום איז געקוממען דער ארצט, וועלכער האט מיט פיעלע מיהע דעם ארעסטאנט ערמונטערט.

— שלעכטע — מענשען! — האט דער אונגליקליכער געקרעכצט — זאגאר דעם טויט פערגינט איהר מיר ניט... א, וויא געשמאק איך בין געשלאפען! וויא גוט איז מיר געוועזען! וויא זיסס איז דער טויט!

— בערוהיגט אייך, מיין פריינד, — האט דער גובערנער אין אריינער דייטשעשער שפראכע מיט טרערהרען געזאגט — קיינעם פון אונז וועט דער טויט ניט שוינען, אבער ווענן גאטט לאססט לעבען, דארפען מיר קיין זעלבסטמארדער זיין. דער מענש מוסס האפפען ביז צוא דער לעטצטער מינוט, אויך דוא קענסט נאך אמאל גליקליך זיין.

— איך גליקליך? — האט דער ארעסטאנט ביטער געלאכט — קיין גליק גיבט פיר מיר זאנדערען דער טויט.

— דעם טאנץ וועסט דוא ניט פערשפעטיגען, זאג מיר, מיין פריינד, פון וואנען ביזט דוא?
— איך בין ארוססישער, אוים דער פאלנישער שטאדט לעצק.
— וויא איז דיין נאמען?
— מרדכי בלוממענטהאל, אדער וויא מען רופט מיך דא, מארקוס וויינטהאל,
— וויפיעל יאהר ביזט דוא אלט?
— קארגע פיערציג יאהר.
— פיערציג יאהר? — האט דער גובערנער ערשטוינט געפרעגט — שוין לאנג ביזט דוא זויא גרויא?

— זייט איך האב מיין גרויזאמען אונגליק ערקענט... יא, מיין הערר, דיא ליידען מאכען דעם ליידענדען פאר דער צייט אלט....

— מיט וואס האסט דוא דיך אין רוססלאנד בעשעפטיגט?

— איך וואר איין טוכהאנדלער.

— ווארום האסט דוא רוססלאנד פערלאססט?

— א, מיין הערר! דיא ערקלערונג וועט פיעל צייט פער־געהמען... פיעל צייט דארף דויערען מיין לעבענסגעשיכטע צוא ערצעהלען! איך וועלל אייך אייער פראגע מיט דיא אייניגע ווארטער ערקלערען: מיך האט אונגליקליך געמאכט מיין אייגענע פרויא, צוליעב וועלכער איך בין צוא דער שטופפע געקוממען: זיא האט אנרעבענונג געלעבט, מיין איינציגע טאכטער האט זיא מיט אשארלאטאן פערהייראט, וועלכער האט מיינע לעטצטעס געלד גערויבט אונ מיין קינד זויא שאנדליך בעטראגען, דאס דיא אונגליקליכע איז זעלבסט — מארד בעגאנגען. איך בין אויס שאנדע מיט מיין איינציגען פינפיאהריגען זוהן פון רוססלאנד אבגעפאהרען מיט דאס שיף „לעבא" וועלכע איז אין מיטטען מעער אונטערגעגאנגען, מיין אונגליקליכעס קינד האבען דיא מעער וועללען איינגעשלונגען אונ איך בין, צום אונגליק, דורך א וואונדער לעבען געבליעבען...

— יא, מיין פריינד, — האט דער גובערנער, גערירט פון דער טרויעריגער געשיכטע געזאגט — דיין ביאגראפיע איז זעהר טרויעריג, אבער דוא זעלבסט ביזט שולדיג, ווארום האסט דוא עס אללעם דיין שלעכטער פרויא אזויא פיעל ערלויבט? וואו וואר דיין פערשטאנד?

— איהר האט רעכט, הערר גובערנער, אבער איך בין פון דער נאטור אשוועכלונג, איך האב זיך ניט געקאנט קריגען מיט מיין פרויא אונ איהר געמוזט אללעם נאכגעבען, איך האבע מיין שטראפפע גאנץ עהרליך פערדיענט.

— אבער דיא שטראפפע פון „סינג-סינג" האסט דוא אויך עהרליך פערדיענט? האט דער גובערנער מיט אשמייכעל געפרעגט אונ זיינע שארפע בליקען פון דעם אונגליקליכען ניט אראפגענוממען— ביזט דוא ווירקליך דיא זינד בעגאנגען? איז עס וואהר?

— דאס איז זויא וואהר, וויא דיא אמעריקאנישע געזעטצע (זאקאן)....

— וואס בעדייטען דיינע ווארטער?

— גאנץ איינפאך: אין פרייען לאנד אמעריקא גיבט קיינע געזעטצע אונ רעכטע...

— איז ביא אייך אין רוססלאנד בעססערע געזעטצע?

— געוויס... אין רוססלאנד עקסעסטירט ניט דער דוממער „ליידעס פויסט" קיין דאממענ־ערשט... עטליכע אונ דרייסיג יאהר האבע איך אין רוססלאנד אבגעלעבט אונ אזא אונגליקליכער צופאלל האט מיך גיעמאלס געטראפען. ביא אונז אין געריכט (סוד) איז דיא פרויא גלייך מיט דעם מאנסספערזאהן, ביידע זיינען אהנע צייגען (עדות) ניט בעגלויבט, וואהרענד דא איז דיא פרויא אויף אללעם בעגלויבט... יעדען איינעם קען זיא גאנץ לייכט אין אונגליק שטירצען: ווענן אפרויא פון אמאנן פערליעבט זיך אין איהר בארדער (קוואַרטיראנט) פערקלאגט זיא איהר פערהאססטען אונשולדיגען געמאהל אין געריכט, דאס ער בעהאנדעלט איהר שלעכט אונ וויל ניט ארבייטען... דער דזשאדזש (ריכטער) גלויבט איהר אהן צייגען נאר בלויז אויף איהר עהרען ווארט דער פאר וואס זיא איז אליידע.... (אפרויא) אדעלעס וועזען, ארעסטירט איהר אונגליקליכען געמאהל אויף יאהרען לאנג אונ זיא לעבט פראנק אונ פרייא מיט איהר געליעבטען... יא, מיין העדר, צופיעל דאממענרעכט עקסעסטירט אין אייער פרייען לאנד, איהר זיינט צוא העפליכע מאננער.... ביא אונז שעטצט מען אויך דער שוואכער פרויא, אבער אונ־גליקליך מאכען אונשולדיגע מענשען האט זיא קיין רעכט...

— אלזא, נאך דיינע ווארטער, זעהט אויס, דאס דיא פרויא האט דיך פאלש בעשולדיגט?

— ניט עס זעהט אויס, נאר דאס איז וואהר וויא יעטצט איז טאג.

— זאלל איך עס גלויבען? וויא קען עס מעגליך זיין?

— אין דעם פרייען לאנד אמעריקא, וואו יעדער געמיינער גראבערבייכיגער פאליסמאן שפיעלט ארא̇לע פון אגובערנער אונ מיטן קלאבם (שטעקען) שפאללט ער דיא ארעמע אונגליקליכע פערלערס קאפ, אויף וועלכען עס איז ניטא קיין קלאגער, קיין ריכטער... אין אמעריקא, וואו דיא לויפער (זשידליקעס) האבען דאס רעכט צוא שלאגען. צוא רייבען, צוא רייסען דיא וויסקעס (בארד) פון דיא אונגליקליכע גרינע (פרישגעקוממענע) אין מיטטען העללען טאג, אין מיטטען שטראססע, אין קאלאמביסעס לאנד, וואו מען האט דיא פרויען זויא פיעל טרויען גלויבען געגעבען אונ זייא קענען טהון

וואס זייערע הערצער גלוסט, איז אללעס מאגליך... איהר קענט מיר גלויבען, הערר גובערנער, דאס מיין לעבען שפיעלט בייא מיר קיין ראלע, איך וואללט דער פרויא דאנקבאר זיין, ווענן זיא וואללט מיך גלייך ערמארדען, אבער וויל זיא האט בעריהרט מיין עהרע, זויא שוואר איך בייא אללעם וואס היילינג איז, דאס איך בין אונשולדיג.

— שרעקליך! שאנדליך! האט דער גובערנער אויסגערופען — ווענן דיינע ווארטער זיינען וואהר, זויא איז נאך אזא אונרעכט ניט געהערט געווארען! ערצאהל מיר, וויא האט עס פאססירט?

— ווענן איהר זיינט פון דיא מענשען, וועלכע זוכען דיא וואהרהייט אונ גערעכטיגקייט — האט מרדכי מיט טרעהרען געזאגט — ווענן איהר זיינט אמענשענקענער אונ איהר וועט מיינע ווארטער גלויבען, זויא וועלל איך אייך אללעס ערצאהלען. —

— איך גלויב דיר, אונגליקליכער, — האט דער גובערנער געריהרט געזאגט — ערצאהל.

— מיין ערשטע אמעריקאנישע פראפעסיאן — האט מרדכי זיין טרויעריגע געשיכטע אנגעפאנגען — וואר דאס פערלען. איך האב געפיהרט אפושקארט (וואגעלע) מיט אייז, מיט פרוכטען א. ז. וו.

ניט איין מאל האט מיך אבייכיגער פאליסמאן בעהרט מיט זיין קלאבס איבערין קאפ, דאס איך האב געזעהען פונקען פאר דיא אויגען... גאר איך האב מיין לעבען אבגעקויפט מיט דעם מעטאל, וועלכען אללע האבען אזויא ליעב אונ מיין קליינער קאפיטאל, צוזאממען מיט דעם פערדיענסט איז בייא זייא פער-בליעבען... אלס איך האב זיך ארומגעזעהען, דאס איך האב שוין ניט אויף דעם ערשטען מיטטאג, האב איך דיא שאנדליכע, ארבייט אוועקגעווארפען אונ בין געגאנגען אין דער אכטער שטראססע, וואו איך האב צווייא וואכען דיא שטראססע גערייניגט. —

אין דעם לעטצטען טאג, ווענן איך האבע פון מיין ארבייט בענאהע צוואנציג דאללער אבגעשפארט בין איך פאר נאכט פון מיין ארבייט אהיים געגאנגען, אונ זיך אבגעשטעללט אין קאנעל סטריט בייא איין עלעקטערישע לאנטערנע, אום איבערצוצאהלען מיינע עטליכע דאללער אונ זיך בערעכענען, וואס פריהער מיט זייא צו טהון: צו זאלל איך צאהלען פאר רענד, אדער קויפען אין עססער סטריט איין אלטען קאסטיום, דען איך בין זעהר צו שאנדע געגאנגען...

וויא עס זעהט אויס, האט דיא ניעדערטראכטיגע באמערקע (שיכור-טע) בעמערקט, דאס איך האב געלד, צוא וועלכען זיא האט לוסט געהאט אונ אויף אשטימע געבומען שרייען: „פאלים"! „פאלים"! (פאליצייסקי)!

באלד איז צוא מיר צוגעלאפען אבלויער ראק (פאליציימאן) אונ מיך געפיהרט אין סטיישען-הויז, (פאליציע) וואו איך האבע איבערגענאכטיגט:

אין דער פריה איז דיא העקסע געקוממען אונ אבגעשווארען, דאס איך האב פון איהרע האנד אפארטמאנע מיט צעהן דאללער ארויסגעריססען, פאר וועלכען מען האט מיך אויף זעכס יאהר „סינג-סינג" פערשיקט אונ עס האט ניט געהאלפען מיינע טרעהרען אונ פערטהיידיגונג...

דאס אללעס וואס איך קען אייך, מיין העער, ערצאהלען. איהר האט דאס רעכט מיר ניט צוא גלויבען, אבער גאטט ווייסט דאס איך האב אייך דיא ריכטיגע וואהרהייט געזאגט, נאר ער האט געזעהען דאס אונרעכט אונ מערדעריא וואס מענשען קענען זיך ערלויבען צוליעב דעם שאנדליכען מעטאל...

— איך גלויב דיר, מיין פריינד, — האט דער גובערנער גערירט געזאגט אונ מיט זיין שנופטוך דיא טרעהרען אויסגעווישט — איך וועל מארגען נאכפארשונגען מאכען אונ דוא וועסט גלייך בעפרייעט ווערען, אבער דוא מוססט ביא מיר דיא קליינע סומע געהמען, איך בעשווארע דיך, אדיע צום וויעדערזעהען!

דער גוטהערציגער גובערנער האט איהם זויא שנעלל איינינע באנקנאטען אין טאש אריינגעלייגט, דאס מרדכי האט קיין צייט געהאט אווארט אויס צוא ריידען.

— זאלל איך צוריק פערשליססען דעם ארעסטאנט? — האט דער קאמענדאנט דעם גובערנער געפרעגט, אלס זיא זיינען ארויס פון דער צעלע.

— דאס איז ניט נאטהיג... — האט דער גוטער גובערנער געאנטווארטעט — גענוג, דאס ער ווער אונשולדיג אגאנץ יאהר פערשלאססען... איך גלויב, דאס ער איז קיינע זינדע בעגאנגען, אויף וועלכען ער איז זאגאר ניט פעהיג.

— ענטשולדיגט, מיסטער גובערנער — האט איהם דער קאמענדאנט בעמערקט — אללע ארעסטאנטען קלאגען, דאס זייא זיינען אונשולדיג....

— איך ערקען אבער ווער עס זאגט דיא ריכטיגע ווארהייט... איך גלויב איהם פיעל מעהר אלס דער ניעדערטראכטיגער באמערקע. (שיכורטע).

דער פארנאהמער גובערנער האט ווארט געהאלטען, אויף דעם צווייטען טאג, האט שפאציערט איבער דיא נויארקער שטראססען, דער בעפרייעטער ארעסטאנט

12.

אלטע פריינד.

שטילל איז אין דער שאגער קאנטרע (דארף), וועלכע ליעגט לעבען נויארק. אללעס שלאפט, אללעס רוהט פון דער שווערער אמעריקאנישער ארבייט; פינסטער איז אין אללע פענסטער דען עס איז צוועלף אוהר בייא נאכט; נאר דארט אין איין ניעדריגעס שמוטציגעס הויז, וועלכעס ליעגט ניט וויט פון מעער, איז אין איין פענסטער נאך ליכטיג; מיר וועללען אריינגעהן אין אפינסטערען קארידאר אונ פון דארט אין איין ענגען צימער, וואו דער הערר „דלות" איז אגאנצער בעל הבית... מעהר וויא אלטע וואנציגע בעטט, צווייא צובראכענע בענקלאך מיט אקליין טישעלע איז קיין ווירטהשאפט ניטא. אויף דער שווארצער קויטיגער וואנד הענגען איניגע פאמיליענבילדער אונ ביים טישעלע, אויף וועלכען עס ברענט דונקעל אליכט, זיטצט פערטראכט אמיטעלער מאנן פון אדעלען אויסזעהען, מיט אצארטעס מלאנכאלישעס געזיכט, אויף וועלכען עס ליעגט דער זיעגעל פון ארמוטה אונ נויטה, זיינע קלוגע אויגען זיינען פולל מיט טרעהרען, אפטמאל ווארפט ער מיט זייא אמיטליידענדען בליק אויף איין ארעמגעקליידעטען יונגען מאנן, וועלכער זיטצט געגען איבער אונ איז עהנליך צום עלטערען:

— פאטער, עס איז שוין שפעט — האט דער יונגערמאנן נאכלעסיג אויסגעשפראכען — איך מוז געהן אהיים.

— דוא קענסט דא נאכטיגען, מיין זוהן, — האט דער אלטערער טרויעריג געזאגט — איך בעט דיך אבערמאלס, מיין קינד, בעדענק

זיך, דוא ווייסט, דאס איך בין דיין בעסטער פריינד אונ הער דיא ראטה פון דיין ארעמען פאטער: איך האב שוין מיין וועלט פערשפיעלט, אבער דוא ביזט נאך יונג, קענסט האפפען, האסט קראפטען צוא ארבייטען, דוא קענסט מיט אצייט דיא האבסטע שטופפע ערדייכען, אונ ווארום מאכסט דוא זיך זעלבסט אונגליקליך? זעה וואס פון דיר איז געווארען! בלאסס, אויסגעדארט, נאקעט, הויל, האסט קיין העמד אויף זיך אונ ווער איז אין דעם שולדיג, אז ניט דוא אלליין? האסט זיך פערבונדען מיט אבאנדע ליידיג-געהער. באנדיטען, אויסוואורפען, פוילענדער, בעטריגער, וועלכע האבען ניט ווערטה דעם נאמען מענש, אונ איהר, ליידיג-געהער, ווילט איבער מאכען דיא גאנצע וועלט? אללע זיינען דוממ, נאר איהר זיינט קלוג, אבער וואס וועט ווערען פון אייער פוסטער פאנטאזיע? וויפיעל האט מען שוין פון דיינע ברידער אויפגעהאנגען? וויפיעל פערדאמטע אנארכיסטען האט דיא גולאטינע דיא קאפ אבגעהאקט? ווילסט דוא אויך דיא זעלבע ענדע האבען? איז דען ניט גלייכער צוא ארבייטען אונ לעבען א רוהיגען לעבען וויא אללע פלייסיגע אמעריקאנישע ארבייטער? אמווייניגסטענס וואלסט דוא זאט זיין מיט ברויט אונ ניט געהן זויא צוא שאנדע; מיט דער צייט וואללסט דוא דיר עטוואס ערווארבען אונ ניט ארבייטען אויף יענעם. אבער פון ליידיג געהן, וועלכע איז דיא מוטטער פון אללע זינד, וועסט דוא גאר ניט האבען, וועסט יעדען טאג מעהר צוא גרונדע געהן אונ אריינפאללען אין אונגליק.

— צוליעב דעם האסט דוא נאך מיר געשיקט? — האט דער יונגערמאנן מיט אפארווירפע געפרעגט אונ זיין בלאססעס געזיכט האט עטוואס פארב בעקוממען — איך האב שוין דיינע ווארטער אונ אויפקלערונגען פון לאנג געהערט, איך וועלל ניט ארבייטען אויף דיא פערפלוכטע וואמפירען, אויף דיא גיעריגע קאפעטאליסטען, וועלכע זויגען אוים בייא אונז דעם לעטצטען טראפפען בלוט! מיט וועלכעם רעכט ארבייט מען מיט אונז אין דיא פערשטיקטע פאבריקען וויא מיט פערד, ווארענד דער קאפעטאליסט שלאפט ביז צוואלף אוהר, לעבט וויא אגראף אונ טהוט קיין האנד ניט אריין אין קאלטעס וואססער? בערעכען וואו האבען זיא זייערע מיליאנען גענוממען? זיינען זיא דען ניט געבארען געווארען נאקעט וויא אללע? יא, פאטער מיר זיינען ביענען, וועלכע ארבייטען האניק פאר דער וועלט. מיט אונזער בלוטיגען שוויים האבען פאר זיא פאלעסטע געבויעט, מיט אונזערע צעהן פינגער האבען מיר זיא מיליאנען געגעבען,

מיט אונזערע לעצטע קראפטען האבען מיר זייא גרויסע פאבריקען אונ האנדלען געמאכט, אללעם געהער צוא אונז! אללעם! פלוך אויף דיא געלד זאק! אהייליגער מענשליכער געפיהל רופט אונז צום קאמפף! מיר מוססען קאמפפען, שטרייטען, געגען דיא הערצלאזע בלוט-גיריגע בעסטיען! דאס געלד מוז מען יעדען גלייך איינטהיילען, אדער דער פערפלוכטער מעטאל, וועלכעס ברענגט זויא פיעל נויטה, אונגליק, מערדערייא, זאלל גאר גיט עקסעסטירען! טויט אדער לעבען, דיא גירעכטיגקייט מוז זיעגען!

— איער גערעכטיגקייט וועט זיעגען, בעססער געזאגט, זיא וועט זינקען טיעף אין דער ערד... — האט דער פאטער טיעף ערווידערט — שאנע גערעכטיגקייט! איהר ווילט פערטיגע געבראטענע טייבעלאך אין מויל אריין... ניט ארבייטען אונ קוממען צום גרייטען, אחלעבען אגוטער געשעפט... דענקסט דוא, דער קאפי-טאליסט האט אין אנפאנג ניט שווער גיארבייט? יא, ער האט זיך בענוטצט אונ עקספלואטירט, אבער מיר קענען קיין וועלט ניט איבער מאכען, בעזאנדערס, ווייס איך. ווענן דוא זאללסט האבען איינציגע מיליאנען, וואללסט דוא אנדערש גערעדט אונ דייגע פערפלוכטע ברידער קיין איין סענט געגעבען, פיעלייכט וואללסט דוא נאך ערגער געוועזען אלס אנדערע. ווייל איך זעה דאך דיין געפיהל אונ עדלען כאראקטער, וויא דוא האסט מיטלייד אויף דיין שוואכען עלענדען פאטער אונ מאכסט איהם אונ זיך זויא אונגליקליך. — זאג מיר, בנימין, פיעל האסט דוא אהער געבראכט? האסט דוא אויך רייך געמאכט, דיא קאפיטאליסטען? האסט דוא זייא שלאססער געבויעט? קוממט דיר עטוואס פון זייא? א? וואהנזיניגער אונבערעכענטער יונג! ביז דיא קאפיטאליסטען וועלען זיך מיט איך טהיילען גלייך אויף גלייך, וועסט דוא שוין פוילען אין דער ערד צוא גלייך מיט דיין עלטערען שלעכטען ברודער. נעהם זיך אבייששפיעל פון איהם: ער איז אויך ארומגעגאנגען מיט דייגע דוממע געדאנקען, ער האט אויך דאס זעלבע וואס דוא געפאדערט, ביז ער איז אמערדער געווארען אונ בעפאללען דעם אונשולדיגען פאבריקאנט זינגטאן, צוליעב וועלכען ער האט גיענדיגט זיין זינדיגעס לעבען אויף דער עלעקטערישע טשער. (שטוהל) דיא זעלבע ענדע ערווארטעט אויך דיך, אונבערעכענטעס קינד....

איין זינד בריינגט דיא צווייטע, אבער איך האב ניט מעהר וויא דיך, איין אויג אין קאפ, עלענד בין איך וויא אשטיין אויף דער גרויסער גאטטעס וועלט! דיין זעליגער מוטטער, אויך

דיין

דיין עלטערען ברודער האב איך פערלארען אונ שווער וועט מיר זיין דעם לעטצטען קלאפ אריבערצוטראגען! האב מיטלייד אויף דיין קראנקען אונגליקליכען פאטער! זעה דיינע בלוטיגע טרעהרען, ווארף אוועק דיינע לומפיגע באנדע רויבער, לעב מיט מיר צוזאממען, פערזיסס מיינע לעטצטע געצאהלטע יאהר'ן, מיר וועללען צופריעדען לעבען, ארבייטען, זארגען איינער פאר'ן צווייטען, זיך פרעהען צוזאממען, האב מיטלייד, מיטלייד!...

— מיין אידעע איז ביא מיר פיעל טהייערער — האט דער הערצלאזער זוהן גיענטפערט — ביא אונז עקסעסטירט ניט דער נאמען, פאטער, וועלכער האט אונז בעשאפען צוליעב זיין ליידענשאפטליכער איינענליעבע, צוליעב וועלכען מיר דארפען זיך מאטערען אויף דער פערדארבענער פערפלוכטער וועלט... הייליג איז ביא אונז אונזער אידעע, מיט וועלכער איך בין בערייט צוא שטארבען, גלייך מיט מיין ערמארדעטען ברודער, וועלכען דיא פערדאמטע קאפיטאליסטען האבען אומגעבראכט! דיינע דוממע ערקלערונגען האבען ביא מיר אווערטה, וויא אקאפיטאליסטישער שמייכעל צוא איין ארבייטער... איך וויל זאגאר דיינע ווארטער ניט הערען... ראבע מוסס איך נעהמען פאר מיין ברודערס בלוט! דיך אינטערעסירט ניט דיין קינדס בלוט! אבער מיר זיינען מענשען מיט הערצער, מיט געפיהל... גאר גענוג צוא ריידען, דוא קענסט אונזער אידעע קיין מאל ניט פערשטעהען, אגוטע נאכט, איך מוז באלד געהן...

— געה אין פייער, פערדארבענעס קינד! — האט דער אונגליקליכער פאטער מיט אפערשטיקטער שטיממע געיאממערט — עס וועט קוממען אצייט, ווערסט געדענקען מיינע ווארטער, וועסט עס בעמיהען, אבער עס וועט זיין צוא שפעט... געה צום גאלגאן, (תליה) אונווירדיגער כאראקטערלאזער זוהן! אוועק פון מיינע אויגען, נידערטראכטיגער אויסוואורף!

— פאטער! — האט דער שלעכטער זאהן געברוהמט אונ זיך אויפגעשטעללט — פאר אזעלכע ווארטער...

— קוממט מיך צוא שיססען!.. — האט דער פערצווייפעלטער פאטער אונטערגעהאפט אונ זיין נאקעטעס הערץ אויפגעדעקט — דא האסט דוא מיין פערגיפטעטעס פערבלוטיגטעס הערץ! שיסס אריין אין מיר איינינע קוגלען, ווארף אויף מיר אבאמבע איין דינאמיט, וויא דיינע פערדאמטע ברידער האבען דיך אויטגעלערענט

אונ צוא שְׁמֶעטֶער מַיין שְׁוואכֶען קֶארפֶּער אויף טויזענדֶער שְׁטִיק.... שְׁיסם !

דֶער הֶערְצְלָאזֶער זוהן האט אַצָארֶענְדֶען בְּלִיק אויף זַיין פֶּערְזָאמֶעלְטֶען פָאטֶער גֶעוָוארְפֶען אונ מִיט אַשְׁטַארְקֶען קְלַאפּ אִין טְהִיר דָאם צִימֶער פֶערְלַאססֶען.

קוים הָאט ער גִיעֶפֶענְט דִיא קָארִידָאר טְהִיר, הָאט אִיהם אַפְרֶעמְדֶער אָבְּגֶעשְׁטֶעלְט:

— וָואהִנְט הִיער, מיסטער רייז?

— יָא, — הָאט דֶער צוּשְׁרֵייעטֶער אַנַארְכִיסְט אוּנְרוּהִיג גִיעֶנְטְפֶערְט אונ אִיז שְׁנֶעלל פֶערְשְׁווּאוּנְדֶען גֶעוָוארֶען.

דֶער פְּרֶעמְדֶער אִיז אַרַיין אִין קָארִידָאר אונ אָנְגֶעקְלַאפְּט אִין טְהִיר.

13.

פַּארְטְזֶעטְצוּנְג.

— וֶוער אִיז דָארְט? — הָאט זִיךְ פוּן אִינֶעוַוייניג גֶעהֶערְט אַפֶערְוַויינְטֶע שְׁטִימֶע.

— עֶפֶענְט, מַיין פְרַיינְד, — הָאט דֶער פְּרֶעמְדֶער גֶעאַנְטְוָוארְטֶעט.

— בַּאלְד הָאט זִיךְ דִיא טְהִיר גִיעֶפֶענְט אונ דֶער פְּרֶעמְדֶער אִיז אַרַיין אִין צִימֶער.

— גוּטֶען אָבֶענְד, מַיין טְהַייעֶרֶער אוּנְפֶערְגֶעסֶענֶער פְרַיינְד! — הָאט דֶער פְּרֶעמְדֶער אויסְגֶערוּפֶען — דַאנְקֶען גָאטט, מִיר זֶעהֶען זִיךְ ווִיטֶער.

— וֶוער זַיינְט אִיהר? — הָאט דֶער פֶערְצוּנְטֶער פָאטֶער דֶעם אוּנְגֶעבֶעטֶענֶעם גַאסְט גֶעפְרֶעגְט.

— עֶרְקֶענְט אִיהר נִיט, ר' שמואל, אַייעֶר אַלְטֶען אוּנְגְלִיקְלִיכֶען פְרַיינְד, מרדכי בלוממענטהאל?

— מרדכי! — הָאט שמואל אויסְגֶעשְׁרִיעֶן אונ אויף זַיין פְרַיינְדְס הַאלְז גֶעפַאלֶען, וֶועלְכֶען עֶר הָאט מִיט טְרֶערֶען בֶּענָאסֶען אונ פֶעסְט צוּם הֶערְצֶען גֶעדְרִיקְט — מרדכי, מַיין אֵיינְצִיגֶער פְרַיינְד! גֶעלוֹיבְּט אִיז גָאטט פַאר דֶעם חֶסֶד! ברוך מתיר אסורים! הָאט

מען אייך פריינגעשפראכען, אדער מלאכים האבען אייך יעטצט אהער געבראכט?

— היינט שפאצירען ניט, וויא אמאל, מלאכים אויף דער ערד, זאנדערען טייפלען אין מענשען געשטאלט — האט דער גאסט ביטער געלאכט — מען האט מיך היינט בעפרייט.

— וויא איז עס מאגליך? מען האט דאך אייך אויף זעכס יאהר „סינג-סינג" פערשיקט?

— דער נייער ארדענטליכער גובערנער האט מיר דיא פרייהייט געשאנקען.

ביא דיא ווארטער, האט איהם מרדכי ערצאהלט, וויא עס איז געשטערען פארגעקוממען אין סינג-סינג, אונ. ז. וו.

— וויא זיינט איהר ערפאהרען מיין נייע אדרעססע?

— דיא צונג קען אין עק וועלט פיהרען. איך וואר ביא אונזער אלטער מיסעס (ווירטהען) וועלכע האט מיר אייער אדרעססע געגעבען אונ גלייך בין איך צוא מיין איינציגען פריינד געגאנגען, וייל אויסער אייך האב איך דא קיינעם.

— איך דאנק אייך זעהר — האט שמואל רייו געריהרט געזאגט אונ מרדכים האנד געדריקט — וועט איהר פיעלייכט עטוואס עססען אונ טרינקען טהעע?

— געגעססען האב איך שוין אונ טהעע וועלל איך טרינקען מיט אייך צוזאממען, נאר זאגט מיר, שמואל, וואס זיינט איהר זויא פערזאממערט? דאכט זיך, איך האב געהערט אין קאררידאר אייער געוויין?

— א, פרעגט ניט, מיין פריינד! — האט שמואל ווישענדיג זיינע טרעהרען, טרויעריג געענטפערט — ווען איהר קוממט מיט איינינע מינוטען פריהער וואלט איהר פיעל העהרען אונ זעהען אסצענע, וועלכע מען קען נאר בעיוואהנען אין דעם פרייען לאנד אמעריקא...

— וואס צום ביישפיעל?

שמואל האט איהם איבערגעגעבען דיא גאנצע סצענע אונ געשפרעך מיט זיין הערצלאזען פערפיהרטען זוהן.

— בערוהיגט אייך, מיין פריינד, — האט מרדכי געריהרט פון שמואלס ערצאהלונג, געזאגט — צוא דער מכה איז קיין אנדערע רפואה ניטא זאנדערען דיא צייט. ער וועט אלטער ווערען, וועט ער בעססער אייערע ווארטער פערשטעהן אונ זיין אמענש מיט אללע

גלייך, דען וויא איך האב געהערט, האט איהר איהם פיעל מאל געוואָרענט אונ אייערע געוויססען זייגען גאנץ ריין.

— דאס איז ריכטיג, מיין פריינד, — האט שמואל מיט טרעהרען ערווידערט — אבער דיא נאטירליכע קינדערליעבע, קען מען זיא ניך פון הערצען ניט ארויסרייססען. וויא שלעכט, וויא טיראניש קינדער בעהאנדלען זייערע עלטערען, דאך געפינט דיא ליעבע איין ארט, אין זייערע פערוואונדעטע הערצער, וועגן ניט ליעבע, זויא געפינט זיך אמווייניגסטענס מיטלייד, עס דריקט, עס שנייד ביים הערצען... נאר גענוג וועגען דעם צוא ריידען, איך וועלל אנצינדען דיא מאשינע אונ מאכען טהעע.

— וואס הערט זיך ביא איך, גוטער מרדכי? האט שמואל זיין פערטראכטען פריינד געפרעגט אלס צוויא גלאזער טהעע זייגען אויף דעם טישעלע געשטאנען — ווערט איהר יעטצט שוין הערען מיין ראטה אונ אהיים פאהרען?

— פאהרענד? — האט מרדכי ביטער געשמייכעלט — וואו האב איך אהיים? צוא וועמען זאל איך פאהרען? צוא מיין טויטער טאכטער, וועלכע האט זיך צוליעב דעם שורקע, אויגוסט פעל-האנדלער, דאס לעבען גענוממען? זאלל איך געהן צוא מיין איינציגען ערשראקענעם זוהן שלמהלע, אדער צוא מיין לייכטזיניגער פרויא, וועלכע איך צווייפעל צוא זיא לעבט?

יא, מיין פריינד, עלענד בין איך וויא אשטיין, מיין היים וועט זיין דארט אין דער בעססערער וועלט, וואו עס רוהט מיין איינציגער געליעבטער זוהן... נאר דארט וועלל איך אטרייסט געפינען.

— וויטער דיא אלטע געשיכטע — האט זיך שמואל אבגערופען — דיא טויטע וועללען מיר ניט לעבעדיג מאכען אונ דיא לעבעדיגע מוזען לעבען, וויא אונזערע געלערטע האבען געזאגט: „על כרחך אתה חי, ועל כרחך אתה מת". וועגן גאטט לאססט לעבען, זויא מוז מען אללעס מיט געדולט אריבערטראגען. מיין ראטה איז, איהר זאללט אמעריקא פערלאססען, שליסט פריעדען מיט אייער פרויא, וועלכע לעבט אונ קען אייך אנדערע קינדער שענקען; זיא האט שוין אגוטע לעהרע געהאט אונ וועט זיין אטרייע ערגעבענע פרויא, אייער פאמיליע וועט אייך שטיטצען, בעזאנדערס קען זיין, דאס אייער שארלאטא איז קיין זעלבסטמארד בעגאנגען, ווייל זיבער ווייסט איהר ניט...

— וויא איך זעה, זיינט איהר פון דיא מענשען, וועלכע

קענען ראטהען דעם צווייטען אונ זיך זעלבסט ניט — האט מרדכי מיט אביטערע אירא‌ניע געזאגט — איהר האט דאך מיר אמאל ערצאהלט, דאס איהר רעכענט נאך רוססלאנד צוא פאהרען, וואו איהר האט עלטערען, וועלכע וועללען אייך שטיטצען, ווארום זיינט איהר דא פערבליעבען?

— איהר האט רעכט, מיין פריינד, איך האבע געדענקט צוא פאהרען, ליידער האב איך געוואלט רעטען מיין אונגליקליכען פער־פיהרטען זוהן, אום ער זאלל ניט האבען דיא זעלבע ענדע וויא מיין עלטערער זוהן, וועלכען מען האט, וויא איך האב אייך ערצאהלט, מיט זעכס מאנאטען צוריק, צום טויט פערארטהיילט. אויך האב איך אין דער צייט צוא מיינע עלטערען אונ צוא מיין פאמיליע פיעל בריעף געשריבען אונ פון קיינעם קיין אנטווארט בעקוממען. וויא עס זעהט אוים, זיינען אללע בעהיטע גאטט, אויסגעשטארבען, אנדערש קען גיט זיין, היינט צוא וועמען פאהרט מען? קענן איך זיך פערגלייכען צוא אייך, וואהרענד איהר האט אפרויא, אבייכע פאמיליע?

— יא, ברודער, — האט מרדכי געענטפערט — איך האב דעם זעלבען היים וואס איהר, אונזערע אונגליקען קענען זיך פערגלייכען, אונזערע הערצער זיינען צוגלייך פערגיפטעט, אלזא מוססען מיר צוזאממען לעבען, וויפיעל אונז איז אנגעצייכענט, אונ מיר וועללען ביידע ניט פאהרען.

— אז איהר זיינט איין איינגעשפארטער, ווייס איך שוין פון לאנג אונד עס פערשאפט מיר פיעל שמערצען, זעהענד, וויא איהר פערשפיעלט אייערע בעסטע יאהרען. איהר זיינט נאך אייגער מענש פון קארגע פיערציג יאהר, איהר קענט לעבען אונ ווילט ניט. גלויבט מיר, איך וואללט אייער פארשלאג מיט פערגעניגען אנגענוממען, דען איהר פיהלט דאס זעלבע וואס איך, מיר האבען צוזאממען געליטען, צוזאממען פערבראכט אונ איך וואללט זיך גליקליך געשעצט מיט אייך ווייטער צוא זיין, ליידער קען איך ניט זעהען, וויא איהר מאכט אייך זעלבסט אונגליקליך, בעזאנדערס, פאהר איך אב נאך סאטה-אמעריקא, זעכס טאג רייזע פון נויארק. מיינער אבעקאנטער האט מיר פון דארט אויף רייזע קאסטען געשיקט אונ מיר געשריבען, דאס ער וועט אין זיין געשעפט אשטעללע געבען, זעלבסט פערשטאנדליך, דאס געגען מיין ווילען מוז איך זיך מיט אייך שיידען אונ ענטלויפען פון מיין שלעכטען זוהן, אום ניט צוא זעהען זיין שרעקליכע ענדע אונ פערלירען מיין לעטצטע טרייסט...

— וואו איהר וועט זיין, דארט וועלל איך אויך זיין — האט מרדכי קאלבלוטיג געזאגט אונ זיך אצווייטע גלאז טהעע גענומען — ריזע קאסטען האב איך, נאר פיעללייכט איז אייך ניט אנגענאהם, זויא זאגט מיר גאנץ אפען, דאן וועלל איך אין א אנדערע שטאדט פאהרען.

— בעהיטע גאטט! האט שמואל געריהרט אויסגערופען — וויא קענט איהר עס זאגען?

ביז פאר טאג האבען ביידע אונגליקליכע פריינד פערבראכט, אין איינגע טאג ארום וואַרען שוין גאנץ ווייט פון נויארק דיא אלטע פריינד. —

ענדע 2־טער טהייל.

די יודישע

ציגיינערין

אָדער

דאס געשטאָהלענע קינד

איין אינטערעסאנטער ראמאן פון פּױלישען און אמעריקאנישען
יודישען לעבען אין 4 טהייל.

פֿערפֿאסט פֿון

שלום לעדערער.

דריטער טהייל

פֿערלאג און אייגענטהום פון מרדכי קאצענעלענבאגען בוכהענדלער ווילנא.

ווילנא

בדפוס י. פּיראָזשניקאָוו.

שנת תר״ם לפ״ק

ЕВРЕЙСКАЯ ЦЫГАНКА.

Романъ въ 4-хъ частяхъ. Соч. Ш. Ледерера.

Часть III.

Изд. и соб. виленскаго книгопродавца М. Каценеленбогена.

ВИЛЬНА. Типографія **И. I. Пирожникова,** Завальная ул. д. № 1147.

1900.

Дозволено цензурою 12 Января 1900 г. Вильна.

I.

דֶער אוּנְגְלִיקְלִיכֶער דָוִד'ל.

דְרַייא מָאנַאטֶען איז דָאס גֶערוֹיבְּטֶע קִינְד, קַארראַ, אָדֶער וִויא דֶער אַלְטֶער עזרא הָאט אִיהם אַ נָאמֶען גֶעגֶעבֶּען, דוד, גֶעוֶוען בֶּעהַאלְטֶען בַּייא דֶעם פֿאַכְטֶער ברוך ווַיין, וֶועלְכֶער הָאט דֶעם אוּנְגְלִיקְלִיכֶען קִינְד פָּאטֶערְלִיכֶע לִיעבֶּע גֶעצַייגְט אוּנ קַארראַ איז אַרַיין, וִויא מֶען זָאגְט, אִין אַנַואהרֶען גַן עֶדֶן, צְווִישֶׁען עֶדְלֶע גוּטֶע מֶענְשֶׁען, צוּא וֶועלְכֶע עֶר אִיז גֶעוָוארֶען צוּגֶעבּוּנְדֶען מִיט לַייבּ אוּנ זֶעעלֶע. אִיבֶּערְהוֹיפְּט, הָאט דָאס קְלוּגֶע קִינְד הֶערְצְלִיךְ גֶעלִיעבְּט רָחֵלֶן מִיט אִיהר גֶעמַאהל, אוֹיךְ דֶעם אַלְטֶען עזרא מִיט שרה'ן, וֶועלְכֶע הָאבֶּען קַיין אֵיין טָאג פֶערְפֶעהלְט צוּא בֶּעזוּכֶען דֶעם גוּטֶען פַאכְטֶער אוּנְד פֶערְבְּרֶענְגֶען מִיט דֶעם רַייצֶענְדֶען קִינְד.

אִין דֶער צַייט הָאט דוד'ל אָנְגֶעפַאנְגֶען יוּדִישׁ צוּא רֵיידֶען, אוֹיךְ הָאט אִיהם דֶער פַאכְטֶער דֶעם יוּדִישֶׁען אלף בית גֶעלֶערְנְט, אוּנ דָאס קִינְד וַואר אִין שְׁטַאנְד אוֹיף יֶעדֶער פְרַאגֶע צוּא אַנְטְוָוארְטֶען.

— בֶּענְקְסְט דוּא, דוד'ל, נָאךְ דַיין פָּאטֶער? — הָאט אִיהם אֵיין מָאל דֶער פַאכְטֶער גֶעפְרֶעגְט — וִוילְלסט דוּא צוּרִיק אִין וַואלְד?

— נֵיין, אָנֶקֶעל.

— וִויא הָאט מֶען דַיין פָאטֶער אוּנ דַיינֶע מוּטֶטער גֶערוּפֶען?

— מַיין פָאטֶער גֶערוּפֶען באצציא אוּנ מַיין מוּטֶטער טעמרע — הָאט דָאס קִינְד אִין גֶעבְּרָאכֶען זְשַׁארְגָאן גֶעאַנְטְוָוארְטֶעט.

— הָאסט דוּא זֵייא גֶעלִיעבְּט?

— נֵיין, זֵייא שְׁלָאגֶען קארראַ.... אִיךְ לִיעבּ גֶעהַאט צִינַא.

— וִוילְלסְט דוּא צוּא דַיין צִינַא?

— אִיךְ וִוילל זֵיא קוּמְמֶען אַ הֶער....

אוֹיף דֶער צְווַייטֶער וָואכֶע, נָאךְ דִיעזֶען גֶעשְׁפְּרֶעךְ, הָאט רחלע

דאס גערויבטע קינד צוא זיך אין קרעטשמע גענוממען, וואו דוד'ל האט זיך געפיהלט וויא ביא צארטליכע עלטערען אונ איז יעדען טאג שאנער געווארען.

ווייטער זיינען צווייא מאנאטען אוועק, אונ דיא פאמיליע רייז וואדען ענטציקט פון דעם שאנעם קלוגען קינד, וועלכער האט אללע פרעהליך געמאכט מיט זיינע קלוגע פראגען אונ ליעבליכע אויסדריקע.

אין אשאנעם אבענד זעהען מיר זיטצען רחל'ן ביים שענק-טיש אונ לעבען איהר שטעהט דער רייצענדער דוד'ל, מיט וועלכען זיא זאגט קריאת שמע.

— מוטטער, — האט דאס מילדע קינד, אלס ער האט דיא קריאת שמע געענדיגט, אונשולדיג געפרעגט אונ רחל'ן א הייסען קוש געגעבען — פאר וואס זאגט מען קריטשמע? (קריאת שמע) דער אלטער פאטער באצציא האט מיך דאס ניט געזאגט....

— מען בעט גאטט, מיר זאללען אויפשטעהען געזונד, מען דאנקט איהם וואס ער לאססט אונז לעבען אונ גיבט אונז עססען, טרינקען אונ אללעס, וואס מיר דארפען — וואר רחל'ס אנטווארט.

— ווער איז דער גאטט? וואו איז ער?

— אין הימעל.

— אזויא הויך? — האט דאס אונשולדיגע קינד מיט וואונדער געפרעגט אונ געהויבען מיט דיא אקסעל, גלייך וויא זיין קינדיש קאפעלע וואלט ניט פערשטאנען רחלס אנטווארט — וויא קען ער פון הימעל געבען עססען? פאר וואס זעה איך, דאס דוא מוטטער גיבסט יעדען עססען, ניט ער?.... וועט ער היינט דא זיין? וועלל איך איהם זעהען?

— קליינע קינדער זעהען איהם ניט — האט רח'לע געלאכט אונ דוד-לען צום הערצען געדריקט — וועסט ווערען גרויס וויא דער פאטער בנציון, וועסט דוא איהם זעהען גלייך מיט אונז....

אין דער מינוט איז אריינגעקוממען איין אלטער בעטלער מיט א לאנגע שנעע-ווייסע בארד. זיין גאנצער קערפער וואר אין לומפען (שמאטעס) איינגעוויקעלט אונ מיט א ציטערענדער שטיממע האט ער רח'לן געבעטען אגלאז בראנפען מיט א פונט ברויט.

רח'לע האט זיין ביטטע ערפיללט אונ ניט בעמערקט, וויא דער בעטלער האט זיינע טיגערישע אויגען פון דעם שאנעם קינד ניט אראפ גענוממען....

אין דער זעלבער צייט איז א בויערין צוא רחלן צוגעגאנגען אונ פערלאנגט א גלאז ביער. קוים האט רחל אויף דער בויערין א בליק געטהון, איז זיא שרעקליך בלאסס געווארען אונ ניט געקענט רידהרען מיט קיין גליעד, אויך דיא בויערין איז ערשטוינט געבליעבען אונ אייניגע מינוטען ניט געקענט א ווארט אויסרייידען.

— ראחיל! — האט דיא בויערין מיט שרעק אויסגערופען — מיין ארעמע טאכטער! וויא קוממסט דוא א הער?

רחלע האט דיא לעטצטע ווארטער ניט געהערט אונ איז וויא א שטיין אויף דער דיעלע געפאללען....

— מוטטער! מוטטער ראחיל! — האט דוד'ל געציטערט — שטעה אויף איך האב אזויא מורא.... איך וויל שלאפען! עפען דיא אויגען מוטטער!

רחל האט דעם קינדס יאממער ניט געהערט אונ דער ערשראקענער דוד'ל איז אין פינסטערען קארידאר געלאפען, אום צוא רופען זיין פאטער בנציון. פלוטצלונג האט ער געפיהלט, דאס צוויא אייזערנע האנד האבען איהם איינגעקלאממערט. פון שרעק האט דאס ארעמע קינד קיין ווארט געקענט אויסרייידען, אונ באלד איז מיט איהם פערשוואונדען דער אלטער בעטלער.

— רעטעט! זיא שטארבט! — האט איין אלטער בויער געשריען — שנעלל קוממט אריין, ברענגט וואססער!

אויף זיין געשרייא איז בנציון אויך זיינע עלטערען אריינגעלאפען, וועלכע זיינען וויא פערשטיינערט געבליעבען, זעהענד דער אונמאכטער רחל׳ן. ענדליך, האט זיך בנציון בעדענקט אונ מיט אלע קראפטען געמונטערט זיין געליעבטער פרויא, וועלכער ער האט אויף א בעט געלייגט.

— וואו — איז — זיא?.... — האט רחל געשטאממעלט, אלס זיא האט איהרע שטארע אויגען געעפענט — שטעהט — זיא — אין — שענק?

— בערוהיג זיך, מיין לעבען, — האט איהר בנציון געבעטען, אונ זיינע טרעהרען זיינען אויף איהר בלאססעם געזיכט געפאללען — אויף וועמען פרעגסט דוא? ווער איז דא געווען?

— זיא.... — האט רחל געמורמעלט אונ זיך ווילד ארומגעקוקט.

— ווער איז זיא? ווער האט דיך, רחלע, זויא איבערגעשראקען?

— יענע.... — האט רחלע פיעבערליך געציטערט — זיא — איז — ביים שענק — טיש — גע — שטא — נען — וואו — איז — דוד'ל?

אללע זיינען בייא דיא ווארטער שרעקליך בלאסס געווארען. יעדער

האט מיט זיינע בליקען אין אללע ווינקעליך געזוכט, דער אלטער עזרא איז אריינגעלאפען אין שענק, אין אללע צימטערען, אויך אין שטאלל, איבעראל געזוכט, געפרעגט אונ צוריקגעקוממען מיט א קלאפענדעם בעקלעמטעם הערץ מיט פוללע אויגען טרעהרען....

יעדער האט געפיהלט, דאס מיט דוד־לען איז איין אונגליק געשעהן, רחל איז בעוואוסטלאז געלעגען אונ ניט געוואוסט וויא ווייט פון איהר איז דער אונגליקליכער דוד'ל. —

2.

פלוך אויף דיא מערדער.

מאנטאג דען צווייטען אקטיאבער, צוועלף אוהר בייא טאג, זיינען פראכטיגע עקיפאזשען צום לאנדאנער דאק (האפען, פריסטאן) צוגעפאהרען, וואו עס ווארען שוין פיעל מענשען אונ האבען מיט דעם גרעסטען אונגעדולט ערווארטעט דאס ענגלישע שנעלל שיף „צירקאססיא", וועלכע דארף קוממען פון אמעריקא.

צווישען דיא שפאציערענדע מענשען, בעמערקען מיר צווייא רייכגעקליידעטע הערען מיט צווייא שאנע דאממען, וועלכע מען קען ערקענען ביים ערשטען אויגענבליק, אז דאס איז מוטטער אונ טאכטער.

— א, מוטטער! — האט דיא יונגע רייצענדע דאמע צוא דער עלטערער געזאגט — איך וואללט שוין וועללען דערלעבען דיא מינוט אונ זעהען מיין דזשעקען; וויא עס זעהט אוים, האט זיך דער דאמפפער פערשפעטיגט, איך האב שוין מיין געדוללט פער־לארען!

— מיר האבען שוין ניט לאנג צוא ווארטען, מיין טאכטער, — האט זיך דיא עלטערע דאמע אבגערופען — נאך אין א האלבע שטונדע ארום, וועללען מיר אללעס וויסען.

— שארלאטא! האט איינער פון דיא הערן מונטער געזאגט — זעהסט דוא דארט גאנץ ווייט אויף דעם בלויען אונבעפלעקטען מעער א שווארצע מאסע? דאס איז דער דאמפפער, צירקאססיא, וועלכער פיהרט דיין ליעבען געמאהל מיט פיעלע גוטע נייעס. — יא, טאכטער,

צייט א פירטעל שטונדע, וועלען מיר זיך פרייען מיט אונזער דזשעקען.

— א, וואס פאר א טהייערען גאסט דאס שיף פיהרט! — האט דער צווייטער הערר פרעהליך אויסגערופען — זאגאר דיא נאטור פרייד זיך מיט אונזער גאסט, זעהט וואס פאר א פראכטיגער טאג גראדע היינט איז, וואהרענד שוין צווייא וואכען האט דער רעגען גוט אבגע-וואשען דיא לאנדאנער שטראססען.

— גאטט זאלל געבען אונזער דזשעק זאלל אונז פרעהליכע נייעס ברענגען — האט דיא עלטערע דאמע טרויעריג געזאגט — גאטט ווייס, צוא ער האט מיט זיין שווערע רייזע עטוואס געמאכט.... מיין הערץ שרעקט זיך זעהר.

— בערוהיג זיך, מיין טאכטער, — האט איהר איינער פון דיא הערען געטרייסט — באלד וועלען מיר אללעס ערפאהרען, ווייל מען זעהט שוין דאס שיף.

— דאס שיף! דאס שיף! — האבען פיעלע פון דיא ווארטענדע מונטער געשריען — דער צירקאססיא קוממט!

אונ ווירקליך האט מען געזעהען דעם רייכען דאמפפער מיט דיא הויכע זעגעלבוימער אונ אין צעהן מינוטען ארום וואר שוין דאס שיף ביים האפען, וועלכע מען האט גלייך פעראנקערט אונ אויף א הענג-בריק האבען דיא פאססאזשירען, אונטער איין פרעהליכען מארש, אויסגעשטייגט.

— א שאללענדער פריידענגעשרייא האט זיך פון יעדענס הערץ ארויסגעריססען: דארט האט מען זיך אומגעארעמט, דארט האט מען געוויינט, אויך דיא צווייא הערען מיט דיא דאמען האבען זיך הערצליך צוקושט מיט א סימפאטישען רייך געקליידעטען יונגען מאנן. —

— דזשעק, מיין טהייער לעבען! — האט דיא יונגע פרויא מיט פריידענטרעהרען אויסגערופען אונ אבערמאלס איהר ליעבען געמאהל פעסט אומגעארעמט — א, — דאנקען גאט, וואס איך זעה דיך געזונד! דוא זעהסט גוט אויס.

— איך דאנק דיר, מיין טהייערע, פאר דיין טריישאפט — האט דער יונגער דזשענטעלמען מילד געשמייכעלט אונ זיין יונגער פרויא א הייסען קוש אנגעפרעסט — וואס מאכט אונזער קליינע ליעבע טאכטער?

— זיא איז, דאנק דעם אללערהאכסטען, פאלקאם געזונד אונ ער-ווארטעט איהר ליעבען פאטער. —

— גענוג, מיין זאהן, — האט איינער פון דיא מאנגער געזאגט — מיר מוססען אהיים פאהרען, וואו מיר וועללען קענען אונגעשטערט ריידען.

— אין א שטונדע ארום זעהען מיר דער זעלבער פאמיליע זיטצען אין דעם לאנדאנער מיליאנער מיסטער לעווים פראכטיגען זאלל אונ פיהרען פאלגענדער געשפרעך:

— יעטצט, מיין זאהן, אז מיר האבען זיך שוין עטוואס ערפרישט — האט דער אלטער לעווי געזאגט — מוזט דוא אונז ערצאהלען, וויא דיין ווייטע רייזע איז דיר געגאנגען.

— מיט פערגעניגען וואללט איך אייך אללעס ערצאהלען, ליידער האב איך קיינע פרעהליכע נייעס געבראכט אונ מיין ארבייט, מיין רייזע, מיין זוכען וואר אומזאנסט: איך בין פון מיין אונגליקליכען שוויגערפאטער קיין שפור דערגאנגען, ווייל איך בין צוא שפעט געקוממען, אונ איך בעדויער, וואס איך בין מיט איינע מאנאטען צוריק ניט געפאהרען....

ביידע דאממען אויך שיינעם פאטער דניאל סגל, וועלבער איז געגען זייא געזעסען, זייען פון דיא ווארטער שרעקליך בלאסס געווארען, אויסער דער אלטער לעווי האט זיין יונגען זאהן אבערמאלם געפרעגט:

— וואס וואללט זיין, ווען דוא זאללסט געוועזען פאהרען מיט איינינע מאנאטען צוריק?

— דאן וואללט איך מיין ליעבען שוויגערפאטער געפונען — האט דער יונגער לעווי טרויעריג געאנטווארטעט — צום אונגליק האט זיך מיין שארלאטע זעהר שוואך געפיהלט, אויך וואר איך שטארק בעשעפטיגט אין פאבריק מיט דיא ארבייטער, וועלכע האבען גראדע דען איין ארבייטער סטרייק (סטאטשקע) געמאכט אונ צוליעב דעם האב איך פערשפעטיגט.

— אבער אום גאטטעס ווילען, דזשעק! — האט דיא יונגע שארלאטע מיט טרעהרען אויסגערופען — ערקלער אונז דייטליך דייגע ווארטער, האסט דוא וועגען מיין פאטער עטוואס געהערט?

— זעהר פיעל, מיינע טהייערע, אבער איהר מוססט מיר אייער ווארט געבען, דאס איהר וועט אייך רוהיג האלטען, דאן קען איך אייך אללעס ערקלערען.

— מיר זייגען אויף אללעס בערייט — האט זיך שיינע, דעם יונגען לעווים שוויעגערמוטטער, ווישענדיג איהרע טרעהרען, טרויעריג אבגערופען — ערצאהל, מיין קינד, נאר שנעלל, דען איך פערליר מיין געדולד.

— איך בין ערפאהרען, דאס מיט איינינע מאנאטען צוריק, האט דער נייער גובערנער מיין שוויגערפאטער פון „סינג-סינג" בעפרייעט, וואו ער האט גאנץ אונשולדיג א קיילעכדיג יאהר געשמאכטעט, דען א ניעדערטראכטיגע פרויא האט איהם בעשולדיגט, דאס ער האט איהר אויף דער שטראססע בערויבט, פאר װעלכען מען האט איהם אויף זעכס יאהר „סינג-סינג" פערשיקט.

— מיין טהייער ארעמער פאטער! — האט שארלאטע געיאמערט — א, וויא גרויזאם דיין אונגליק איז! דוא, מיין עדלער פאטער, װעלכען אללע האבען געשאטצט אונ געעהרט, האסט אזא שאנדע ערלעבט! דאס איז שרעקליך, אונערטראגליך!

— מיין מאנן! מיין טהייערער גוטער מרדכי! — האט דיא עלטערע פרויא, שיינע בלוממענטהאל הדסה לעווינשטיינס שוועסטער, וויא א קליין קינד געוויינט — איך דיין שלעכטע פרויא, איך בין אין אללעם שולדיג! נאר איך האבע דיך צוליעב מיין לייכטזיניגקייט, צוליעב מיינע קאפריזען אונ דוממע לוקסוס צוא דער שטופפע געבראכט! א, איך װעלל עס ניט אריבערטראגען!

— שוידערהאפט! — האט דער אלטער לעווי מיט א הערצרייסענדער שטיממע אויסגעשריען — מיין אונגליק, יבער איינציגער ברודער! איך האב זאגאר ניט דאס גליק געהאט דיך צוא קענען, דען מיר האבען זיך אלס קינד געשיידעט, דוא װייסט זאגאר ניט, דאס דיין טאכטער שארלאטע איז מיין שוויגערטאכטער געווארען*).... אבער וואס טהוט מען יעטצט? וואו זוכט מען איהם?

— זייט ניט זויא פערצווייפעלט, ליעבע קינדער, — האט דער אלטער דניאל סגל, שיינעס פאטער, מיט טרעהרען געזאגט — מיר דארפען אונזער האפפענונג ניט פערלירען, ביא גאטט איז אללעס מאגליך, װענן איך האב אויף דער עלטער מיינע קינדער געפונען, װעלכע איך האב זיך זאגאר אין טרוים ניט פארגעשטעללט, װעלל איך אויך דערלעבען צוא קענען מיין אונגליקליכען שוויגערזאהן. מיר מוססען לעבען אונ האפפען, דען ניט מיט אונזערע טרעהרען װעללען מיר איהם רעטען.

— איהר האט רעכט — האט לעווי געזאגט — אבער ענטפער מיר, דזשעק, ביזט דוא ניט ערפאהרען, וואהין ער איז אבגעפאהרען, פיללייכט איז ער אין נויארק?

א

---

*) דאס קוממט פאר אין מיין פאריגען ראמאן: „דיא ציגיינער".
ש"ל.

— א, נוענן איך זאלל וויסען וואוהין ער איז געפאהרען — האט דזשעק ביטער געשמייכעלט — דאן וואללט איך צוא איהם אין ענדע וועלט געפאהרען, ליידער ווייסט עס קיינער אונ אין נויארק, אויך באסטאן, טשיגאגא, פהילאדעלפיע אונ וואשינגטאן, איז ער געוויס ניטא, דען איך האבע איהם איבעראלל געזוכט.

— דער בריפטרעגער האט א בריעף געבראכט — האט א דיענער געמעלדעט.

— ברייננ דעם בריעף אהער — האט דער אלטער לעווי בעפאהלען.

באלד האט דער דיענער א פערזיעגעלטען בריעף געבראכט.

— פון לעאנען — האט לעווי געזאגט, בעטראכטענדיג דיא אדרעססע.

— פון אונזער לעאנען? — האבען אללע אין איין שטימם געפרעגט — לעז, דזשעק, דעם בריעף, געוויס איז דארט נייעס, דען שוין זעהר לאנג, אז ער האט ניט געשריבען.

דזשעק האט דעם בריעף גיעפענט אונ געלעזען דיא ווארטער.

„מיינע טהייערסטע!

איהר זאללט אייך ניט וואונדערען, וואס איך האב אייך זויא לאנג ניט געשריבען, דען א געוויסער שרעקליכער צופאל, וועלכען איך האבע געקענט מיט מיין לעבען בעצאהלען, האט מיך אבגעהאלטען פון שרייבען. דאנקען גאטט, וואס איך בין לעבען געבליעבען אונ איך האב דאס גליק מיט אייך ווייטער צוא רייִדען. — מיט איינינע מאנאטען צוריק, פאר טאג, האט מיך מיין בעדיענטער מיט א לארעם אויפגעוועקט דאס א פרעמדער יונגערמאנן איז פון ווישניצע געקוממען אונ געבראכט דיא שרעקליכע נאכריכט, דאס אונזער מלכה שטארבט. — איהר קענט זיך פארשטעללען וויא ערשראקען מיר זיינען געווארען אונ איך בין האלב נאקעט אין פינסטערען קארריִדאר געלאפען אום צוא רייִדען מיט דעם פרעמדען יונגען מאנן, איך האב קיין צייט געהאט זיך ארום צוקוקען, פלוטצלונג, איז מיך א באנדיט מיט א בלאנקעס מעססער בעפאללען, וועלכעס ער האט מיר טיעף אין ברוסט אריינגערוקט, מיט דיא ווארטער: „דאס בין איך דיין בעסטער פריינד,

אווגוסט פעלהאנדלער"!

— מיין קינד! מיין שוואגער! האט דניאל מיט שיינען אין איין שטימם אויסגעשריען — שרעקליך! שודערהאפט!

— מיין — אנקעל ! — האט שארלאטא געצווייפעלט — ווייטער — דער — מערדער . . . .

— זייט רוהיג , מיינע טהייערע . — האט דזשעק געריהרט געבעטען— איהר זעהט דאך , דאס דער אנקעל לעבט און שרייבט זעלבסט דעם בריעף , איך וועל ווייטער לעזען .

— לעז ווייטער , מיין לעבען , — האט שארלאטע ציטערענדיג מיט אללע גליעדער געזאגט — א , א שרעקליכער טאג !...

„איך בין אין אונמאכט געפאללען" — האט לעווי ווייטער געלעזען : וואס מיט מיר איז געוועז, געדענק איך ניט , נאר יעטצט וויים איך , דאס איך בין צעהן טאג געלעגען און פיהל זיך פאלקאם געזונד , ווייל דער באנדיט האט נאר עטוואס מיינע געזונטע לונגען בעריהרט . — אין דער זעלבער נאכט האט דער זעלבער מערדער ביא מיין ברודער זימאן עטליכע טויזענד רובעל און גאטהיגע פאפירע געריבט . — זייא פאר־זיכטיג , מיינע ליעבע , דען אויף דעם באנדיט איז אללעם צוא גלויבען . ענטשולדיג , וואס איך האבע אייך אזא צייט ניט געשריבען , דען איך וואר זעהר בעשאפטיגט , גריסע אייך אללע הערצליך ; מיין ליעבע הדסה שרייבט אייך בעזונדער . — אייער נייגעבארענער גליקווינשענדער לעאן" . —

דזשעק האט דעם צווייטען קורצען בריעף געלעזען :

„טהייערסטער פאטער עט שוועסטער , וויא אויך צוא מיין
„אונפערגעסענער שאר/אטען עט ליעבען געמאהל אונד
„ווערטהען שוויגערפאטער !

„איך מיט מיין ליעבען געמאהל , מיין טרייער שוויגערפאטער , אויך זימאן מיט זיין געשטארבענער מלכה'ן זיטצען יעטצט ביים טיש און טרינקען פאר אייער געזונדהייט . — יא , מיינע טהייערע , איך האבע איין נייגעבארענעם געמאהל : ער איז פון טויט לעבעדיג . — לאזט אייך וואהל געהן , געהמט א טהייל אין מיינע פרייד , דען היינט איז ביא אונז א היילינער פייערטאג , דען היינט איז דער גליקליכער טאג פון מיין ליעבען געמאהלס געבארען . — מיר גריסען אייך אללע פון טיעפען הערצען , איבערהויפט שארלאטעס יונגע אונבעקאנטע טאכטער , וועלכע ביטטע איינינע הייסע קוססע פאר דער גליקליכער טאנטע צוא געבען" . —

אייער איבערגליקליכע הדסה .

— גרוים זיינען דיינע וואונדער , מאכטיגער גאטט ! — האט דער אלטער דניאל מיט פריידען טרעהרען אויסגערופען — מיינע טהייערע !

מיר מוסען הדסה'ס ביטע ערפיללען אונ זיך לאזען וואהל געהן! געהמט צוא גלאזליך וויין אונד מיר וועלען טרינקען פאר זייער געזונד. — לחיים, קינדער! עס דרימעלט ניט דער יודישער וואכטער! ער זאלל איינהיטען זיינע קינדער פון אללע אונגליקען אונ פערניכטען, פערוויסטען, אויסרויטען די באנדיטען! פלוך אויף דיא מערדער!

3.

דיא קינדישע הערצער.

פינסטער, טריביג, איז אין סעלצער געדיכטען וואלד, וועלכער איז פינף מייל ווייט פון ליוועקע. עס בלאזט, עס פייפט א פולער ווינט מיט רעגען געמישט, אונ מיליאנען געלבע בלאטלאך פאללען אויף דער פייכטער ערד; דארט אין א גרויסען טהאל זעהען מיר שטעהען פינף וואגען, וועלכע זיינען בעצויגען מיט לייווענט, אויך איינינע פערד, וועלכע עססען דאס פייכטע גראז; ניט ווייט פון דיא וואגען ליעגען פיעל שלאפענדע ציגיינער מיט זייערע קליינע נאקעטע קינדער; אנדערע האבען זיך נאך ניט געלייגט אונ ווארעמען זיך לעבען פייער, איינינע קליינע ציגיינער ליעגען אפט מאל אויף דעם פייער פיעל טרוקענע צווייגען אונ עס פאנגט אן צוא קנאקען אונ העלל צוא ברענען. —

ניט ווייט פון פייער ליעגען איין אלטע פאאר, וועלכע ריידען צווישען זיך גאנץ שטילל:

— באצציא, — האט דיא אלטע ציגיינערין געפרעגט — דוא שלאפסט?

— ניין, טעמרע, איך שלאף ניט, דעק מיך צוא מיט דיין אלטעס קלייד.

— גלייך, מיין מאנן, א, וואס פאר א פינסטערע קאלטע נאכט הייגט איז! וויא פריה עס איז ווינטער געוואָרען! איז שוין שפעט?

— ניט זעהר, עס איז ערשט פיער שטונדען נאכט.

— וואס קען עס זיין, וואס עדיג איז נאך ניט צוריק־געקוממען? וואס דויערט בייא איהם זויא לאנג? איך בין זעהר אונרוהיג?

— דוא בִּיזְט אִימֶער אַ הֶעלְדין לִיעֶגֶענְדִיג בַּיים פַייעֶר — הָאט דֶער אַלְטֶער באצציא טַייפְלִישׁ גֶעשְׁמֵייכֶעלְט — מִיט דַיין מויל וֶועְרד אַללֶעס שְׁנֶעלל גֶעטְהוּן, פֶערְגֶעס נִיט, דָאס פון דַאנֶען בִּיז לִיוּוקע אִיז אַ גְרויסֶע שְׁטְרֶעקֶע און זֶעהר אַ שְׁלֶעכְטֶע וֶועג, בֶּעזָאנְדֶערְס, קֶען מֶען דָאךְ נִיט הַאפֶּען, פִּיעלַייכְט אִיז עדיגען הַיינְט נִיט גֶעלוּנְגֶען און עֶר וֶועט מוזֶען וַוארְטֶען בִּיז מָארְגֶען בַּייא נַאכְט?

— אִיךְ וַויים אָבֶּער נִיט, צוּא עֶס הָאט גֶעלוּינְגט, צוּלִיעבּ דֶעם ממזר זויא פִּיעל צוּא רִיזִיקִירֶען.... פון מַייגֶעט וֶועגֶען וָואללְט זִיךְ דֶער פֶערְפְלוּכְטֶער קְרֶעטְשְׁמֶער וָוארְגֶען מִיט קַאררע צוּזַאממֶען, הָאבֶּען מִיר וֶועניג אֵייגֶענֶע און פְרֶעמְדֶע פְרֶעססֶער?

— און דוּא קֶענְסְט וֶועניג אוּיפְפְרֶעסֶען? — הָאט דֶער אַלְטֶער בֶּאז גֶעזָאגְט און מִיט זַייגֶע וָואלְפִישֶׁע אוּיגֶען אוּיף זַיין הֶעסְלִיכֶער פְרוּיא אַ צָארֶענְדִיגֶען בְּלִיק גֶעוָוארְפֶען — אַ חָלֶעבֶּען, עֶס וָואללְט שׁוין צַייט גֶעוֶועזֶען דִיא וָוארֶעס זָאללֶען דַיין פֶערְפוּילְט לַייבּ עֶססֶען, דַאכְט זִיךְ, הָאסְט שׁוין גֶענוּג גֶעלֶעבְּט....

— בַּאלְד וֶועְרד עֶר בֶּאז — הָאט דִיא אַלְטֶע העקסע גֶעמוּרְמֶעלְט און זִיךְ פון אִיהר גֶעלִיעבְּטֶען גֶעמַאהל אָבְּגֶערוּקְט, אוּם באצציא זָאלל אִיהר נִיט טְרֶעפֶען מִיט זַיין עֶדְלֶער הַאנְד — אִיךְ רֶייד צוּא אִיהם וִויא אַ מֶענְשׁ און עֶר אִיז שׁוין גְרֵייט אוּים צוּא שִׁיסֶען מִיט זַייגֶע שְׁטָאלֶענֶע פִינְגֶער, בִּיזְט דוּא עדיגען גֶעטְרַייעֶר וִויא אִיךְ? נֵיין, אִיךְ וָואללְט עדיגען נִיט גֶעשִׁיקְט אִין פַייעֶר צוּלִיעבּ דֶעם פֶערְדַאמְטֶען יוּדִישֶׁען ממזר, וֶועלְכֶען מִיר דַארְפֶען יֶעטְצְט וִויא אַ פִינְפְטֶע רָאד צוּם וָואגֶען....

— שְׁוַייג, אַלְטֶע! הָאט דֶער צִיגַיינֶער גֶעבְּרוּהמְט און זִיךְ גֶעהֶנְטֶער צוּא דֶער אַלְטֶער גֶערוּקְט — אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוין נִיט אַיין מָאל גֶעזָאגְט, דָאס אִיךְ מוּז קאררען פַאר אַ פָאלְקָאמֶענֶעם צִיגַיינֶער מַאכֶען, אוּם עֶר זָאל קֶענֶען דַיין פֶערְפְלוּכְטֶען קָאפּ אַרָאפּ דְרֶעהֶען און שְׁפֶּעטֶער וֶועלל אִיךְ אִיהם שִׁיקֶען צוּא מַיין אֵיינְצִיגֶען זָאהן קאססיא, וֶועלְכֶען דֶער שְׁלֶעכְטֶער גוּטְבֶּעזִיטְצֶער לֶעאָן הָאט אִיהם אִין זַיין שְׁטַאלל בַּייא דִיא פֶערְד גֶעהַאפְּט און אִיהם נָאךְ קַאטֶערְגַא פֶערְשִׁיקְט.... דָאס אִיז מַיין אֵיינְצִיגֶער וואוּנְשׁ, און דוּא אַלְטֶע, שְׁטוּמְם, קוּק און שְׁוַייג, אוֹיבּ נִיט וֶועלל אִיךְ דִיר דַיין פֶערְפוּילְטֶע צוּנְג אַ רוּיסְרַייסֶען.

דִיא אַלְטֶע הָאט אֵיינִיגֶע וָוארְטֶער שְׁטִילל גֶעוָוארְטְשֶׁעט, און אַ יוּנְגֶע צִיגַייגֶערין מִיט אַ רֵייצְבַּארֶעס פִינְפְיָאהְרִיגֶעס קִינְד אִיז צוּא זַייא צוּגֶעגַאנְגֶען.

— וואס איז מיט דיר, ציטרא ? — האט איהר דער אלטער ציגייגער געפרעגט אונ זיך אויפגעזעצט — דוא שלאפסט נאך ניט ?

— איך קען ניט שלאפען — האט דיא יונגע ציגייגערין טרויעריג גיענטפערט אונ אויף איהר כרוינעס געזיכט האבען זיך טרעהרען גע־קייקעלט — איך בין זעהר אונרוהיג, וואס מיין עדיג איז נאך ניט געקוממען.

— געהט צום טייפעל, נארישע ווייבער ! — האט דער אלטער באז אויסגערופען — דוא ביזט ניט בעססער פון מיין אלטער צויג. ליעגענדיג אין דיא בוידען דענקט איהר, דאס אללעס מאכט זיך זויא שנעלל ? א, שרעקענדע האזען !

— איך האב בייא טאג געשלאפען — האט זיך דיא יונגע ציגייגערין פערענטפערט — בעזאנדערס, וויללל צינא ניט שלאפען, ווייל זייט זיא האט געהערט, דאס עדיג איז געגאנגען נאך קארראן, איז זיא נייא בעלעבט געווארען אונ ערווארטעט מיט אונגעדוללד איהר געליעבטען ברודער, וועללכען זיא האט ביז היינט ניט פערר־געססען . . . .

— זיא איז קליגער פאר אייך ביידען — האט באצציא געלאכט אונ דאס קינד פאר'ן צארטען האנטעלע גענוממען — קום צוא מיר, צינא, ליעבסט דוא מיך ?

— יא, פאטער באצציא, — האט דאס קינד מיט א קלינגענדעס שטיממעלע גיענטפערט — אז מיין קארראַ וועט קוממען, וועללען מיר דיך ביידע ליעב האבען . . . .

— א שאן מאדעלע — האט דער אלטער שמייכלענד געזאגט אונ איהר א קניפ געטהון אין באקעל — אבער ווענן קארראַ וועט ניט קוממען, וועסט דוא מיך פיינד האבען ?

— פאר וואס וועט ער ניט קוממען ? — האט דאס קינד אונשולדיג געפרעגט אונ צווייא ברילאנטענע טרעהרען האבען זיך אין איהר גרויסע שווארצע אויגען געשטעללט — דער אנקעל עדיג וועט איהם ברענגען, אללע וועללען איהם האבען ליעב אונ דיא מוטטער טעמרע וועט איהם מעהר ניט שלאגען . . . .

— הער, צינא, — האט באצציא געלאכט — איך וועלל דיר מאכען א רויט קליידעלע אונ דיך ארויפזעטצען אויף דעם שווארצען פערד, נאר דוא זאללסט פיינד האבען קארראן, ער איז א שלעכטער יונגעל . . . .

— איך וויל ניט א רויט קליידעלע — האט דאס קינד וויינענדיג גיענטפערט — מיין קארא איז א שאנער, איך וועל זיך מיט איהם שפיעלען אין וואלד, איך האב איהם אזויא ליעב....

— עדיג! עדיג קוממט! — האט פלוטצלונג דיא יונגע ציגיינערין מיט פרייד אויסגערופען — איך ערקען זיין גאנג, זיינע טריט, הערט איהר ניט, וויא עס ברעכען זיך אונטער זיינע פיסס דיא אראפגעפאללענע צווייגען?

דיא יונגע ציגיינערין האט געטראפען. אין איינינע מינוטען ארום, איז צוא זייא צוגעקוממען איין אלטער בעטלער, וועלכער האט אויף זיינע האנד א שלאפענדעס קינד געטראגען.

— עדיג! עדיג איז געקוממען! — האבען פיעל ציגיינער געשריען אונ דער גאנצער לאגער איז בעלעבט געווארען — ער האט צוריק געבראכט קארראן!

דער בעטלער האט דאס קינד לעבען באצציאן געלייגט, אונ אלס ער האט אויסגעטהון זיין פאלשע ווייסע בארד האט ער פרעהליך געזאגט:

— איך האב ניט געהאט א שלעכט שטיקעל ארבייט.... דער פויגעל האט א גאנצען וועג געזונגען אונ איך האב איהם געמוזט דעם שנאבעל (מויל) צוהאלטען.... א, וויא מיעד איך בין!

— האט דיך, עדיג, קיינער בעמערקט? — האט באצציא גע-פרעגט — האסט דוא פיעל ארבייט געהאט אין ליווקער קרעטשמע?
— אין שענק האב איך גראדע קיין שווערע ארבייט געהאט, ווייל צום גליק, איז פלוטצלונג דיא יונגע ווירטהען אין אונמאכט געפאללען, קארא איז לעבען איהר געשטאנען, זעלבסט פערשטאנדליך, דאס אללע זיינען ערשראקען געווארען, אונ איך האב געחאפט מיין שאן פייגעלע אונ היידא אין וואלד.... אויף דעם וועג האט ער געוואללט זינגען, נאר איך האב צוא זיינע ליפפען מיין האנד צו-געלייגט.

— עדיג! — האט דעם יונגען ציגיינערס פרויא אונרוהיג געפרעגט — שלאפט קארא, אדער דוא האסט איהם ערשטיקט?
— ער לעבט — האט דער יונגער ציגיינער געלאכט — פון שרעק אונ שמערצען איז ער אויף מיינע האנד ענטשלאפען געווארען.
— ציגא! — האט זיך דיא יונגע ציגיינערין צוא דעם ערשראקענעם האלב נאקעטען קינד געווענדעט, וועלכע האט שרעקליך געציטערט אונ איהר ריין הערצעלע האט פון פרייד מאכטיג געקלאפט — דיין קארא

(די יו״צ ח״ג)

קאררא איז דאך געקומען, זעהסט דוא איהם ניט? וועק איהם אויף.

— מיין קאררא! מיין קאררא! — האט דאס קינד געשטאממעלט און זיך אויף דעם פערשלאפענעם קנאבע געווארפען — שטעה אויף, עפען דיינע אויגען, האסט דוא פיינד צינא?

פון דעם אונגליקליכען קינדס יאממער און טרעהרען, האט זיך קאררא ערוואכט און געריבען זיינע איינגעלאך; שרעקליך האט איהם אויסגעזעהען דער פינסטערער וואלד, אויך דיא ברוינע אויסגעצערטע געזיכטער און דאס טרויעריגע פייעריל, דאס ער וואר ניט אים שטאנד אוואַרט אוים צוא ריידען און געציטערט וויא א בלאט; איינינע מינוט איז ער אונבעוועגט געזעסען, געקלערט, געקוקט, גלייך וויא ער וואלט זיך וועללען אין עטוואס ערהאינגערען, ענדליך, האט ער אויסגעבראכען אין א הערצרייסענדען יאממער, וועלכער האט אבגעקלונגען אין טרויעריגען פינסטערען וואלד.

— איך וויל צוא דער מאמא ראחיל! איך האב מורא!

— וויין ניט, קאררא, — האט דיא קליינע צינא מיט טרעהרען געבעטען און איהם מיט איהרע ציטערענדע הענטעלאך ארומגענוממען — דיא מאמע טעמרע וועט דיך ניט שלאגען, מיר וועללען זיך ביידע שפיעלען און ארומלויפען אין וואלד, עס וועט זיין אזויא פרעהליך, אזויא גוט! קום, קאררא, מיר וועללען געהן אין בויד, איך וועל דיר געבען ארויט שטיקעלע גלאז און ווען דוא וועסט עס צוליינען צוא איין אויג, וועט דער הימעל זיין זויא שאן, זויא רויט, וויא דער מומע ציטרעס קלייד....

— צוא דער מאמא ראחיל! — האט קאררא, וועלכער האט ניט געהערט צינאס ווערטער, אבערמאלס געיאממערט — איך וויל שלאפען, מיר איז קאלט.... צוא דער מאמא ראחיל!

— שטיל, קאררא! — האט דער אלטער ציגיינער געשריען — ערקענסט דוא ניט דיין פאטער באצציא? זעהסט דוא ניט דיין מוטטער טעמרע? צוא וועלכער מאמא ווילסט דוא, נארישעס קינד!

דער ערשראקענער קאררא איז שטיל געבליעבען און מיט זיינע פערוויינטע אונשולדיגע איינגעלאך האט ער דעם אלטען בעטראכט, וועלכער איז איהם בעקאנט פארגעקוממען — פלוטצלונג האט ער אויף ציגיינעריש פערצווייפעלט אויסגעשריען:

— פאטער, באצציא, איך וויל צוא יענער מאמא ראחיל, קום

מיט מיר צום פאטער בנציון, צום זיידען עזרא, דארט איז גוט, איך וועלל דיך האבען ליעב....

ביא די ווארטער האט דאס אונגליקליכע קינד דעם אלטענס האנד געקושט, וועללבע ער האט נאסס געמאכט מיט הייסע טרעהרען.

— ווין ניט, קאררא, — האט דער אלטער גערירהרט געזאגט — מארגען, ווענן עס וועט זיין ליכטיג, וועלל איך דיך פיהרען צוא דער מוטטער ראהיל אונ צום זיידען עזרא, יעטצט איז פינסטער, מען זעהט ניט וואו צוא געהן.... שפיעל זיך מיט צינאן, האסט דוא, שלעכטער יונג, דיין צינאן פערגעססען?

— ער האט מיך פיינד — האט צינא בעליידיגט געזאגט אונ אויס געווישט איהרע טרעהרען — ער וויל זיך ניט מיר שפיעלען...

— וואָרום ווילסט דוא ניט ריידען מיט צינאן — האט באצציא געפרעגט.

דער קליינער פערזאממערטער קאררא האט זיך אויף איינעגע מינוטען פערטראכט, אם ענדע האט ער זיך מיט א הערצרייסענדעם שטיממעלע צוא באצציאן געווענדעט:

— וואו איז צינא?

— זיא שטעהט לעבען דיר. —

קאררא האט זיך ארומגעקוקט אונ בעטראכט דער טרויעריגער בעליידיגטער צינא, פלוטצלונג האבען זיינע אייגעלאך געשטראהלט פון פרייד, זיין צארטעס געזיכט איז בעלעבט געווארען, אללע זיינע גליעדער האבען פיבערליך געציטערט אונ א פריידענגעשרייא האט זיך פון זיין אונשולדיגע הערצעלע ארויסגעריססען:

— צינא! מיין צינא!

א הערצרייסענדע סצענע האט זיך אין דער מינוט אין פינסטערען וואלד אבגעשפיעלט: ביידע קליינע קינדער האבען זיך וויא גרויסע מענשען פעסט ארומגענוממען, זייערע ליפפעלאך האבען זיך צוגעקלעבט, זייערע אונפערשטאנדליכע ווארטער זייערע פריידענטרעהרען האבען זאנאר די הערצלאזע ציגיינער גערירהרט, וועלכע האבען אין דער צייט זייערע פייכטע אויגען געווישט; זאגאר די נאטור האט מיט געוויינט, פון הימעל איז א געדיכטער רעגען געגאנגען, די בוימער האבען גערוישט, אונ פון די בלאטטער זיינען גרויסע טראפפען וואסער אויף די אונגליקליכע קינדער געפאללען;

אללעס האט מיט געיאממערט, אללעס האט מיט געקרעכצעט, אללעס האט געפיהלט דיא קינדישע הערצער.

4.

ארויס פון מיין דארף!

פאן פעסעווסקעס יאגד־הינד, וועלכע זיינען געשטאנען געשלאססען אויף קייטען אין זייערע בוידען, האבען שרעקליך געביללט: דיא טרייע הויז־טהיערע האבען דער שמעקט, דאס א פרעמדער איז אין הויף געקוממען; דער אלטער פראניק האט אויפגעשלאססען דיא קארידאר טהיר, אום צוא זעהען, ווער עס איז געקוממען.

באלד איז פאר איהם געשטאנען א מיטעלע בויערין, וועלכע וואר איינגעהילט אין א רויטע טוך.

— צוא וועמען דארפסט דוא? — האט דער דיענער איהר געפרעגט.

— צום פאן חראביע — וואר דער בויערינס אנטוואָרט.

— זויא שפעט? איך דענק דער חראביע האט זיך שוין געלייגט.

— עס קען ניט זיין, דען עס איז ערשט אכט אוהר.

— וועער ביזט דוא? וויא רופט מען דיך?

— דאס קען איך דיר ניט זאגען....

— אלזא קענסט דוא דיר געהען, ווייל איך וועל דיך ניט אריינ־לאססען, ביז איך וועלל ניט וויסען, וועער דוא ביזט אונ דיך מעלדען ביים פאן חראביע.

— איך קען דיר אויף קיינעם פאלל זאגען, וועער איך בין אונ ווען דוא וועסט מיר אן דעם ניט ערלויבען, זויא וועלל איך אריינגעהען צום חראביע מיט געוואלד, דען איך מוז איהם ענטדעקען א וויכטיגע געהיימניססע, וועללכע דוא דארפסט ניט וויססען.

— איך גלויב דיר ניט — האט פראניק ערוויעדערט אונ אויף דער פרעכער בויערין א מיססטרויעשען בליק געווארפען — דעק אויף דיין טוך, איך וויל אם ווייניגסטענס זעהען דיין געזיכט.

— דאס קען איך ניט.... איך בעט דיך, זאללסט מיך ניט אויפהאלטען מיט דייגע פראגען אונ פערלאנגען, דען דוא מאכסט אונגליקליך דיין חראביע, וועלבער איז אין גרעססטען גע־פאהר....

— זיינען דייגע ווארטער נואהר? האט דער אלטער דיעגער אונ־רוהיג געפרעגט.

— איך שוואר דיר ביא דער היילינגער מוטטער! פערליר קיין צייט אונ געה מעלדען דיין חראביע.

— גלייך — האט פראניק גיענטפערט אונ איז שנעלל אריין אין חראביעס קאבינעט.

— וואס ווילסט דוא, פראניק? — האט פאן פעסאווסקי, וועלבער איז געזעסען פערטיעפט ביא א היילינגען פאלנישען בוך, זיין אלטען דיעגער באז געפרעגט — אימער קריכסט דוא וויא א שוויין.... א, גוטע צייטען!

— יאשניע וועלמאזשנע, פאן חראביע! — האט פראניק צופלייס גאנץ לאנג דעם שאנעם טיטעל געצויגען, וועלבעם פעסאווסקי האט ניט פיינד געהאט — א פרעמדע פרויא איז ערשט געקוממען אונ וויל מיט אייך ריידען.

— יעטצט? זויא שפעט ביא נאכט? ווער איז זיא? וויא רופט מען איהר?

— דאס וויל זיא ניט זאגען....

— אסיאל! סוויניא! מאלפא! — האט פעסאווסקי אויף זיין קאצענשטימעלע געקוויטשעט — פערדאמטע בויערין! מען דארף אייך צום טויט פערשמייסען! דיא הויט אראבציהען, הערסט?

— סלוהאם (איך הער), יאשניע וועלמאזשניע פאן חראביע, אבער וואס בין איך שולדיג, ווענן זיא וויל ניט זאגען ווער זיא איז?

— עזעלקאפף! האסט דוא איהר ניט געקענט דיא ביינער ברעכען, אדער איהר שמוטציגע צונג ארויסשלעפען? ביזט דוא קראנק געוועזען צוא רופען איינינע פאראבקעס (ארבייטער), מען זאל ארייג־צאהלען הונדערט שמיץ, דאס זיא זאלל פיער וואכען ניט קענען זיטצען?...

א, וואס א בויערין קען! צוא קוממען זויא שפעט ביא נאכט, ניט וועללען זאגען ווער זיא איז אונ שטערען מיין רוהע, האט איהר אזא פרעכהייט עזות געהערט? וואס פערלאנגט זיא?

— זיא האט מיר געזאגט, דאס זיא וויל אייך א וויכ־טיגע

טיגע געהיימניססע איבערגעבען, דען איהר שטעהט אין א גרויסען געפאהר....

— איך אין געפאהר? — האט דער פעסאווסקי ערשטוינט געפרעגט און זיין מאגערעס געזיכט האט זיך וויא מיט נאכם בעצויגען — איז עס וואהר? געה רוף איהר אריין!

פראניק איז שנעלל ארוים פון צימער, באלד האט זיך דיא טהיר גיעפענט, און דיא בויערין איז אריין אין קאבינעט.

— דאברי וויעטשאר (גוטען אבענד), יאשנע וועלמאזשנע פאן חראביע! — האט דיא בויערין גאנץ דרייסט געזאגט און זיך טיעף פערנייגט.

— ווער ביזט דוא, בעסטיע? — האט דער אויפגערעגטער חראביע שטרענג געפרעגט און זיינע טיגערישע אייגעלאך האבען זיך אנגעצונדען — וואס ווילסט דוא מיר זאגען?

— איך בין איין אונגליקליכע פרויא.... — האט דיא בויערין מיט א געמאכטער טרויעריגער שטיממע גיענטפערט, ווישענד איהרע טרוקענע אויגען — איך....

— פערפלוכטע בויערין! — האט פעסאווסקי געוויטהעט און איהר ניט געלאזט ענדיגען — וויא האסט דוא געוואגט א הער צוא קומען אונ מיר פערדוללען מיין קאפ מיט דיין אונגליק? וואס בין איך דיין גלייכען? פערגעסט דוא ווער איך בין? א, שאנע צייטען!

— איך בין אייערע איין אלטע בעקאנטע — האט דיא בויערין רוהיג ערוויעדערט....

— מיינע איין אלטע בעקאנטע? — האט דער אלטער טאמאש, אויסער זיך פון צארען געקרייכט אונ פון זיינע בלויע ליפפען האט שוים געזעטצט — מילטש (שווייג), סווינא מאלפא! זאנסם וועלל איך בעפאה־לען, מען זאלל דיך צום טויט פערשמייסען!

— אבער אום גאטטעס ווילען, פאן חראביע, ערלויבט מיר צוא ריידען איינינע ווארטער אונ שפעטער וועט איהר קענען מיט מיר טהון, וואס איהר וועט וועללען....

— מיט דיר ריידען? — האט פעסאווסקי ביטער געשמייכעלט — מארש בעסטיע, פון היער! איך וויל מיט דיר קיינע געשעפטען האבען! הערסט?

— איך הער — האט דיא בויערין ערוויעדערט אונ איהר רויטע טוך פון קאפ אראפגענומען — אבער ווארום האט איהר געוואללט האבען מיט מיר געשעפטען מיט עטליכע צוואנציג יאהר צוריק?

— איך מיט דיר ? — האט פעסאווסקי , קריצענדיג מיט דיא פוילע ציין , ערשטוינט געפרעגט אונ זיין אבשייליכעס געזיכט האט פערשיעדענע פארבען בעקוממען — ביזט דוא א וואנזיניגע ? איך וועלל באלד רופען מיינע פאראבקעס (ארבייטער) , וועלכע וועללען דיר אבצאהלען פייעריגע שמיץ , דאן וועסט דוא , ניעדערטראכטיגע , צוריק דיין פערשטאנד בעקאממען אונ וויסען מיט וועמען דוא רעדסט ....

— איך וויים מיט וועמען איך רעדט — האט דיא בויערין האכערע טאנער גענוממען — איך רייד מיט דעם פאן הראביע , וועלכער האט מיט עטליכע צוואנציג יאהר צוריק מיין עהרע גערויבט אונ מיך פאר איין פערברעכערין געמאכט , צוליעב וועלכען איך בין ביז היינט פון מיין היים פערזאגט אונ פערשפיעלט מיינע בעסטע יאהרען .... פאר אייך שטערבט אייער אלטע דיענערין מארינע , וועלכע איהר האט זויא אונגליקליך געמאכט .... צוליעב אייך לייד איך זויא פיעל עלענד , בין איך וויא א שטיין , איך קען ניט זעהען מיינע שוועסטער אונ ברודער , מיין פאמיליע , מיינע בעקאנטע , מיין היים אונ וואו איך בין טאג , דארט נאכטיג איך ניט . — ביז יעטצט האב איך שווער אונ ביטער געארבייט , אבער ביי דיא יאהרען האב איך שוין קיינע קראפטען צוא ארבייטען . איהר האט מיך צוא דער לאגע געבראכט , איך זאלל דארפען שבת בעדיענען דיא פערפלוכטע זשידעס , (יודען) הייצען זייערע אויווענס אונ אראפ גענעמען פון טיש דיא לייכטער .... איך קען שוין זויא פיעל ניט אריבערטראגען ! ....

— מארינע ? מארינע ? — האט פעסאווסקי געשטאממעלט אונ זיין קליינעס שטערען געווישט , גלייך וויא ער וואלט וועללען אבלייגען זייגע יוגענד-זינד — איך געדענק דיך ניט ....

— אלזא , פאן הראביע , — האט דיא בויערין בייז געזאגט — ווענן איהר געדענקט ניט , וועל איך אייך ערינערן מיין פערברעך מיט דעם קינד ....

— אבער וואס ווילסט דוא פון מיר ? — האט פעסאווסקי אונרוהיג געפרעגט — איך האב שוין פון לאנג פערגעסען דיא נארישקייטען פון דער יוגענד ....

— דער פאר האב איך זייא ניט פערגעסען .... א , געדענק איך זייא גוט ! .... צוליעב זייא בין איך אונגליקליך ביז היינטיגען טאג .

— אבער וואס פערלאנגסט דוא ?

— איך וויל מיין עלטער פערזארגען , איך פערלאנג געלד ....

— געלד ? פאר וואס ?
— פאר מיין שווייגען ....
— און ווען איך וועל דיר ניט געבען ?
— דאן וועלל איך געהן צום טורנאוועקער זשיד ....

— דוא וועסט עס ניט וואגען , דען מען וועט דיך באלד שיקען אין דיא אייזערנע פענסטער (קערקער) ....

— איך האב ניט וואס צוא ריזיקירען , זויא וויא זויא איז מיין לעבען פערשפיעלט , נאר איך וועלל אייך אין אייערע אייזערנע פענסטער מיט נעהמען .... מיט אייך וועט מיר פרעהליכער זיין , בעזאנדערס , וועט מען מיך זויא פיעל ניט בעשולדיגען וויא אייך .... איך דענק , דאס דער רייכער זשיד וועט מיך גליקליך מאכען ווען איך וועלל איהם ענטדעקען , וואו זיין טאכטער געפינט זיך , וועלכע איך האב , דאנקען אייך , מיט עטליכע צוואנציג יאהר צוריק פון איהם גערויבט .

— שווייג , בעסטיע ! — האט פעסאווסקי געדאנגערט און פון צארען זיינע לאנגע פינגער געביססען — וויפיעל געלד זאלל איך דיר געבען ?

— וויפיעל איך האב אייך געשריבען . —
— איך האב פון דיר קיינע בריעף ערהאלטען ....
— איך וויל צוויא טויזענד רובעל .

— צוויא טויזענד רובעל ! — האט פעסאווסקי פערצווייפעלט אויסגעשריען און זיך פאר'ן קאהלען קאפ געהאפט — דוא האסט דאך מיר געשריבען טויזענד ?

— איהר האט דאך ערשט געזאגט , דאס איהר האט מיין בריעף ניט בעקומען .... — חאטש דיא שלויע בויערין גיפטיג געשמייכעלט — נאר פריהער האב איך געוואללט טויזענד , און יעטצט וויל איך צוויא טויזענד ....

— האב מיטלייד אויף מיר , גוטע מארינע ! — האט פעסאווסקי געבעטען — איך שוואר דיר , דאס איך געדענק שוין ניט דיא צייט ווען איך האב אזא סוממע געהאט .... איך בין היינט ארעם , אללע גיטער (אימענים) זיינען ביי דיא פערפלוכטע זשידעס געבליעבען , וועלכע האבען מיט זייערע גרויסע פריצענטען מיין הויט אבגעשונדען .... איך בענייד יעטצט דעם ארעמסטען בעטלער , וועלכער קען בעטען שטיטצע ביי גוטע מענשען , וואהרענד איך קען עס ניט .... און דארף קנייפען דיא באקען אום דיא פארב זאלל שטעהן ....

— איך גלויב אייך, פאן חראביע, — האט מארינע פרעך געזאגט — דאך איז אייך פיעל בעססער פון מיר.... איך וואלט זיך טוישען מיט אייך.... נאר פון דיא רייד ועט נאר ניט ווערען, איך דארף געלד, וועלכעס איך מוז קריגען ענטוועדער ביא אייך, אדער ביא דעם אלטען זשידי ראפאיל לעווינשטיין....

— מאך מיך ניט אונגליקליך, מארינע! — האט פעסאווסקי, דריקענד דער בויערינס האנד ביטער ערוויעדערט, אונ זיין גאנצען שטאלץ פערלארען — איך בין עלענד וויא א שטיין, אללע מיינע פריינד האבען זיך פון מיר ערווייטערט, בלייב ביא מיר, דוא ועסט זיין מיין הויז ווירטהען, מיין ראטהגעבערין, מיין איינציגע פריינדין, איך וועלל דיך שאטצען אונ עהרען וויא א טרייע שוועסטער, וויא....

— אונמיגליך — האט מארינע קאלט געזאגט אונ איהם ניט געלאזט ענדיגען — איהר פערגעסט, דאס מיין יאניק לעבט? אויב פראניק וועט מיך גלייך ערקענען, דאן.... זיינען מיר ביידע פערלארען....

— דוא האסט רעכט, מארינע, אבער וואו געהמט מען געלד?

— אין קאמאד אדער אין שראנק — האט מארינע טייפליש געלאכט. —

— גלויבסט דוא מיר ניט? איז חראביע פעסאווסקי אליינער?

— געוויס ניט.... דאך אוים נויטה, קען זיך אללעס מאכען.... איך וואלט וועללען איהר זאללט מיר געבען דיא שליססלען, איך וויל זעהען מיט מיינע אויגען.... דיא ארטער, אויך דיא וועלט לערענט אוים, מען זאלל אין איינעם פאטער ניט גלויבען....

— אבער וויא קען איך דיר אוועק געבען דיא לעטצטע עטליכע רובעל?

— איך וועלל אייך איבערלאססען איינינע רובעל.... מעהר קען איך אייך ניט העלפען.

— איך וועלל דיר געבען הונדערט רובעל אונ יעדער יאהר וועסט דוא פון מיר צוויא הונדערט רובעל בעקוממען, ביזט דוא צופריעדען?

— ניין, איך וועלל ווייניגער איין קאפיקע ניט נעהמען.... איך וועלל ניט ווארטען ביז איהר וועט א מאהל ניט שיקען, דאבראנאץ (גוטע נאכט) פאן הראביע!

שטעה (די יו"צ ח"ג)

— שטעה מערדערין! — האט פעסאווסקי מיט ווייטוטה אויסגערופען — נעהם דיא שליססלען, זוכ מיין לעטצטעס פערקיהלטעס בלוט, ציהע מיין אויסגעטריקנעטע אדערן, דארט ליעגט מיין גאנצער פערמאג צוועלף הונדערט רובעל.

ביא דיא ווארטער האט ער איהר צוגעפיהרט צוא איין אלטע קאמאד, וועלכע ער האט אויפגעשלאססען אונ מארינע האט פון איהם גאנצע צוועלף הונדערטער ארויסגענוממען.

— איך וועלל מיין ווארט האלטען — האט מארינא אונ א בייסענדע איראניע געזאגט — עלף געהם איך אונ איין הונדערטער לאסס איך פאר אייך, פאן חראביע, וויל זויא פיעל ניעדעריג קען מען ניט זיין....

אנשטאדט איין אנטווארט, האט זיך א טיעפער זיפטץ פון פאן פעסאווסקים הערץ ארויסגעריססען.

מארינא האט דיא עלף הונדערטער אין בוזעם בעהאלטען אונ פרעהליך, צופריעדען אויסגעשפראכען:

— זארגט ניט, פאן חראביע, איהר וועט אנדערע געלד קריגען... דער פאר שוואר איך אייך, דאס דער פערפלוכטער זשיד וועט ניעמאלס זיין טאכטער זעהען וויא זיינע אהרען, אבוואהל זיא געפינט זיך זויא נאהנט פון איהם....

— וואס? האט פעסאווסקי ערשטוינט געפרעגט — איז זיין טאכטער ניט וויט פון היער? זאג מיר, מארינא, וואו געפינט זיא זיך היינט?

— אין אייער דארף....

— אין מיין דארף? האסט דוא היינט פיעל געטרונקען, אדער דוא ביזט געקוממען לאכען פון מיר? רייד דייטליכע ווארטער.

— דאכט זיך, איך רעדט גאנץ דייטליך — האט מארינע ערינסט ערוויעדערט — זיא געפינט זיך אין אייער קרעטשמע, מען רופט איהר, ראחיל....

— דעם שענקערס שוויעגערטאכטער ראחיל? איז עס מיגליך? וועלכער טייפעל האט איהר אהער געבראכט?

— גאנץ איינפאך: זיא איז אנטלאפען פון איהרע פאלשע עלטערען מיט דעם שענקערס זאהן, אין וועלכען זיא האט זיך פערליעבט....

 און

— און דו האָסט גֶעוואוּסט, דָאס זיא אִיז אִין מַיין דָארְף?

— נֵיין, אִיךְ בִּין אַהֶער גֶעקוּמֶען אוּם אַייךְ צוּא זעהֶען אוּנ צוּפֶאללִיגֶער וַוייזֶע בִּין אִיךְ אִין שֶׁענְק גֶעגַאנְגֶען עֶטְוָואס קוֹיפֶען אוּנ שְׁטֶעלְלְט אַייךְ פָאר, ווִיא עֶרְשְׁטוֹינְט אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיעבֶּען, עֶרְזֶעהֶענְדִיג אִיהר זִיטְצֶען בַּיים שֶׁענְק-טִישׁ....

— זִיא קֶען דִיךְ?

— אָ, זֶעהר גוּט.... אִיךְ הָאבּ יֶעדֶען שַׁבָּת אִין בּוּסאלק בַּייא אִיהרֶע גֶעמֵיינְטֶע עֶלְטֶערֶען דִיא אוֹיוֶען גֶעהֵייצְט, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אִיהר אָפְט גֶעזֶעהֶען בַּייא דֶער יוּדִישֶׁער שֶׁענְקֶערִין, וואוּ אִיךְ הָאבּ אִיהר אַלְס קִינְד אוּנְטֶערְגֶעוָוארְפֶען.... אִין ברעסטער וָואקְזַאל הָאבּ אִיךְ אִיהר גֶע-טְרָאפֶען, אַלְס זִיא מִיט אִיהר גֶעלִיעבְּטֶען פוּן בּוּסאלק עֶנְטְלָאפֶען, אִיךְ הָאבּ מִיךְ דַאן פַאר אִיהר אַלְס מוּטֶטֶער פָארְגֶעשְׁטֶעלְלְט....

— הָאט זִיא דִיר גֶעגְלוֹיבְּט?

— אִיךְ וֵוייס נִיט, דֶען זִיא אִיז, נָאךְ דֶער עֶנְטְדֶעקוּנְג, אִין אוּנְמַאכְט גֶעפַאללֶען.

— אוּנ יֶעטְצְט הָאט זִיא דִיךְ עֶרְקֶענְט?

— יָא, זִיא הָאט מִיךְ גְלַייךְ עֶרְקֶענְט אוּנ עֶס הָאט זִיךְ דִיא זֶעלְבֶּע סְצֶענֶע ווִיא אִין ברעסטער וַואקְזַאל אָבְּגֶעשְׁפִּיעלְט....

— אַלְזָא, מארינא, זַייא פָארְזִיכְטִיג אוּנ פָאהר גְלַייךְ אָבּ נָאךְ טְשֶׁענסטאַחאוו, אָבֶּער פְרִיהֶער שְׁוָוער מִיר, דָאס דוּא וֶועסְט מִיךְ מֶעהר נִיט בֶּעאוּנְרוּהִיגֶען אוּנ דִיא גֶעהֵיימְנִיסֶע זָאלל מִיט דִיר מִיט שְׁטַארְבֶּען....

— אִיךְ שְׁוָוער אַייךְ בַּייא דֶער הֵיילִיגֶער מוּטֶטֶער.

— אַלְזָא קֶענְסְט גֶעהְן.

— אַגוּטֶע נַאכְט, יאַסנע וועלמאָזשניע פאַן חראביע, — הָאט מארינע מוּנְטֶער גֶעזָאגְט אוּנ דָאס צִימֶער פֶערְלָאסֶען.

— פֶערְדַאמְטֶע בּוֹיֶערִין! פֶערְפְלוּכְטֶע בֶּעסְטְיֶע! — הָאט פעסאווסקי גֶעקְיֵיכְט, אַלְס דִיא בּוֹיֶערִין אִיז אַרוֹיס פוּן קַאבִּינֶעט — אָ, הֵיילִיגֶע מוּטֶטֶער, וָואס מִיר הָאבֶּען דֶער לֶעבְּט! ווִיא אוּנְגְלִיקְלִיךְ, נִיעדֶערְגֶע-שְׁלָאגֶען זַיינֶען דַיינֶע עֶדְלֶע קִינְדֶער! וואוּ זַיינֶען יֶענֶע גָאלְדֶענֶע צֵייטֶען? וָואס פַאר אַ וֶוערְדֶע וָואללְט דַאן בַּייא מִיר הָאבֶּען אַזַא כַּאראַקְטֶערְלָאזֶע פְרֶעכֶע בּוֹיֶערִין! אָבֶּער יֶעטְצְט? זֶעה, גָאטט, וָואס פוּן אוּנְז שְׁלַאכְטֶעם (אַדֶעלל) אִיז גֶעוָוארֶען! זֶעה ווִיא יֶעדֶער גֶעמֵיינֶער לוּמְפּ, יֶעדֶער

גיעדערטראכטיגעס געשעפף זויגט אונזער בלוט אונ איז גלייך מיט אונז! אבער וואס טהוט מען מיט דעם זשיד? פיעלייכט ווערט מען ערפאהרען? יא, אזויא בלייבט עס: מארינא דארף ניט וויסען, וואו דעם זשידס טאכטער געפינט זיך.... ארויסטרייבען מוז איך דעם שענקער פון מיין דארף, זאנסט וועט דיא בעסטע איממער וועללען ציהען מיינע אלטע אדערען.... דיא זעכס הונדערט רובעל וועלל איך דעם פערדארבענעם שענקער ניט אבגעבען, א קראנק אין דיא זייטען.... ער האט זיך גענוג עקספלואטירט אין מיין דארף אונ פערקויפט דיא בויערין וואסער אנשטאדט בראנטוויין.... קיין וועכסעל האט ער ניט אויף מיר, אונ נאך אין איינינע מאנאטען ארום, וועלל איך איהם ארויסטרייבען וויא א הונד.... זיין קאנטראקט ענדיגט זיך אין מאנאט אפריל אונ מעהר וועלל איך איהם דיא פריפאנאציע ניט פערדינגען, ווען ער וועט זאגאר קראפירען.... הע, פראניק! פראניק!

פראניק איז אן איין אטהעם אריין אין קאבינעט.

— איז דיר דיא ארעמע בויערין, וואס איז דא ניט לאנג געוועזען, בעקאנט? — האט איהם פעסאווסקי געפרעגט אונ זיינע היהנערישע אויגען פון דעם אלטען ניט ארעבגענוממען — ווייסט דוא ווער זיא איז?

— ניין, יאסנע פאן חראביע.

— אונ עס איז קיין וואונדער — האט פעסאווסקי פרייער געאטהעמט — זיא איז פון א צווייטען דארף אונ האט זיך געקלאגט אויף דעם גיערינען שענקער, וועלכער פערקויפט וואסער אנשטאדט בראנפען אונ קויפט אויף אללע געשטוילטע זאכען....

— זיא איז איין אונפערשעמטע ליגנערין! — האט דער אלטער עהרליכער דיענער אבגערופען — עזרא, זיין פרויא, אויך זייערע קינדער זיינען עהרליכע רוהיגע מענשען, אזעלכע זשידקעס איז א זעלטענהייט, געוויס האט מען איהר ניט געוואללט געבען אויף בארג, (קרעדיט) דער פאר האט זיא זייא זויא בערעדט....

— מילטש מאלפא! האט פעסאווסקי געשריען — געוויס האט דיר דער פערדאמטער זשיד אריינגעגאססען איינינע פלאשער בראנפען אין האלז.... הער, וואס איך וועלל דיר זאגען: מארגען פאהר איך אויף א גאנצען ווינטער נאך קראקאוו, זייער קאנטראקט ענדיגט זיך אין מאנאט אפריל, אויב איך וועלל ביז דאן ניט קוממען, זאללסט דוא זייא זאגען אין מיין נאמען, דאס זייא זאללען זיך

זובען איין אנדערע פריפאנאציע אונ מיין דארף פערלאססען, הערסט?
ארוים פון מיין דארף!

5.

א פערשטערטער שבת.

א וועק איז דער טרויעריגער ווינטער מיט זיינע שנייען אונ פראסט; אויף זיין ארט האט בעטרעטען דער פרעהליכער פריהלינג, וועלכער האט בעלעבט דעם גאנצען האריזאנט. —

אויך דיא אלטע ליווקער קרעטשמע איז וויא בעלעבט געווארען: אויסגעטריקענט האט זיך דער שטרויענער דאך פון דעם נאססען שנעע; דיא בוימער, וועלכע זיינען געגען דיא פענסטער געשטאנען, האבען אנגעפאנגען גרין צוא ווערען; פערשוואונדען זיינען דיא געדיכטע שווארצע וואלקען; דיא זאננע האט העלל געשיינט אונ געשיקט איהרע שטראהלען אין עזראס גרויסען עסס-צימער, וואו דער גוטהערציגער אלטער מיט זיין קליינער פאמיליע זיינען שבת בייא מיטטאג געזעסען. —

רחלע, וועלכע איז אין דעם טאג פון א צווייא וואכיגע קראנק אויפגעשטאנען, האט שלעכט אויסגעזעהען, דאך איז זיא גאנץ מונטער בייא טיש געזעססען.

זעהר ערינסט, מיט א קלינגענדער שטיממע, האט דער אלטער עזרא „ברוך ד' יום יום" געזונגען; איבערגעמישט האט ער דאס אלטע בלאטטעל פון דער בלוטיגער יודישער געשיכטע וועלכע בלייבט אימער נייא....
— כי לא יטוש ד' את עמו, גאטט וועט זיין פאלק ניט פערלאססען — האט ער פרומם געזאגט אונ זיינע אויגען צום הימעל געהויבען — חסדי ד' כי לא תמנו, כי לא כלו רחמיו!

— יא, קינדער, — האט דער איבערגליקליכער פאטער, נאך דיא זמירות געזאגט — גאטטס גענאדען האבען זיך ניט אויסגעלאססט, ווייל ער האט מיטלייד אויף זיין אונגליקליכען פאלק ישראל! פערשיעדענע

צייטען האט יעקב געהאט: דא איז ער געפאללען, דא איז ער ווייטער אויפגעשטאנען, אדום, עמלק, גלות בבל און נאך פיעל פיינד האט ער געהאט, געשלאגען, געפאלטערט, פערפאלגט פון אללע זייטען און אזויא ביז היינטיגען טאג, אבער דאס ווארמעל, יעקב, לעבט! זיין קארפער איז גלייך צוא א יונג ביימעלע, וועלכעס דער ווינט בייגט ביז צוא דער ערד, און באלד שטעהט עס וויעדער גלייך, אבער זיין גייסט איז שטארקער פון אייזען!...

— יא, פאטער, — האט זיך בנציון אבגערופען — שטארקער פון אייזען איז דער אונגליקליכער יעקב, אז ער קען אריבערטראגען אזויא פיעל צרות און פערפאלגונגען, אבער דאס שטארקסטע מעטאל ברעכט זיך אויך אמאל איבער.... צושמעטערט, צובראכען, צושלאגען, זיינען זיינע גליעדער; זיין קארפער איז פולל מיט אונפערהיילט וואונדען, זיין מוטה, זיין ענערגיע, זיין האפפענונג, זיין שטאלץ האט ער פערלארען; פאר דעם מינדעסטען ווינטעלע בייגט ער זיין קראנקען קאפ.... זיינע פיסס זיינען שוואך, זיין פרנסה שטעהט אויף היהגערישע פיסקלאך, און וויא לאנג קען ער זיך אין אזא לאגע האלטען אויף דעם רוישענדען וועלט אקיאן? ווען וועט שוין קומען איין ענדע פון דיא פערפאלגונגען און ליידען? ווען וועט מען אויף איהם קוקען וויא אויף א מענש? ווען וועט ער זיין מיט לייטען גלייך, ווען וועט מען פערשטעהען זיין ווערטה? א, עס וואלט שוין צייט געווען!....

— זינדיג ניט, מיין קינד — האט עזרא ערוויעדערט — דאס יונגע בלוט זיד און קאכט, דער פאר רעדט איהר יונגע מענשען פון היטץ.... דער יוד לעבט און וועט לעבען! זיין הייליגע רעליגיאן גיבט איהם ריעזענדע קראפטען, זיין גלויבען מאכט זיין לעבען זיסס....

— און זיסס זיינען דיא שבת־דיגע שפייזען — האט עזראס פרויא מיט א שמייכעל געזאגט, ארויפשטעלענדיג אויף דעם טיש א פעטען ברוינעם קוגעל — דיר, רחלע, וועלל איך קיין טשאלענט ניט געבען, פאר דיר טאכטער האב איך א גוט ביסעלע יאויך, עסט, גענוג צוא דיספוטירען, דאכט זיך צוליעב דעם איינציגען זיססען קוגעל, איבערהויפט צוליעב דעם הייליגען שבת איז כדאי צוא ליידען און זיין איין עוויגער יוד...

— מיין אלטינקע'רס ווארטער קלינגען מיר פיעל בעססער פון דיא חיינטמאדישע הויכע פראזען.... — האט עזרא געלאכט — עססט, קינדער, דעם קיילעכדיגען (רונדען) פעטען קוגעל, דיא וועלט איז גלייך צוא

איהם, דאס ראדעלע קען זיך א מאל איבערדרעהען.... עססט און ווייסט, דאס איהר זיינט יודען!....

אללע האבען מיט אפעטיט געגעססען, אויסער רחלע האט איהר טעללער ניט בעריהרט.

— ווארום עססט דוא ניט, רחלע? — האט איהר בנציון צארטליך געפרעגט — האסט דוא קיין אפעטיט? פיללייכט ווערסט דוא פריהער גענומען דיא מעדיצין?

אנשטאדט איין אנטווארט, האבען זיך צווייא קלארע טרעהרען אין רחלס שאנע אויגען געשטעללט.

— רחלע! — האט בנציון, זעהענד איהרע טרעהרען, אונרוהיג אויס גערופען — פיהלסט דוא זיך ווייטער שלעכט? זאלל איך רופען א דאקטער?

— איך בין קערפערליך געזונד, נאר מיין גייסט איז שוואך — האט דיא בלאססע רחלע שטילל גיענטפערט — איך האב א ניעדעריגען, פערדארבענעם כאראקטער.... איך פערשטעהר אייך דעם היילינען שבת, אבער איך קען זיך ניט איינהאלטען, און ערמאנענדיג זיך אין דעם אונגליקליכען שאנעם קינד, וויא ער פלעגט שבת זיטצען ביים טיש און מיט זיין ענגעל-שטיממעלע נאכגעזונגט דעם זיידענס זמירות, וויא קלוג, וויא גוט, וויא מילד ער איז געוועזן און יעטצט געפינט ער זיך ווייטער צווישען דיא פערדארבענע ציגיינער, שנייד ביים הערצען און אונוויללענדיג שטעללען זיך טרעהרען אין דיא אויגען....

— בערוהיג זיך, מיין טהייערע, — האט איהר בנציון געבעטען — איך האב ביז יעטצט גענוג געטהון און איך האפפע, דאס עס וועט מיר געלונגען ארויס צו רייסען דאס אונגליקליכע קינד פון דיא ניעדער-טראכטיגע ציגיינערישע האנד, אבוואהל עס איז שוין אוועק באלד א האלב יאהר. איך האב געמעלדען פאליציע, בעקאנט געמאכט אין אללע צייטונגען און גאטט וועט אונז זיין צו הילף.

זארג ניט, רחלע, דען עס קען דיר, בעהיטע גאטט, שאדען, שוין צווייא מאל ביזט דוא אין א שווערען אונמאכט געפאללען, דער ארצט האט מיר פערזאגט, מען זאלל דיך ניט לאססען זארגען. נאך זיין מיינונג איז דיר עס געקוממען פון א פלוטצליכע שרעק און איך קען זיך ניט ערקלערען, פאר וועמען האסט דוא זיך דאן ערשראקען, וואס ביז יעטצט ביז דוא ניט דיין געזונד?

דאס גאנצע בלוט איז רחלן אין געזיכט געקוממען, צום גליק, האט איהר עזרא ארויסגעהאלפען פון איהר פערלעגענהייט.

געגוג

(די יו"צ ה"ג)

— גענוג, קינדער, צוא קלערען אונ זארגען אין דעם היילינגען טאג! — האט זיך דער אלטער אבגערופען — וואס ביא אונז איז שווער, איז ביא גאטט גאנץ גרינג, נאר דער מענש דארף לעבען אונ האפפען.

— זעה נאר, בנציון, — האט חנה געזאגט, דאכט זיך דער אלטער פראניק, דעם חראביעס בעדיענטער, געהט אהער?

— יא, מוטטער, — האט בנציון, ארויסקוקענדיג פון פענסטער, רוהיג געענטפערט — געוויס פערלאנגט דער אלטער פערשווענדער פרישע געלד....

— מיר וועללען אלטער זיין מיט איינינע מינוט, וועללען מיר וויסען — האט רחלע זיך אבגערופען. —

— דזיען דאברע, מאיע פאנסטווא! (גוטען טאג, מיינע הערן) האט פראניק געזאגט — אונ וויא איין אדעלמאן, יעדען זיין שמוטציגע האנד געריכט — האלט איהר שוין נאך מיטטאג?

— יא, פראניק, — האט עזרא געענטפערט — זיטצט, וועט איהר טרינקען א גלאזעלע בראנפען?

— איך בין ניט געקוממען טרינקען.... — האט פראניק טרויעריג ערוויעדערט אונ זיין געקנייטשטעס געזיכט איז פינסטער געווארען — איך האב קיינע גוטע נייעס געבראכט....

— איז איין אונגליק געשעהען? — האט בנציון ערשראקען געפרעגט — ערצאהל, פראניק!

— מיר איז זעהר שווער — האט דער עהרליכער פראניק געזאגט — זעהר א שלעכטע נאכריכט.... צום אונגליק, מוז איך עס אייך איבערגעבען.

— קיין ווארט, פראניק! — האט עזרא געשטאממעלט — היינט איז ביא אונז א היילינער טאג, אין וועלכען מיר ווארפען אראפ פון קאפ אללע געשעפטען אונ זארג, פיעלייכט איז מיגליך, דוא זאללסט מיר דיא שלעכטע בשורה אנזאגען היינט ביא נאכט?

— אונמאגליך - האט פראניק מיט א בעקלעמטעס הערץ געענטפערט אונ ניט געקענט קוקען אין עזראס אויגען — דער חראביע האט מיר בעפאהלען, איך זאלל עס אייך גלייך זאגען.

— אויב עס איז זויא נאטהיג, זויא זאג מיר — האט עזרא מיט א קלאפענדעס הערץ געזאגט —

— זייט דער חראביע איז פון קראקאו געקוממען, איז ער באז

אויף דער גאנצער וועלט .... ער שלאגט, ער זידעלט, ער פלוכט, אונ היינט האט ער מיר בעפאהלען, איך זאלל אייך זאגען, דאס איהר זאללט איין אנדערע פראפינאציע זוכען אונ איהר זאללט דיא וואך ארויס פון דארף — האט פראניק זיין פאנס ווערטער איבער געגעבען אונ טרעהרען האבען זיך אין זיינע אויגען געשטעללט — ער האט מיר געהייסען אייך זאגען, דאס עס וועט ניט העלפען קיינע רייד, קיינע אויפקלערונגען אונ פערענטפערונגען, ער ערלויבט אייך ניט זאגאר אין הויף צוא קוממען, דען ער האט שוין דיא פראפינאציע אצווייטען פערדונגען אונ א קאנטראקט געשלאססען ....

אללע זיינען פון דער נאבריכט שרעקליך בלאסס געווארען; קיינער פון זייא האט ניט געקענט אנווארט אויסריידען אונ דער פערצווייפעללטער עזרא האט מיטביידע האנד זיין געזיכט פערשטעלט, אום מען זאלל ניט בעמערקען, זיינע בלוטיגע טרעהרען.

— איך וועלל ניט שווייגען אייער פערפלוכטען פאן! — האט דער אויפגערעגטער בנציון, נאך אקורצער פויזע צארענדיג אויסגערופען — איך וועל זיין הויף איבערקערען מיט איהם צוזאממען! זאלל ער ניט מיינען, דאס עס איז דיא א מאליגע פאנשטשיזנע (קנעכטשאפט) אונ ער וועט בערויבען שוטצלאזע מענשען אין מיטטען העללען טאג! באלד וויא איך בין נאר אהער געקוממען, איך האב איהם זאגאר נאך רעכט ניט געקענט, האט ער ביא מיר צווייא הונדערט רובעל געליהען, וועלכע ער האט ביז היינטיגען טאג ניט אוועק געגעבען. בייא מיין פאטער האט ער אהן אוועכסעל זעכס הונדערט רובעל גענוממען, דען פאן פעסאווסקי דארף מען טרויען אויף זיין עהרען ווארט .... אם ענדע אז ער האט וויא א פיאווקע, וויא א וואמפיר אונזער לעטצטעס בלוט אויסגעזויגען, טרייבט ער אונז ארויס פון דארף אונ בעפעהלט, דאס מיר זאללען צוא איהם ניט וואגען צוא קוממען .... וואס דענקט ער, מיר וועללען קיין רעכט געפונען? מיר וועללען איהם שענקען אונזער גאנצעס פערמאגען אונ קוממען צוא בעטעל-ברויט? א, דאס קען נאר אזא ניעדערטראכטיגער פאן אזא שופט וויא ער איז!

— וואס קען איך אייך העלפען, סטארע זאקאננע, (אלטע גלויביגער — האט פראניק גערידערט געזאגט אונ זיך אויפגעהויבען — איהר קענט איהם גאר ניט טהון, דען קיין וואכסעל אויף אייערע אכט הונדערט רובעל האט איהר ניט, מיט באזען וועט איהר ערגער מאכען. מיין ראטה איז, אייער פאטער זאלל געהן צום חראביע; פיללייכט וועט

עֶר מִיטְלַייד הָאבֶּען. אִיךְ וֶועלל אִיהם אַרַיינְלָאזֶען אִין קַאבִּינֶעט אוּנ זָאגֶען, דָאס אַייֶער פָאטֶער אִיז אַרַיין מִיט גֶעוַואלְד....

— זָאלל עֶר שׁוֹין גֶעהְן? — הָאט שרה פֶערְצְוַוייפֶעלְט גֶעפְרֶעגְט.

— אִין צְוַוייא שְׁטוּנְדֶען אַרוּם — וַואר פראניקס אַנְטְוָוארְט.

— אִיךְ וֶועלל נִיט גֶעהְן — הָאט עזרא מִיט אַ בֶּעקְלֶעמְטֶער שְׁטִימֶע גֶעזָאגְט — בַּייא מִיר אִיז הַיינְט שַׁבָּת, זוֹיא וִויא זוֹיא זֶעה אִיךְ, דָאס מַיין גַאנְג וֶועט גָאר נִיט הֶעלְפֶען, וַוייל אוֹיף פַאן פעסאווסקים יֹשֶׁר אוּנ עֶדְלֶען כַּאַרַאקְטֶער קֶען מֶען וֶוענִיג הָאפֶען.... נָאר פִיעלַייכְט אִיז מֶעגְלִיךְ, אִיךְ זָאל קוּמֶען אִין אָנְפַאנְג אָבֶענְד, וֶועסְט דוּא, פראניק, מִיךְ אַרַיינְלָאזֶען?

— זָאלל זַיין אַזוֹיא — הָאט פראניק, וִוישֶׁענְד זַיינֶע טְרֶערֶען, גֶיעֶנְטְפֶערְט — גָאטט זָאלל גֶעבֶּען, דָאס אִיהר זָאלְלְט קוּמֶען אִין אַ גְלִיקְלִיכֶע שְׁטוּנְדֶע. אִיךְ הָאבּ מִיטְלֵייד אוֹיף אַייךְ, אִיהר זַיינְט עֶהְר־לִיכֶע זשידקעס, (יוּדֶען) דָא ווידזעניא (צוּם וִויעדֶערְזֶעהֶען)!

— נִיט גֶעזָארְגְט, קִינְדֶער! — הָאט עזרא זַיין אָרֶעמֶער פַאמִילְיֶע גֶעטְרֵייסְט, אָבְּוָואהל זַיין הֶערְץ הָאט גֶעשְׁטוּרְמְט אוּנ דָאס לֶעצְטֶע בִּיסֶעלֶע בְּלוּט אִיז אִין אִיהם פֶערְקִיהֶלְט גֶעוָוארֶען — אוּנְזֶער גָאטט לֶעבְּט, מִיר הָאבֶּען נִיט אַיין פעסאווסקי אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט אוּנ דֶער אַללֶערְהֶאכְסְטֶער וֶועט אוּנְז נִיט פֶערְלָאזֶען, גֶענוּג וֶוענֶען דֶעם צוּא רֵיידֶען, זָאלל נִיט זַיין אַ פֶערְשְׁטֶערְטֶער שַׁבָּת

6.

מה טובו אהליך יעקב!

זֶעהר לַאנְגְזַאם הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגֶען דֶער טְרוֹיעֶריגֶער פֶערְשְׁטֶערְטֶער שַׁבָּת. יֶעדֶער פוּן זַייא הָאט וֶועגֶען דֶעם קֵיין וָוארְט גֶערֶעדְט, יֶעדֶער וַואר פֶערְזוּנְקֶען אִין פִינְסְטֶערֶע גֶעדַאנְקֶען, יֶעדֶער הָאט גֶעשְׁלוּנְגֶען בִּיטֶערֶע טְרֶערֶען אוּנ זִיךְ גֶעמוּזְט בֶּעהַאלְטֶען, אוּם מֶען זָאלל נִיט בֶּעמֶערְקֶען, עֶנְדְלִיךְ, אִיז גֶעקוּמֶען דִיא פִינְסְטֶערֶע נַאכְט.

פינשטער (די יו״צ ח״ג)

פינסטער, ביטער וואר יעדען אויף דעם הערצען, דיא פער־
יאממערטע שרה האט זייער פרום „גאטט פון אברהם" געזאגט אונ מיט
בלוטיגע טרעהרען געבעטען „א גוטע וואך".

— עזרא האט ערינסט אבגעדאווענט מערב, אבגעזאגט דעם
„ויתן לך" מיט דיא בערג גליקען..... „והלוית גוים רבים, ואתה לא
תלוה" דוא ווערסט לייהען פיעל פעלקער אונ דוא ווערסט ניט דארפען
לייהען, האט עזרא שטילל געזאגט אונ זיך פערטראכט......
דאס ערשטע מאל אין זיין לעבען, האבען איהם אזעלכע שלעכטע
געדאנקען בעאונרוהיגט.... אבער וויא אהעלד האט ער זיך איבער זייא
געשטארקט, געריבען דעם שטערען, פערמאכט דיא אויגען אונ באז
אויסגערופען:

— „מחיתי כעב פשעיך, וכענן חטאתיך, שובה אלי כי גאלתיך"!
ד"ה: וויא אוואלקען האב איך אבגעמעקט דיינע זינד, קער דיך אום
צו מיר, וועלל איך דיך ערלאזען. —

אלס ער האט געענדיגט דעם „ויתן לך" האט ער מיט א יאממער־
ליכער שטימע הבדלה געמאכט אונ בייא דיא ווערטער: הנה אל
ישועתי אבטח ולא אפחד" (צוא דיין הילפע האפפע איך, גאטט, אונ
פירכטע ניט) האט ער זיינע טרעהרען געשלונגען אונ פיעלע פון זייא
זיינען אריינגעפאללען אין בעכער וויין....

בנציון האט איינגעשפאנט דאס פערד אין וואגעלע, אונ אין
איניגע מינוטען ארום זיינען ביידע אבגעפאהרען.

— אין איין עת רחמים! — האט שרה געיאממערט אונ איהרע
רויטע פערוויינטע אויגען צום הימעל געהויבען, רחמים פון זיעבענטען
הימעל!

צוויא שטונדען האבען ביידע פרויען זייערע מאנגער, מיט
קלאפענדע הערצער, ערווארטעט; יעדער מינוט, יעדער סעקונדע, וואר
בייא זייא איין יאהר לאנג, ענדליך, האבען זייא געהערט דאס גערויש
פון וואגעלע אונ אין איניגע מינוטען ארום איז עזרא אונ בנציון
מיט געזונקענע קאפ, מיט פערוויינטע רויטע אויגען אריין אין
צימער.

בענאהע א האלבע שטונדע האבען אללע צווישען זיך קיין ווארט
גערעדט. דיא אונגליקליכע פרויען האבען געלעזען אויף זייערע שיטצערס
געזיכטער, דאס זייא האבען קיין גוטע נאכריכט געבראכט אונ גאנץ
שטילל געפרעגט:

— וואס האסט דוא, עזרא, דארט געמאכט? איז אללעס פער-פאללען?

— אללעס פערפאללען.... — האט עזרא געקרעכצט אונ גרויסע טרעהרען, וויא באב האבען זיך אין זיינע אויגען געשטעללט.

— אללעס פערלארען! — האט ער ווידער געהאללט אונ דער גרויסער מאמין (גלויבער) האט וויא אקליין קינד געיאממערט — נע-ונד דארף זיין דער אונגליקליכער יוד! פערטריבען, פערזאגט, פערפינסטערט, פערוויסט, וואנדערען מיט זיין פאקעלע צרות פון ארט צוא ארט! יא, מיין ווייב, מיר מוססען בעצייטענס איינפאקען אונזער ביסעל ארעמקייט אונ נעהמען אין דיא האנד דעם גאנץ אלטען פערפוילטען וואנדערשטאק, אויף וועלכען מען קען זיך ניט זאגאר אויף איינינע מינוטען אנשפארען.... ארויסגעטריבען האט מיך פאן פעסאוזסקי! אויסגערעכענט האט ער מיר מיין גאנצען היינטיגען יחוס: זשיד, שווינדלער, ציגיינער, אונ ניט ערמאנט, דאס מיר שטאממען פון אברהם, יצחק ויעקב.... מיין לעטצטען רובעל האט ער גערויבט אונ געשריען:

— „ארוים פארהאטע זשידעס פון מיין דארף! פעראונרייניגט ניט מיין ערד, פערפלוכטע בלוטזויגער, פריצענטניקעס, גניבות אויפקויפער! איהר האט בערויבט מיינע בויערן, פערקויפט וואססער פאר בראנטוויין, געהאנדעלט מיט געשטוילטע זאכען" א. ז. וו.

דער מיט האט ער מיר אבגעצאהלט מיין שולד, (חוב) דאס האט ער מיר מיט געגעבען אויף דעם פינסטערען וואנדער-וועג אונ מען מוז שווייגען, דען ער איז מאכטיגער, וואהרענד מיר האלטען זיך קוים אויף דיא שוואכע פיסס. — איהם וועט מען גלויבען, ער האט א טיטעל „חראביע" אונ מיר וואס האבען אויסער דעם נאמען „זשיד"? א, גאטט גערעכטער! וויא לאנג?........

— שאדע, וואס דוא האסט מיר, פאטער, ניט ערלויבט אריין צוא געהן — האט בנציון מיט טרעהרען געזאגט — זאנסט וואללט איך דעם היינטישען חראביע וויא אהונד דער שטיקט, גאר פערפאללען.... דאס איז דעם אונגליקליכען יודס ענדע! קיין בעססערס דארף ער ניעמאלס ערווארטען, ער איז ווערטה דעם שטעקען....

ביז טאג זיינען דיא אונגליקליכע מענשען אין א טייך טרעהרען געזעסען.

— געקוממען איז דער ליכטיגער טאג, נאר אין זייער שטוב וואר פינסטער וויא אין זייערע הערצער; דיא זאננע האט בעלייכט דעם גאנצען האריזאנט אונ אויך איינינע דונקעלע שטראהלען

דורך דיא שפאלטען פון דיא לאדען געשיקט, גלייך וויא זיא וואלט זאגען: „מעהר האב איך ניט פאר דיר, מיין ליעבער בן־יחיד...... גענוג פאר דיר, יעקבזאהן"!

— עס איז שוין גרויסער טאג — האט רחלע בעמערקט — געה גיבער, בנציון, עפען שוין דיא לאדען, שפאן שוין איין דאס פערד....

— צוא וואס דארף מען דאס פערד איינשפאנען? — האט בנציון פערוואונדערט געפרעגט.

— איך וועלל פאהרען אין הויף....

— דוא? — האט בנציון פערצווייפעלט אויסגערופען — דוא, מיין זעעלע, דוא ווילסט נאך פאהרען צוא דעם בלוטגיעריגען טיגער? גיין, איך וועלל עס דיר ניעמאלס ערלויבען.

— איך מוסס פאהרען — האט רחלע ערוויעדערט — ווען דוא מיין טהייערער ווילסט, קענסט דוא מיך בעגלייטען אונ ווארטען אויף מיר אין הויף.

— איך בעט דיך, טאכטער, — האט עזרא מיט טרעהרען געזאגט — פאהר ניט, דוא וועסט דער מיט גאר ניט העלפען, דאס איז א מענש אהן א הערץ, אהן א כאראקטער, א טייפעל אין מענשען געשטאלט, דיא פערדארבענהייט אליין. מעהר וויא בעליידיגונג, קענסט דוא פון דעם ניעדערטרעכטיגען חראביע ניט ערווארטען..... פאהר ניט, מיין קינד, גאטט וועט אונז ניט פערלאססען אונ שיקען זיין הילף פון א אנדער ארט.

— ערלויבט מיר, גוטער פאטער, — האט דיא איינגעשפארטע רחלע מיט טרעהרען געבעטען — פיעלייכט וועט גאטט דורך מיר זיין הילפע שיקען! ערלויבט מיר, ליעבע מוטטער, דאס הערץ זאגט מיר, אז מיין פאהרען וועט ניט זיין אומזאנסט אונ ווען, בעהיטע גאטט, איך וועלל גאר ניט אויספיהרען, וועלל איך אמווייניגסטענס וויסען, דאס איך האב געטאן מיין פפליכט אלס קינד, מיינע געוויססען וועללען זיין ריין אונ איך וועלל געטרייסט בלייבען.

אללע ווארען געריהרט פון רחלס ווארטער אונ האבען געמוזט איינשטיממען; בנציון האט איינגעשפאנט דאס פערד, אונ עזרא האט זיינע ציטערענדע האנד אויף רחלס קאפ געלייגט.

— די' יצליח דרכך! — האט ער שטילל מיט טרעהרען געמורמעלט — גאטט זאלל דיין וועג בעגליקען, טהייערע קינד!

בנציון מיט רחלן זיינען אבגעפאהרען אונ עזרא מיט שרהן האבען

זייא נאַבגעקוקט , ביז דאס וואָגעלע איז פערשוואונדען פון זייערע אויגען .

— פערפאללען ! — האט עזרא , אַריינגעהענדיג אין שענק , צוא זיך געזאָגט — גאָטט האט געזאָגט צוא קין-ען : „נע ונד תהיה בארץ” אונ דיא קללה הערשט אויף אונז ביז היינטיגען טאג... מען דאַרף זיך וואשען , זאָגען ברכה :

— מודה אני לפניך , מלך חי וקים , שהחזרת בי נשמתי.... איך דאַנק דיר , גאָטט , וואס דוא האסט מיר צוריק געגעבען מיין נשמה אונ איך בין אַם וויינינגסטענס לעבעדיג אַרויס פון פעסאווסקים האנד .... וויא גוט איז דיין געצעלט יעקב , דיינע וואהנונגען ישראל ! וויא גוט , וויא רוהיג , איז צוא וואנדערען פון לאַנד צוא לאַנד , אונ ניט אַרויס צוא לאָזען דעם וואנדערשטאָק פון האנד !.... מה טובו אוהליך יעקב !....

ענדע 3—טער טהייל .

דיא יודישע

ציגיינערין

אדער

דאס גערויבטע קינד

אין אינטערעסאנטער ראמאן פון פאלנישען און אמעריקאנישען יודישען לעבען אין 4 טהייל.

פערפאסט פון

שלום לעדערער.

פיערטער טהייל

פערלאג און אייגענטהום פון מרדכי קאצענעלענבאגען בוכהענדלער ווילנא.

ווילנא

בדפוס י. פיראזשניקאוו.

שנת תר"ם לפ"ק

ЕВРЕЙСКАЯ ЦЫГАНКА.

Романъ въ 4-хъ частяхъ. Соч. Ш. Ледерера.

Часть IV.

Изд. и соб. виленскаго книгопродавца М. Каценеленбогена.

ВИЛЬНА. Типографія **И. І. Пирожникова,** Завальная ул. д. № 1147.

1900.

Дозволено цензурою 12 Января 1900 г. Вильна.

I.

פון פייער אין וואססער.

1

אונזער פאטערלאנד זיינען דיא פעלדער
אונזערע הייזער — דיא וואלדער,
דאס גרינע גראז איז אונזער פארפעט,
דיא בוידען איז אונזער בעטט,
אונ דער טהאל איז אימער,
אונזער בעקוועמסטעס צימער....

2

דיא ריינע לופט גיט אונז קראפט,
דיא בוימער זיינען אונזערעווירטשאפט,
דיא פרייהייט גיט אונז גליק,
דיא פייגעלען זיינען אונזערע מוזיק,
אונ דיא פערד אונ וואגען.
זיינען אונזערע באהנען, אונזערע פערמאגען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דאס ליעד האבען געזונגען אין אוהאנער וואלד אייניגע ציגיינערישע פרויען אונ זייערע שטיממען האבען אבגעקלונגען אין וויעדער־קול.

— וויוואט! וויוואט! האבען געשריען פיעל יונגע ציגיי־נער — מיר וועללען בעסער זינגען אונזער ליעד, וועלכע איז פיעל שאנער!

4

1

דער וואלד איז אונזער שוטצונגסזאאל,
דאס מעססער — אונזער שווערד,
אונזער האנדעל איז דיא שטאלל,
אונזערע וואארע דיא פערד....

2

שטוילען, בעטריגען איז אונזער ציעל
מיטלייד האט קיינער,
רויבען, מארדען, קיין געפיהל,
עס לעבע דיא ציגיינער!

— וויוואט! — האבען געדאנגערט פיעל ווילדע שטיממען — עס לעבע דיא ציגיינער!

גאנץ ווייט פון דיא ציגיינער אונ פון זייער געזאנג, דארט אין טיעפען וואלד, האבען זיך געשפיעלט צוויא רייצענדע פינפיאהריגע קינדער: אקנאבע מיט א מעדכען. —

באלד ביים ערשטען אויגענבליק קען מען ערקענען, דאס זייא זיינען אונטער איין הערץ געלעגען, דאס איין מוטטער האט זייא געבארען, בעססער געזאגט, אצווילינג, דען זייא זענען זויא שיין אונ זויא עהנליך איינער צום צווייטען, — וויא צוויא טראפפען וואססער.

— קאררא! — האט דאס מילדע מאדכען געזאגט — וויללסט דוא מיר העלפען מאכען א שטיבעלע?

— ניין, צינא, — האט דער קנאבע טרויעריג געאנטווארטעט — איך ווילל בעססער צוא דער מאמא ראחיל, זיא האט מיך אזויא ליעב! דארט איז אזויא גוט! זיא האט מיר גאכטען שאנע שפיעל־זאכען געקויפט, וויללסט דוא געהן מיט מיר צוא מיין מאמא ראחיל? זיא איז אזויא גוט, אזויא שאן, זיא איז נאך שאנער פאר דער טאנטע ציטרע....

— איך ווילל מאכען פון שטעקעלאך א שטיבעלע — האט צינא ערוויעדערט — דארט וועללען מיר בעהאלטען אונזער שטיקעלע רויטע גלאז אונ דיא איבעריגע שפיעל־זאכען, אבער צוא דיין מאמא ראחיל

ווילל איך ניט געהן, זיא וועט מיך קנייפען אונ שלאגען וויא דער מוטער טעמרע....

— דיא מאמא ראחיל איז אגוטע, זיא שלאגט ניט, זיא וועט דיר מאכען א שאן קליידעלע, זעהסט דוא דיא שטיוועלאך אונ מיט דעם אנצוג מיט דיא שאנע קנאפפעלאך — וואס דיא מאמא ראחיל האט מיר געמאכט?

— שאנע קנאפפעלאך — האט צינא געזאגט אונ בעטראכט דיא גאלדענע קנאפלאך פון קארראס קינדישען קאסטיום — וועסט דוא זייא מיר געבען?

— דיא מאמא ראחיל האט מיר געזאגט, איך זאלל זייא ניט אבבייסען, זיא וועט שרייען אויף מיר, אבער איך האב דיך ליעב.... איך וועלל דיר איין קנאפפעלע געבען.

— אונ איך האב דיך אויך ליעב. קאררא, וועסט דוא מיר געבען א קוש?

— ביידע קינדער האבען זיך הערצליך צוקושט.

— וועסט דוא שוין מעהר ניט אוועק געהן פון מיר? — האט צינא אונשולדיג געפרעגט — איך האב אזויא געוויינט ווען דוא ביזט אוועק געגאנגען.... איך האב געשריען: קאררא! קאררא! האסט דוא ניט געהערט?

— איך האב ניט געהערט.... אבער וועסט דוא געהן מיט מיר צוא דער מאמא ראחיל? מיר וועללען באלד צוריק קוממען.

— מארגען וועלל איך געהן מיט דיר אונ היינט העלף מיר מאכען דאס שטיבעלע.

— גוט — האט קאררא צופריעדען געזאגט — דוא בינסט א גוטע צינא, איך האב דיך האלט, איך וועלל דיר העלפען אונ אוועק געבען מיינע אללע קנאפפעלאך.

— מיין קאררא! — האט צינא ענטציקט אויסגערופען.

— מיין צינא! — האט קאררא מיט פרייד געשריען.

אבערמאלס האבען זיך ביידע קינדער ארומגענוממען אונ זיך פלייסיג גענוממען צוא זייער ארבייט.

אין דער זעלבער צייט זייגען געזעססען אונטער א געדיכטען בוים אונזער אלטע פאאר אונ האבען זיך שטילל בעראטהען:

— וועסט דוא מיר ערלויבען, באצציא עטוואס צוא ריידען? האט דיא אלטע ציגיינערין געפרעגט.

— דוא האסט, דאכט זיך, דיין לאנגע צונג אין מויל — האט באצציא געענטפערט — קענסט ריידען, גאר ניט קיינע ליגען קיינע פלוידערייא.

— איך פלוידער קיין מאל ניט — האט טעמרע מיט א פארוויפע געזאגט — אבער דוא ווילסט מיך ניט הערען.... דוא ווייסט, באצציא, דאס קאררא איז פאר אונז זעהר געפאהרליך? שוין באלד א האלב יאהר זייט עדיג האט איהם צוריק פון קרעטשמע געבראכט אונ דאס קינד האלט אין איין קלאגען, מען זאלל איהם פיהרען צוא דער מאמא ראחיל, ער רעדט גוט יודיש אונ לאזט איהר ניט ארויס פון מויל, מיר קענען צוליעב איהם דעם גרעסטען אונגליק האבען, ווייל פאליציע זוכט אונז איבעראלל...

— איך האב שוין עס פריהער בערעכענט, — האט דער אלטער געשמייכעלט — צוליעב דעם האב איך היינט עדינען געשיקט אין שטאדט, ווייל גראדע היינט שפיעלט דארט א צירק, פיל לייכט וועט איהם קויפען דער צירק-דירעקטאר....

— ביזט דוא זיכער, דאס דער דירעקטאר וועט אונז ניט פערראטהען?

— אין דעם בין איך זיכער, ער איז איין אלטער בעקאנטער, ניט איין מאל האט ער בייא מיר לעבעדיגע וואארע געקויפט.... שא, דאכט זיך, עדיג געהט מיט א ברייטגעקליידעטען מאן.... יא, דאס זיינען מיינע לייטע....

— אנקעל! — האט דער בעקאנטער עדיג געזאגט, ציינענדיג אויף דעם רייכגעקליידעטען דיקען מאן — דער הערר דירעקטאר איז צופרידען געקומען בעטראכטען אונזער וואארע....

— גוט — האט דער אלטער טייפעל צופריעדען געזאגט אונ דעם ביעדערטראכטיגען דירעקטאר זיין שמוטציגע האנד געריכט — וואס מאכט איהר, הערר רויב? וויא געהן דיא געשעפטען?

— זעהר גוט — האט דער גראבעררבייביגער דירעקטאר געענטפערט — אבער וואו איז אייער וואארע? איך האבע קיין צייט לאנג ווארטען, מיינע פערד אונ אויך דיא וואגען שטעהן ניט ווייט פון וואלד....

(די יו"צ ח"ד)

— גְלַייךְ — הָאט באַצציא גֶעזָאגְט — הֶע, קארראַ! קאררא!

אין אֵיינִיגֶע מִינוּטֶען אַרוּם זַיינֶען דיא קִינְדֶער גֶעקוּמֶען צוּא לוֹיפֶען אָהן אַיין אָטְהֶעם אוּנ גֶעצִיטֶערְט פוּן שְׁרֶעק.

— זֶעהר אַ שֶׁאנֶע פָּאאַר — הָאט דֶער דִירֶעקְטָאר צוּא זִיךְ גֶעמוּרְמֶעלְט אוּנ זַיינֶע ווַייסֶע קָאטְצֶענְאוֹיגֶען הָאבֶּען טְהִיעֶרִישׁ גֶעפִינְקֶעלְט — וֶועסְט דוּא באַצציא, מִיר זֵייא בֵּיידֶען פֶּער־קוֹיפֶען?

— נֵיין, אִיךְ וֶועלל אַייךְ בֵּיידֶען נִיט פֶערְקוֹיפֶען נָאר דֶעם קְנַאבֶּע אַליין

— וָוארוּם? — הָאט דֶער דִירֶעקְטָאר אוּנְצוּפְרִיעדֶען גֶעפְרֶעגְט — דָאס מֶעדְכֶען אִיז פַאר מִיר פִיעל בֶּעסֶער, אִיךְ וֶועלל דִיר פַאר אִיהר אַ גוּטֶע פְּרַייז גֶעבֶּען.

— פֶערְקוֹיף בֵּיידֶע — הָאט דִיא אַלְטֶע הֶעקְסֶע זִיךְ אָבְּ־גֶערוּפֶען

— שְׁטוּמְם, אַלְטֶע! מִישׁ זִיךְ נִיט אִין מַיינֶע גֶעשֶׁעפְטֶען! — הָאט באַצציא בֵּייז גֶעזָאגְט — אִיךְ וֶועלל צִינַאן פַאר אַ בַּארג גֶעלְד נִיט פֶער־קוֹיפֶען, זֶעהסְט דוּא, וֶוען דֶער טוֹיט זָאלל דִיךְ וֶועלֶען צוּא גֶעהמֶען, וָואלְט אִיךְ אִיהם צוּגֶעצָאהלְט....

— וֶוען אִיהר קֶענְט נִיט, דַארְף מֶען נִיט — הָאט דֶער דִירֶעקְטָאר טְרוּקֶען גֶעזָאגְט — אָבֶּער וִויפִיעל ווִילְלסְט דוּא פַאר דֶעם קְנַאבֶּע? אַגְרוֹיסֶע פְּרַייז לוֹינְט מִיר נִיט פַאר אִיהם צוּא גֶעבֶּען

דֶער אַלְטֶער שׁוּרְקֶע הָאט אִיהם אַרַיינְגֶערוּמְט אִין אוֹיעֶר אוּנ שְׁנֶעלל הָאבֶּען זֵייא צְווִישֶׁען זִיךְ דֶעם נִיעדֶערִיגֶען גֶעשֶׁעפְט גֶעֶנְדִיגְט.

— קארראַ! — הָאט דֶער אַלְטֶער צוּם אוּנְשׁוּלְדִיגֶען קִינְד גֶעזָאגְט — דֶער הֶערר ווִילל דִיךְ פִיהרֶען צוּא דֶער מוּטְטֶער ראחיל, ווִילְלסְט דוּא מִיט אִיהם צוּא אִיהר פָאהרֶען?

— יָא, פָאטֶער באַצציא, אָבֶּער צִינַא זָאלל אוֹיךְ פָאהרֶען, מִיר וֶועללֶען בַּאלְד צוּרִיק קוּמֶען.

— צִינַא וֶועט מָארְגֶען קוּמֶען צוּא דִיר, בִּיזְט דוּא צוּ־פְרִידֶען?

— יָא, פָאטֶער....

— אַלְזָא קוּם מִיט מִיר — הָאט דֶער דִירֶעקְטָאר צוּם אוּנְגְלִיקְלִיכֶען קִינְד גֶעזָאגְט אוּנ אִיהם פָארְן הֶענְטֶעלֶע גֶענוּמֶען — אִיךְ וֶועלל מִיט דִיר פָאהרֶען צוּא דֶער מוּטְטֶער ראחיל.

— איך וויל פאהרען מיט מיין קאררא! — האט צינא געיאמערט אלס דער דירעקטאר האט געוואלט מיט זיין לעבעדיגער וואארע אוועק געהן — קאררא! קאררא! געה ניט אהן מיר!

ביי דיא ווערטער איז זיא ארויפגעפאללען אויף איהר יוגענדפריינדס האלז אונ איהם אין איהרע צארטע ארמען איינגעקלאמערט, גלייך וויא זיא וואללט זיך פירכטען, מען זאלל איהם ניט פון איהר אבּרייסען...

— מיין צינא! מיין קאררא! האבען ביידע יאמערליך געוויינט — פאהר ניט אהן מיר!..

מיט געוואלד האט דער באראקטערלאזער דירעקטאר דאס פער־יאמערטע קינד פון צינאס ארמען ארויסגעריססען אונ איז מיט איהם פערשוואונדען.

גאנץ לאנג האבען זיך געהערט אין וואלד דיא ווערטער: „קאררא“! „קאררא“! גאנץ ווייט האבען געקלונגען דיא ווערטער אין דער לופט, קאררא האט זיא געהערט. אונ פיעל בלוטיגע טרעהרען פערגעססען, זיין אונשולדיגעס הערצעלע האט מאכטיג געקלאפּט, גלייך וויא ער וואלט פיהלען, דאס ער איז פון פייער אין וואססער.

2.

מיינע מוזט דוא ווערען!

עס וואר זונטאג צוועלף אוהר פאר מיטטאג. פאן פעסאווסקי איז נאר וואס געקוממען פון קאסציאל (קלויסטער) אונ זיצט ביי א שטארקע פלאש קאניאק. פאן טאמאש, וויא מיר ווייסען איז א עדעלמאן, אחראביע, אבער געטרונקען האט ער וויא א וואהרער איינפאכער בויער; מיט א טהעע־גלאז האט ער זיך קוים בעלעקט אונ וויא עס זעהט א.ים, האלט ער שוין ביי כוס רביעי, (פיערטען) דען זיינע קליינע איינעלאך זיינען פערגאסען אונ זיין אימער מאגערעס געלבעס געזיכט האט רויטע פלעקען בעקוממען....

— יאסנע וועלמאזשנע פאן חראביע! — האט פראניק געמעלדעט אונ זיך טיעף פערנייגט — דיא זשידאווקע (יודין) ראחיל, דעם פּראָפּינאַטאָר
(די יו"צ ח"ד)
שוויגערטאכטער

שוויגערטאכטער, איז געקומען אונ וויל מיט איך ריידען. זיא ווארט שוין איינע שטונדען.

— אסיאל! סוויניא! — האט פעסאווסקי זיינע שטענדיגע ליעבליכע ווערטער אויסגעשריען — ווילסט דוא מאכען וויא מיט דעם זשיד עזרא, וועלכען דוא האסט אהן מיינע ערלויבענים אריינגעלאססט? דא דיאבלא סטארי פיעס! (צום טייפעל, אלטער הונד!)

— זאלל איך איהר ניט אריינלאססען? — האט פראניק, וועלכער וואר שוין געוואהנט מיט דעם שאנעם טיטעל, גאנץ רוהיג געפרעגט — וואס בעפאהלט דער פאן חראביע?

— איז זיא אליין? — האט פעסאווסקי זייער נאכדענקענד געפרעגט.

— איינע אליין — וואר פראניקס אנטווארט.

— פיהר איהר אין לעטצטען צימער — האט דער חראביע בעפאהלען — פערשליסס אללע טירען, זאללסט קיינעם אהנע מיינע ערלויבענים ניט אריינלאססען, אויך דוא, אלטער, זאללסט ניט וואגען צוא קוממען אין יענעם צימער, ביז איך וועלל דיך רופען.... ווען געסט וועללען קוממען, זויא זאג, דאס איך בין יעטצט ניט צוא הויזע... הערסט?

— סלוחאם.

— פראשע פאנא — האט דער אלטער דיענער, ארויסגעהענדיג פון צימער, אונרוהיג געענטפערט....

פאן פעסאווסקי האט זיך, נאך פראניקס אוועק געהן, אויף איינינע מינוטען פערטראכט, זיין מאגערער קערפער האט געציטערט, ענדליך, האט ער פון וואנד א שמוטציגען שליססעל גענוממען אונ איז געגאנגען אין זאאל, אונ פון דארט איז ער נאך פיעל צימערין דורכגעלאפען, ביז ער איז געקוממען צוא א שווערער אייזערנער טהיר, וועלכע ער האט שנעלל אויפגעשלאססען אונ אריין אין א גרויסען אבגעלאזענעם צימער מיט צוויא פענסטער, וועלכע זיינען ארויסגעגאנגען אין א געדיכטען גארטען.

אין צימער האט זיך קיינע מעבעל געפונען, אויסער צוויא געמיינע שטוהלען מיט א צובראכענע אלטע קאנאפע.

דער אלטער קאוואלער האט זיך אויף א שטוהל געזעטצט אונ מיט אונגעדולט זיין גאסט ערווארטעט.

— הייליגע מוטטער! — האט דער פרומער פעסאווסקי שטילל

(די יו״צ ח״ד) געבעטין

געבעטען — גיב מיר דיא יונגע קראפטען, איך זאלל קענען ברייננען א זינדיגע זעעלע אונטער דיינע פליעגעל....

קוים האט ער זיין געבעט גיענדיגט — האט זיך א צווייטע טהיר פון קארידאר אויפגעשלאססען אונ רחל איז לאנגזאם אריין אין צימער.

— ווילקאממען! — האט פעסאווסקי העפליך געזאגט אונ זיך פון זיין שטוהל אויפגעהויבען — א, וואס פאר א טהייערער אונגעריכטער גאסט! זיטצט, פאניע, ראחעליא....

דיא בלאססע ערשראקענע רחל האט זיך, ענגעגען איהם, אויף א שטוהל געזעטצט. —

— וואס מאכט איהר, שאנע ראחיל? האט פאן פעסאווסקי מיט א שמייכעל ערוויעדערט אונ זיין שטוהל געהנטער צוא רחלען גערוקט — וועלכע גוטע נייעס האט איהר מיר געבראכט?

— פיללייכט וועט גאטט געבען גוטע נייעס.... — האט רחלע מיט אראבגעלאזענע אויגען גיענטפערט — פאר׳ייפיג איז זעהר ניט פרעהליך....

— ווארום?

— א, איהר פאן חראביע, ווייסט עס בעססער פון מיר! — האט רחלע ביטער געשמייכעלט אונ איהרע שאנע אויגען זיינען פולל געוואָרען מיט טרעהרען — איהר קענט מאכען טרויעריג אונ פרעהליך... אללעס ווענדעט זיך אהן אייך.

— אן מיר? — האט פעסאווסקי טייפליש געלאכט אונ רחלס ציטערענדע האנד גענוממען — איך האבע גאר ניט געוואוסט, דאס איך בין אזא קינסטלער.

— בעססער געזאגט, דער פאן חראביע מאכט זיך ניט וויסענדיג — האט רחל אונטערגעהאפט אונ איהר צארטע האנד פון זיינע ארויסגענוממען — א, וויא אונגליקליך מיר זיינען!

— איהר אונגליקליך? האט פעסאווסקי מיט א געמאכטער מיטלייד'ענדער שטיממע געפרעגט — עס קען ניט זיין!

— א, פאניע חראביע! — האט רחל מיט וויימוטה אויסגערופען — מאכט אייך ניט לוסטיג איבער איין אונגליקליכער פרויא, וועלכע רעדט מיט בלוט פון איהר הערצען! האט איהר ניט בעפאהלען מיט פראניקען, דאס מיר זאללען דיעזע וואך אייער דארף פערלאססען? וועלכע זינד זיינען זייא דערגאנגען? ווארום טרייבט איהר אונז ארוים וויא דיא ניעדעריגסטע מענשען? וואוהין זאללען מיר געהן?

— איך טרײַבען ? דאס װעלל איך ניעמאלס ניט בעפֿאהלען.
— װאס ? — האט רחלע מיט שטראהלענדע אויגען אויסגעשריען — האט עס פראניק אויסגעטראכט ? איז עס װאהר ?

— איהר פֿערשטעהט מיך ניט, פאניע ראחעליא, — האט פעסאװסקי טייפֿליש געשמייכעלט אונ זיין אפּפער לאנגזאם געפֿאלטערט — איך האבע בעפֿאהלען, דאס אײַערע פֿערדארבענע שװינערעלטערען, מיט זייער זאהן זאללען מײַן דארף פֿערלאססען, אבער איהר קענט עוויג בלייבען אין מײַן דארף, זאגאר אין מײַן הויף....

— מײַנע פֿערדארבענע שװינערעלטערען זיינען עהרליכער אונ ארדענטליכער פאר אנדערע — האט דיא בעליידיגטע רחלע רויט װערענדיג געזאגט אונ זיך פון איהר שטוהל אויפגעהויבען — דענק ניט, דאס א יודין, בעססער געזאגט, א זשידאװקע, קען זיך ניט געפינען בעליידיגט....

— איך האבע אײַך ניט בעליידיגט, דען איהר זײַנט קיינע יודין....

— רחל איז שרעקליך בלאסס געװארען, דאך האט זיא זיך גע שטארקט אונ מיט פײַער אויסגערופען:

— איך בין א זשידאװקע אונ װעלל שטארבען א זשידאװקע! װיא מײַן ליעבער געמאהל אונ מײַנע טרייע שװינערעלטערען װעללען זײַן, װעלל איך אויך זײַן, איך בין ניט בעססער פון זייא אונ אײַער דארף, אויך אײַער הויף האט בײַא מיר קיין װערטה....

— זייט ניט זויא אויפגערעגט, פאני ראחעליא, — האט דער חראביע צארטליך געזאגט — זיטצט, איך װעלל אײַך אללעס ערקלערען, װעט איהר מיך בעססער פֿערשטעהען. —

— איך פֿערשטעה אײַך גוט — האט רחלע, אויסער זיך פון צארען געציטערט, אונ זיך געזעטצט אנגעגען איהם — רעדט, װאס איהר װיללט.

— טהייערע ראחעליא! — האט פעסאװסקי מיט א געמאכטער מאראלישער שטיממע אנגעפאנגען — צוא װאס זאללען מיר ריידען פֿערשטעהט? איך װייס אללעס....

— װאס — װייסט — איהר? — האט רחלע געשטאממעלט.

— איך װייס, דאס דוא מײַן טאכטער, שטאממסט פון זעלבען נאציאן װאס איך....

— פון זעלבען הייליגען רעליגיאן.... דײַן מוטטער האט אלס פריילין בײַא מיר געדיענט.... זיא װאר בײַא מיר מיט איינינע מאנאטען

צוריק אונ מיר אללעס ערצאהלט, זאנאר פון אייער אונמאכט.... איך האבע אין מיין יוגענד געגען איהר געזינדיגט, איך האבע געזינדיגט געגען גאטט אונ געגען דער גאנצער מענשהייט, דען איך בין דער פאטער פון דעם אונשולדיגען קינד, וועלכעס זיא האט דאן געבארען... יא, ראחעליא, זיא איז דיין װאהרע מוטטער, וויא איך דיין טרייער װאהרער פאטער!....

רחל װאללט געוויס אין אונמאכט געפאללען, וען זיא װאללט זיך ניט ערמאנערען, דאס איהר געליעבטער געמאהל, אויך איהרע טהייערע שוויגערעלטערן זייגען זויא אונגליקליך אונ זייא װארטען אויף איהר אנטוואָרט.

— איהר געזיכט װאר לייכענבלאסס, איהר קארפער האט קאנוואול־סיש געציטערט, איהרע אויגען זיינען אונבעוועגט אויף איין ארט געשטאנען, זיא האט זאגאר ניט בעמערקט, דאס פעסאווסקי פערשליססט דיא קארידאר טהיר, זיא האט ניט געפיהלט זייגע לײדענשאפטליכע קוססע, ענדליך, האט זיא זיך דאך בעדענקט אונ פערצווייפעלט אויסגעשריען:

— דאס איז איין ניעדערטראכטיגער ליגען! — איהר בײדע שפיעלט מיט מיר א טייפלישע קאמעדיע! דיא פערדארבענע בויערין איז ריכטיג מיין מוטטער, וויא איהר מיין פאטער.... שאדע, וואס איך האבע ניט געהערט מיין טרייען שוויגערפאטער, וועלכער האט מיר פאראויס געזאגט, דאס אויסער בעליידיגונג קען איך פון אייך ניט ערװארטען.... א, איך וויל מעהר מיט אייך ניט ריידען!....

בייא דיא ווארטער איז זיא שנעלל צוגעלאפען צוא דער פער־שלאססענער טהיר. —

— איהר זאללט גלייך עפענען דיא טהיר! — האט רחלע גע־וויטהעט, זעהענד, דאס דיא טהיר איז פערשלאססען — איהר האט ניט דיא ווערטה, דאס דיא טהיר איז פערשלאססען — איהר האט ניט דיא ווערטה, דאס מען זאלל מיט אייך זיין — אין איין פערשלאססענעם צימער!

— איילע זיך ניט, מיין טאכטער, ענטלויף ניט פון דיין זינדיגען אונגליקליכען פאטער — האט פעסאווסקי ווישענד זייגע רויטע פערנאססענע אויגען, געבעטען — איך וועלל דיר עפענען, נאר בעפאר מוזט דוא הערען מיין ראטה אלס פאטער: װארף אוועק דיא פערדארבענע זשידעס מיט זייער פערפלוכטען גלויבען! געה צוריק צום קאטאלישען הייליגען רעליגיאן, וועלכער וועט דיר דיין לעבען פערזיססען! קיינע קינדער האב איך ניט אללעס איז דיינע, אללעס!....

איך

— איך וויל אייערע פאלשע ווערטער אונ ראטה ניט הערען ! — האט רחלע ציטערענדיג מיט אללע גליעדער אויסגעשטאממעלט — עפענט מיט גוטען דיא טהיר, זאנסט וועלל איך דעם גראססטען סקאנדאל מאכען ! דאס דער גאנצער דארף וועט פון דעם סקאנדאל צוא זאמען לויפען !

— היער וועסט דוא איממער בלייבען ! — האט פעסאווסקי בייז ערוויעדערט — קיינער וועט דיין געשרייא ניט הערען.... דוא מוזט דיין וואחרען פאטער געהארכען אונ צוריק געהן צוא דיין היילינען גלויבען !

— רעטעט ! רעטעט ! — האט רחלע מיט אללע קראפטען געשריען אונ גענוממען ברעכען דיא שטארקע טהיר, וועלכע האט זיך ניט גע-ריהרט — רעטעט ! רעט—טעט !

— רוהיג ! — האט דער אלטער שורקע געדאנגערט אונ רחלן פעסט ארומגענוממען — רעספעקט פאר דיין פאטער !

— מיין פאטער ? — האט רחלע ווילד געשריען אונ זיך פון זיינע ארמען געריססען — איהר זיינט מיין מערדער ! איהר זאללט מיך פרייא לאססען !

— דוא וועסט ניט ארויס פון דאנען ! — האט פעסאווסקי, שלע-פענדיג זיין אפפער צוא דער קאנאפע וויא א בלוטגיעריגער טיגער גע-ברוהמט — דא זאללסט דוא ליעגען ! מיינע מוססט דוא ווערען.... מיינע !

רחלע איז קראפטלאז אויף דער קאנאפע געפאללען; דער פרוממער הונד האט איהר ליידענשאפטליך געקושט אונ איהר שטארקער אין זיינע האנד איינגעקלאממערט, אבער רחלע האט זיך באלד בעדענקט, מיט אללע יונגע קראפטען האט זיא געגען דעם ווילדען באנדיט גע-קאמפפט אונ געזיעגט וויא איינע וואהרע העלדין: שנעלל האט זיא זיך פון זיינע ארמען פרייא געמאכט אונ פעסאווסקען זויא שטארק איבער'ן געזיכט געגעבען דאס פון אלטענס רויטע נאז האט בלוט געזעצט וויא פון א געקוילעטען שוויין....

— דעם שליססעל זאללסט דוא מיר געבען, ניעדערטראכטיגער באנדיט ! — האט רחלע וויא איינע פערוואונדעטע לעווין געוויטהעט אונ אבערמאלס אין צווייטען באק געגעבען, דאס עס האט א קלונג געטהון איבערן גאנצען צימער — דעם שליססעל גיב מיר, אלטער שורקע ! ווען ניט, זויא וועסט דוא אונטער מיינע האנד וויא א הונד קראפירען !

— פָאטֶער מֶערְדֶערִין ! — הָאט פעסאווסקי גֶעבְּרוּהמְט אוּנ מִיט בֵּיידֶע הָאנְד זַיין פֶערְבְּלוּטִיגְטֶעס גֶעזִיכְט פֶערְשְׁטֶעלְלְט — אִיךְ וֶועלל דִיר דֶעם שְׁלִיסֶעל נִיט גֶעבֶּען .... עֶרְמָארְדֶע דַיין פָאטֶער !

— דוּא מַיין פָאטֶער ? — הָאט רחלע , אוֹיסֶער זִיךְ פוּן צָארְן , גֶעבְּרוּהמְט אוּנ גֶעשְׁרִיעֶן — אַ פָאטֶער וֶועט זַיין אֵייגֶען קִינְד זוֹיא שֶׁאנְדְלִיךְ אוּנ נִידֶערִיג בֶּעהַאנְדְלֶען ? גֶעמֵיינֶער בֶּעטְרִיגֶער ! אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶער אַלְטֶער הוּנְד !

— זָאלל זַיין אִיךְ בִּין נִיט דַיין פָאטֶער , אָבֶער אִיךְ שְׁוֶוארֶע דִיר בַּייא אַללֶעס וָואס הֵיילִיג אִיז , דָאס דִיא בּוֹיעֶרִין אִיז דַיין וַואהרֶע מוּטֶער ... אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶענַארְט , אוּם אִיךְ זָאלל שְׁנֶעללֶער דַיין הֶערְץ גֶעווִינֶען , דֶען פוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער מִינוּט אָן זַייט אִיךְ הָאבּ דִיךְ אִין שֶׁענְק גֶעזֶעהֶען , בִּין אִיךְ אוּיס מֶענְשׁ גֶעוָוארֶען , מַיין הֶערְץ וֶוערְד פֶערְבְּרֶענְט פוּן לִיעבֶּע , אָהְן דִיר , הָאט מַיין לֶעבֶּען קֵיין וֶוערְטְה ....

— גֶעמֵיינֶער אַלְטֶער לוּמְפּ ! — הָאט רחלע אוֹיסְגֶערוּפֶען — הֶערְשְׁט מִיט אֵייניגֶע מִינוּטֶען צוּרִיק הָאסְט דוּא זִיךְ אַלְס מַיין פָאטֶער פָאר־גֶעשְׁטֶעלְלְט אוּנ יֶעטְצְט עֶרְקְלֶערְסְט דוּא אַ פֶערְהֵייַראטֶע פְרוֹיא דַיין שֶׁאנְ־דְלִיכֶע לֵיידֶענְשַׁאפְטְלִיכֶע לִיעבֶּע ? גִיבּ מִיר דֶעם שְׁלִיסֶעל אוֹיבּ דוּא ווִיללְסְט נִיט בֶּעצָאהלֶען מִיט דַיין זִינְדִיגֶעם לֶעבֶּען !

בַּייא דִיא וֶוארְטֶער הָאט זִיא אִיהם אָבֶּערְמַאלְס אַ פַייֶערִיגֶען פַּאטְשׁ גֶעגֶעבֶּען אוּנ פֶערְאֶכְטְלִיךְ גֶעשְׁמֵייכֶעלְט .

— דָא הָאסְט דוּא אַ אַנְטְוָוארְט אוֹיף דַיין פַייֶערִיגֶע לִיעבֶּע ! דֶעם שְׁלִיסֶעל זָאללְסְט דוּא מִיר גְלַייךְ גֶעבֶּען , אָ דוּא אַלְטֶער טַייפֶעל !

— וַוארְט , מֶערְדֶערִין . אִיךְ וֶועלל דִיר גֶעבֶּען — הָאט פעסאווסקי , ווִישֶׁענְדִיג זַיין פֶערְבְּלוּטִיגְטֶעס גֶעזִיכְט , שְׁטִיל גֶעבֶּעטֶען — דָא הָאסְט דוּא דֶעם שְׁלִיסֶעל .

רחלע הָאט בַּייא אִיהם דֶעם שְׁלִיסֶעל גֶענוּמֶען אוּנ גֶעלָאפֶען אוֹיפְשְׁלִיסֶען דִיא טְהִיר , צוּם אוּנְגְלִיק , הָאט אִיהר דֶער שׁוּרְקֶע גֶענַארְט אוּנ אִיהר דֶעם צְווֵייטֶען שְׁלִיסֶעל פוּן דֶער אַייזֶערְנֶער טְהִיר גֶע־גֶעבֶּען ....

— זָאללְסְט מִיר דֶעם שְׁלִיסֶעל פוּן קַארִידָאר טְהִיר גֶעבֶּען ! — הָאט רחלע גֶעדָאנֶערְט — דוּא הָאסְט מִיךְ אָבֶּערְמַאלְס בֶּעשְׁווִינְדֶעלְט , אָבְּשֵׁייליכֶער שׁוּפְט !

— דוא וועסט וויא א צווייג קראפירען ! — האט פעסאוסקי , וועלכען האט אין דער צייט א שטוהל געהאפט צארענדיג אויסגערופען — קום גיכער אהער ניעדערטראכטיגע זשידאווקע , דיין טויט וועט באלד זיין !

רחלע איז ארוים פון געדולדט אונ אונטער דעם שטוהל געלאפען , מיט וועלכער דער אלטער באנדיט האט איהר זויא שטארק איבערן קאפ געגעבען , דאס דיא אונגליקליכע איז קראפטלאז אויף דער דיעלע (פאדלאגע) געפאללען . —

— וויא א טיגער האט זיך דער שורקע אויף זיין אפפער געווארפען , פערגעססען האט ער אין דיא קלאפ , דיא ליידענשאפט האט איהם דיערענדע קרעפטען געגעבען , וויא מיט אייזערנע צוואנגען האט ער זיין אפפער איינגעקלאממערט , פערגעססען האט ער אין דיא פעטש , אין דער גאנצער וועלט אונ מיט דער גרעסטער ליידענשאפט האט ער דער אבעשוואכטער רחלן געקושט , וועלכע האט זיך מיט איהרע לעטצטע קרעפטען וויא א שלאנג געווארפען אונ געפיהלט , דאס דיא קרעפטע ענטלאססען איהר , אונ דער באנדיט וועט דעם מאל זיעגען . . .

— איך ליעבע דיך ! — האט דער שורקע געקייכט אונ זיינע העסליכע בלוטיגע ליפפען צוא רחלם צוגעלייגט , וואהרענד מיט זיינע ציטערענדע האנד האט ער א שאנדליכען מיטטעל געזוכט , וויא צוא שטיללען זיין ניעדערטראכטיגע ליידענשאפט . . . . — מיינע מוססט דוא ווערען !

3.

דער אלטער שארלאטאן .

— פראניק ! פראניק ! — האט געשריען פעסאווסקים הויז־ווירטהען , א דיקע ניעדעריגע פרויא — מען קלינגט אין קארידאר , געה גיכער עפען ;

פראניק איז שנעלל אין קארידאר געלאפען אונ אויפגעשלאססען דיא טהיר .

— איהר זיינט עס בענציא ? — האט פראניק , ערזעהענדיג

דעם בלאסען בנציונעו ערשראקען געפרעגט — וואס פערלאנגט איהר ?

— איך וויל זעהען מיין פרויא ! — האט בנציון ציטערענדיג גיענטפערט אונ געווישט דעם שוויים פון שטערען — איך בין זעהר אונרוהיג .... וואס זיטצט זיא דארט אזויא לאנג ?

— זיא איז אין חראביעס קאבינעט — האט פראניק שטילל געזאגט — איך קען אייך אהין ניט אריינלאזען , ווייל צוליעב דעם קען איך מיין ברויט פערלירען .

— איך מוז אבער אהין געהן ! — האט בנציון נאך אונרוהיגער ערוויעדערט — קיין זאך וועט מיך ניט אבהאלטען , מיין הערץ שרעקט זיך זעהר ....

— זייט רוהיג , בענציא , עס וועט מיט איהר קיין שלעכטעס גע- שעהן , געוויס האט זיך דער פאן חראביע מיט איהר זייער פעררעדט ....

— ניין , פראניק ! — האט בנציון ווילד אויסגערופען אונ מיט גע- וואלד איז ער אריין אין קארידאר — פיהר מיך גיכער , גלייך אין קאבינעט !

— איך קען ניט ... דוא וועסט מיך אונגליקליך מאכען ! איך האב א בעפעהל ....

פראניק האט קיין צייט ניט געהאט צוא ענדיגען זיינע ווערטער , ווייל פלוטצלונג האט זיך געהערט א יאממערליכע פערדומפענע שטיממע .

— דוא—הערסט ? — האט בנציון ציטערענדיג מיט אללע גליעדער געשטאממעלט — פיהר מיך אין קאבינעט , אלטער שוהקע , דען איך וועלל דיך וויא א הונד דער שטיקען !

— אונמעגליך .... — האט פראניק געציטערט אונ בנציונען דעם וועג פערשטעללט .

— אונמעגליך זאגסט דוא , באנדיט ! — האט בנציון געדאנערט אונ פראניקען אזא וואָרף געטהון , דאס ער האט זיך דרייא מאל איבער- געקערט — איך וועלל אלליין געהן , ווייל אויף דיין גיעדערטראכטיגען פאן איז אללעס צוא גלויבען ...

— וויא א ערשראקענער הירש , איז בנציון אין לאנגען קארידאר געלאפען אונ זיך אייניגע מאל אבגעשטעללט , דען ער האט אבערמאלס געהערט פון צווייטען פינסטערען קארידאר א פערצווייפעלטע שטיממע

און אין איינינע מינוטען ארום וואר ער ניט ווייט פון צימער, וואו רחלע האט זיך געראנגעלט מיט דעם אלטען באנדיט און עס האט זיך געהערט דיא פערצווייפעלטע פערדומפענע ווארטער: רעטעט! רעטעט!

— עפענט דיא טהיר! — האט בנציון געדאנגערט — עפענט, דען איך ברעך אוים דיא טהיר!..

אנשטאדט איין אנטווארט, האט זיך ווייטער געהערט א יאמערליכע שוואכע פרויענשטימע און דער אונגליקליכער בנציון האט ערקענט זיין רחלעס שטימע...

מיט ריערענדע קראפטען האט ער זיך אויף דער פעסטער טהיר געווארפען, וועלכע האט געקרעכצעט אונטער זיינע האנד און צוויי איינינע מינוט וואר זיא אפען....

א שרעקליכע שוידערהאפטע סצענע האט זיך פאר זיינע אויגען פארגעשטעללט: רחלע איז געלעגען אויף דעם פלאר אין זעהר איין אונאויסדריקליכע פוזע.... מיט איהרע לעטצטע קראפטען האט זיא געקאמפפט פאר איהר עהרע. איהר קארפער האט זיך וויא א שלאנג געווארפען, געביסען, געריסען, האט זיא איהר שרעקליכען פיינד, וועלכער האט קיין זאך געפיהלט און זיך בענאססען מיט שוויים, צערריסען זיין אפפערם קלייד אום צוא זיין שענדליכע ליידענשאפט אויסצופיהרען...:

איינינע מינוטען איז דער אונגליקליכער מאן וויא א סטאטוע געשטאנען, און פלוטצלונג האט ער זיך וויא א גערייצטער לייב אויף דעם ניעדערטרעכטיגען אלטען געווארפען, וועלכען ער האט אהנע פערשטאנד הונדערטער פויסטען איבערן קאפ, איבערן געזיכט געגעבען; זיין האנד איז וויא מיט א עלעקטערישע קראפט איבער פעסאווסקעס פערבלוטיגטען קאפ געשוועבט, און ווען ער וואללט זיך ניט עראינגערען אן זיין געליעבטער רחלן, וועלכע איז קראפטלאז אויף דער דיעלע געלעגען, וואללט ער געוויס דעם געמיינעם לומפ צום טויט געשלאגען.

— מיין בנציון! מיין רעטער! מיין לעבען! — האט רחלע, אין איינינע מינוטען ארום, געיאממערט און איהר היים געליעבטען געמאהל צוא איהר קלאפענדעם הערץ געדריקט — האב מיטלייד, גענוג, דוא וועסט איהם ערמארדען און אויף אונז אללע דעם גרעסטען אונגליק ברענגען, גיכער פיהר מיך אהיים!

— פערפלוכטער באנדיט! — האט בנציון געקייכט און זיין

בלאסער פרויא פון דער דיעלע אויפגעהויבען — דיא שטראפע איז פאר דיר צו קליין! וויא א הונד זאללסט דו קראפירען! בלוט, פאר בלוט!

ביי דיא ווערטער האט ער זיך אבערמאלס וויא א וואנזיניגער אויף דער אונמאכטען חראביע געווארפען, און איהם אהנע מיטלייד מיט דיא פיסס געטרעטען

— בנציון, מיין לעבען, מיין זעעלע! בעדענק זיך דו מאכסט אונז אונגליקליך! — האט רחלע פערצווייפעלט געשריען און איהר געררייצטען געמאהל פעסט ארומגענומען — בעדענק זיך, אללעס איז יעטצט אין דיינע האנד!....

— קום — האט בנציון וויא א פערוואונדערטער טהיער געברוהמט — וואו איז דער שליססעל? איך מוז צוריק דאס צימער פערשליססען...

— אין פעסאווסקעס בוזעם-טאש — האט רחלע שרעקליך געציטערט.

בנציון האט זיין ציטערענדע האנד אין פעסאווסקעס בוזעם-טאש געשטעקט, פון וועלבען ער האט ארויסגענומען א שליססעל, מיט גאנצע פינף הונדערטער.

— זאללסט דאס געלד צוריקלייגען! — האט רחלע פערצווייפעלט געשריען — זאנסט ווערט מען אונז בעשולדיגען, דאס מיר האבען דעם באנדיט בערויבט!..

— דאס איז אונזערע בלוטיגע געלד! — האט דער צושטרייטער בנציון הייזעריג געזאגט — זויא וויא זויא וועללען מיר זיך ניט פאר דעם אונגליק פערהיטען, מיר מוזען גלייך ענטלויפען און דאס געלד ווערט אונז פיעל נוטצען ברייגגען....

בנציון האט דאס צימער פערשלאססען, און דעם שליססעל צו זיך גענומען און ענטלאפען מיט רחלן פון שרעקליכען צימער, וואו אהן א צייכען פון לעבען איז געלעגען דער אלטער שארלאטאן

4.

פליהט, פעדערען, פליהט!

דיא ליווקער קרעטשמע איז פולל געפאקט מיט בעטרונקענע בויערען, וועלכע זינגען, שרייען, אונ א געדיכטער רויך אונ איבערן גאנצען צימער.

— עזרא! — האט דיא אונרוהיגע שרה צו איהר מאן געזאגט, וועלכער איז ביים שענק-טיש געשטאנען — שוין פיער שטונדען זיינען דיא קינדער אין הויף, גאט ווייס, וואס דארט האט פאססירט.... מיין הערץ שרעקט זיך מיר זעהר, הלוואי זאלל איך ליגען זאגען. —

— זייא קיין נארר, שרה, — האט דער פערטראכטער עזרא מיט א געמאכטער רוהיגער שטימע געענטפערט — דאס איז איין פאלשער פארגעפיהל, אין וועלכען קלוגע מענשען דארפען ניט גלויבען, פערגעס ניט, דאס היינט איז זאנטאג, געוויס געפינען זיך דארט פיעל געסט, צוליעב וועלכע פעסאווסקי קען זייא זויא גיך ניט עמפפאנגען. מיר וועללען ווארטען נאך איין שטונדע, בעזאנדערס, וואס קענען מיר דער צו העלפען?

— מיין ראטה איז, זאללסט געהן צו ברוך דעם וואכטער, נאך א פערד אונ פאהרען אין הויף. —

— איך קען דיך ניט איבערלאזען אלליין מיט אזויא פיעל בויערען, מיר וועללען ווארטען נאך א האלבע שטונדע.

— דער ווירטה מיט דער ווירטהען זיינען געקוממען! — האט געזאגט זייער דיענסט, וועלכע איז אין דער מינוט געקוממען פון גאסס.

באלד זיינען דיא יונגע פאאר פאלק, אריינגעקוממען אין שענק.

— בנציון! רחלע! — האט עזרא מיט שרהן אין איין שטימם אויסגעשריען — וואס זיינט איהר זויא בלאסס? וואס זאללען בעדייטען אייערע טרעהרען? וואס איז געשעהען?

— ענטלויפען! — האט בנציון געשטאממעלט — מיר מוזען דיא מינוט ענטלויפען זאנסט....

— וואס רעדסט דוא, מיין קינד? — האט עזרא ערשראקען גע-

פרעגט — וואוהין זאללען מיר ענטלויפען ? ווארום ? וועלכע זינדען זיינען מיר בעגאנגען ?

— פרעגט ניט פיעל — האט בנציון געציטערט — דיא צייט איז קורץ....

— ווילסט דוא מיר, מיין זאהן, ניט ערקלערען, וואס דיינע ווארטער בעדייטען ? — האט עזרא אונרוהיג ערוויעדערט — האסט דוא, בעהיטע גאטט, דעם חראביע בעליידיגט ?

— נאך ערגער וויא בעליידיגט.... האט רחלע, ציטערענדיג מיט אללע גליעדער, זיך אבגערופען — דער אלטער הונד האט געגען מיר וויא א ניעדערטראכטיגער באנדיט געהאנדעלט אונ ווען ניט בנציון, גאטט וויים, וואס עס וואללט געוועזן... ער האט מיך פון זיינע טיגערישע האנד גערעטעט, אבער פון צארען האט ער איהם פאסט צום טויט געשלאגען אונ פון דעם אונמאכטען פעסאווקעס טאש פינף הונדערט רובעל ארויסגענוממען, וועלכעס קען אונז אונגליקליך מאכען....

— גזלן ! וואס האסט דוא געטהון ? האט דער אלטער עזרא ברעכענדיג זיינע האנד, פערצווייפעלט געשריען — וואס וועללען מיר יעטצט טהון ? וואוהין געהט מען ? וואוהין זאללען מיר ענטלויפען ?

— אללמעכטיגער גאטט ! — האט שרה געיאממערט — וואס וועט ווערען פון אונז ? א, גאטט, שיק דיין הילף דיינע אונגליקליכע קינדער !

— ענטלויפען ! ענטלויפען ! — האט דער צושטרייעטער בנציון ווילד אויסגערופען — איך האב אנדערש ניט געקענט אונ געמוזט רעטטען מיין ליעבער פרויא פון דעם גיערינגען וואלפס צאהנער.... איך האב געמוזט רעטען איהר עהרע !

— אבער דאס געלד ? — האט עזרא וויא א קליין קינד געוויינט — מען וועט דאך אונז בעשולדיגען !...

— איך האב איין מאל מיין ראטה געזאגט — האט דער אונגליקליכער בנציון קוים ארויסגערעדט — ענטלויפען, מיר מוזען דיא מינוט ענטלויפען !

— ענטלויפען וויא געמיינע ניעדערטראכטיגע רויבער ? — האט עזרא ביטער ערוויעדערט — מען זאלל זאגען, דאס מיר האבען דעם חראביע ערמארדעט אונ זיין געלד גערויבט, צוליעב וועלכען דער גאנצער כלל ישראל וועט ליידען ? ניין, דאס וועלל איך ניט טהון ! וויא גאטט וועט

מיט אונז פיהרען אזויא ווערט זיין, אבער זיין היילינען נאמען וויל איך ניט בעשמוטצען.

— בנציא! בענציא! (בנציון) — האבען איינינע בויערען אויסגערופען — זעה נאר, וויא פון הויף לויפען אהער אללע ארבייטער מיט שטעקענס, האלצער, אונ מיט שטיקער אייזען, וואס זאלל עס בעדייטען?

עזרא, שרה, אונ אויך בנציון מיט רחלן זיינען לייבענבלאסס געוואָרען.

— בנציון, מיין זעעלע, מיין שיטצער! — האט רחלע, זיך ארויפווארפענדיג אויף איהר בלאססען געמאהל, געזאממערט — ענטלויף, דען איך וועלל עס ניט אריבערטראגען!

— ענטלויף, אונגליקליכער! — האט עזרא מיט שרהן פערצווייפעלט אויסגעשריען.

— איך וועלל ניט ענטלויפען! — האט בנציון מיט א הערצברייסענדער שטיממע גיענטפערט — איך וועלל ניט איבערלאססען אין אזא שרעקליכער לאגע! איך....

בנציון האט זיינע ווערטער ניט גיענדיגט, דען פלוטצלונג זיינען שטיינער וויא האגעל, אין דיא פענסטער געפלויגען אונ פיעל ווילדע הייזעריגע שטיממען האבען געשריען:

— ביעטע זשידאוו! (שלאגט דיא יודען!) טויט אויך דיא פערפלוכטע זשידעס! זייא האבען אונזער חראביע ערמארדעט! זיין געלד געראויבט!

— מערדער! בעטריגער! ניעדערטראכטיגע אונגלויבער! — האבען אנדערע בעזויפטע בויערען געדאנערט — איהר האט אונז בעראויבט! אונזער געלד איז בייא אייך, געמיינע זשידעס, געבליעבען! וויא דיא הינד זאללט איהר קראפירען!

בענאהע הונדערט געדייצטע בויערען זיינען מיט א וואוטה געשרייא אריין אין שענק; וויא ווילדע טהיערע האבען זייא זיך אויף דיא שוטצלאזע שוואכע מענשען געווארפען; דער אלטער עזרא, אויך שרה האבען זייער בלוט גיזעהן, אויסער דער פערצווייפעלטער בנציון, וועלכער האט בייא א בויער א שטיק אייזען ארויסגעריססען, האט זיך וויא א פערוואונדעטער לייב אויף זיין פיינד געווארפען, געשניטען געשלאגען האט ער פון אללע זייטען פיעל בויערען זיינען וויא דיא פליגען געפאללען, ענדליך, האבען איהם זיינע קרעפטען ענטלאססען, דען איינינע בויערען האבען איהם שטארק איבערן קאפ געגעבען אונ מיט א הערצרייסענדען געשרייא איז ער אויף דער דיעלע געפאללען, באדענדיג זיך אין זיין הייסען בלוט.

טרינקט (די יו״צ ח״ד)

— טרינקט, ברידער! האבען פיעל בעזויפטע בויערען געשריען און ארויס געלאזט דיא קראגען פון דיא פאססער — גענומט פלאשער ספירט, ביער, וויין, הײנט איז א פרעהליכער טאג, טרינקט! אללעס איז אונזערע! קיין געלד וועט מען בייא אונז ניט פאדערען!

וויא גיעריגע וואלף זיינען דיא בויערען זייער בעליעבטען געטראנק בעפאללען. געטרונקען, געשריען, ביז זייא האבען זייער פערשטאנד פערלארען און שרעקליך ווילד געווארען.

טויט דיא זשידעס! צובּרעכט, צורייסט, פערניכטעט אללעס! — האבען פיעל שכורע בויערען געוויטהעט — דאס ווירטשאפט, דיא טישען, דיא שטוהלען, דיא פלאשער, אללעס, אללעס!...

— פאליציע איז געקוממען! — האבען אנדערע הײזעריגע שטיממען געשריען.

— וואס גערט אונז אן דיא פאליציע! — האבען פיעל גערייצטע בויערין אויסגערופען — טויט אויף דיא פערפלוכטע באנדיטען! קראפירען זאללען אללע זשידעס!

— א שרעקליכער קראך האט זיך אין דער מינוט געהערט: הונדערטער פלאשער, שטיקער טישען, שטוהלען, בעטטען, שפיגלען, גלאזער, האבען געקנאקט און געקראכט; וויא א געדיכטער שנעע זיינען דיא פעדערען פון בעטטגעוואנט אין דער לופט געפלויגען; דיא איניגע פאליצלייטע האבען וועניג געהאלפען; ווילד וויא דיא אינדיאנער וואַרען דיא בעטרונקענע און בעזויפטע בויערען און האבע געבראכען אללעס, וואס אין זייערע פערבלוטיגטע האנד איז געקוממען.

אין צווייא שטונדען ארום, אלס פון שטאדטעל איז נאך פאליצלייט געקוממען, האט מען דיא אונגליקליכע האלב טויטע יודישע פאמיליע אויף א וואגען געלייגט און מיא האט זייא אוועק געפיהרט נאך ראטענגראד.

גאנץ לאנג האבען דיא ווילדע בויערען געשריען, געבראכען; גאנץ הויך זיינען דיא פעדערען געפלויגען, ביז זייא זיינען אין דער לופט פערשוואונדען....

1

פליהט, פעדערען, פליהט,
פאללט צוא גאטטעס טראהן,
גיעבט אב אגרוסס פון איד,
פון זיין ערוויילטען זאהן....

(די יו"צ ח"ד)

ערצאהלט

2

ערצאהלט , פעדערלאך מיינע ,
וויא גוט עס איז דעם איד ,
ערצאהלט פון דיא גליקען זיינע ,
פליהט , פעדערען , פליהט ! ......

- - - - - - - - - - - - - -

5.

אהן א צייכען פון לעבען .

העררר רויבס צירק שטעהט שוין איינינע וואכען אין דער פאלנישער שטאדט ליבנארייא . ליידער , האט ער גאנץ וועניג בעזוכער , ווייל דער גאנצער צירק בעשטעהט פון איינינע לומפפינע אקראבאטען עטליכע אבגעלעבטע באלעטניצעס , פיער אלטע מאגערע פערד , אונ באלד ביא דער ערשטער פארשטעלונג האט איהם דאס פובליקום אויסגעפייפט .

זעהר טרויעריג איז דער צירק דירעקטאר , העררר רויב : ער האט שוין מעהר שולדען געמאכט , וויפיעל דער גאנצער צירק בעטרעפט אונ זיין צארען לאססט ער אויס צום פלאשעל , וויא אויך צוא זיינע צירק—מענשען , וועלכע ער זידעלט , אונ פלוכט אונ שלאגט אונער־בארימליך .

רויבס צירק איז א רונדע געביידע , צונאנד געשלאגען פון צוּ־בראכענע פערפוילטע ברעטער אונ דער דאך איז אויס לאכעדיגע לייווינט געמאכט , זעלבסט פערשטאנדליך , דאס דער רעגען נאר דארט א אפטער גאסט אונ ניט איין מאל זיינען דיא צירק־בעזוכער געווארען אויסגעוויקט וויא דיא האנער . . . .

אין א שאנעם פריהמארגען , זעהען מיר שטעהן העררן רויב אין מיטטען צירק אונ עקזאמענירט זיינע ארטיסטען , זיינע פיער דעסירטע דרייסיג־יאהריגע פערד , דען אין דעם אבענד האט בעדארפט זיין

„א וואונדערבארע זעלטענע פארשטעללונג" וויא ער האט אין זיינע א פישען געשריעבען.

הערר רויבס אויגען זיינען פערגאססען, פון זיין מויל הערט זיך דער געריך פון ביטערען טראפפען.... מיט זיין לאנגער בייטש קנאלט ער אונ קנאקט, פאר וועלכען דיא טהייערע פערד שרעקען זיך וועניג.

אויף א פאאר מאגערע הויכע פערד, זיטצען צוויא העסליכע פרויען, וועלכע דער דירעקטאר פלוכט אונ טאדעלט, אונ אבי-טענד, דאס זייא זייען שוין גאנץ שוואכע אויסגעמאטערטע זקנות.... (אלטע).

— לינקס! רעכטס! פארווערטס! — האט רויב קאמאנדירט — גאלאפ! מארש! האפליא דורך דיא רייפען! שפרינג אראפ פון דיא פערד!

ביידע זקנות זיינען וויא טראגענדיגע ציעגען געשפרונגען; דיא ערשטע איז געפאללען, דיא צווייטע האט זיך איבערגעקערט אונ צוקלאפט דיא נאז.... דיא שאנע דעסירטע פערד האבען זיך קוים גערירט, אונ דיא איבעריגע ארטיסטען האבען זיך שרעקליך צולאכט, וועלכעס האט דעם דירעקטאר נאך מעהר אויפגערעגט.

— אלטע הינד! אומזיסטע פרעססער! אויסוואורפען! פוילע בעסטיעס! — האט רויב געקייכט — עס וואללט שוין צייט געווען איהר זאללט רייטען מיט דעם מלאך המות! איך קען שטאלצירען מיט מיינע ארטיסטען.... אזעלכע קינסטלער געפינט מען ניט אין גרעסטען צירק....

— וואס זיינען מיר שולדיג? — האבען זיך ביידע אלטע פער-ענטפערט — דיא פערד לויפען וויא דיא אכסען; זייא האבען שוין צוויא טאג ניט געגעססען....

— אונ איהר רייט וויא זיעבציגיאהריגע נבלות.... אונ עס איז קיין וואונדער: איהר וואללט שוין אייגענטליך זיך בעדארפט אברוהען אין א אנשטאלט פיר אלטע, אדער זיטצען ביי א קלויסטער אונ בעטען אלמאזען.... (נדבות) שוין גענוג געריטען!......

— חא! חא! חא! — האבען אללע, זיך האלטענדיג ביי דיא זייטען, אין א געלעכטער אויסגעבראכען, וואהרענד אין דיא אונגליקליכע זקנות אויגען האבען זיך טרעהרען געשטעללט — דעד הערר דירעקטאר האט רעכט, מען דארף זייא שיקען רייטען אויף יענער וועלט....

בעצאלט (די יו"צ ח"ד)

— בעצאהלט אונז פאר איין יאהר געהאלט, וועללען מיר אייער צירק פערלאססען — האבען ביידע בעליידיגטע ארטיסטקעס מיט טרעהרען געזאגט — מיר וועלען אין אללע צייטען קריגען א בעסערע שטעללע....

— דיא בעסטע שטעללע וואללט פאר אייך זיין דער גראב... — האט רויב גיפטיג געשמייכעלט — דארט וועט מען פערשטעהן צו שאטצען אייער טאלאנט אונ דיא ווארעם וועללען אייך אפלאדירען.... נאר גענוג שוין צו ריידען, הע יאהאן! רוף אהער דעם יונגלינג קאררא!

באלד האט זיך א זייטיגע טהיר גיעפענט אונ א געזונטער הויכער קערעל האט אריינגעפיהרט א זעכס יאהריגען קנאבע, וועלכער נאר האלב נאקעט געקליידעט, זיין געזיכט — שרעקליך בלאסס, זיין אויסגעצערטער קארפער האט וויא א בלאטט געציטערט אונ אין זיינע גרויסע שווארצע אויגען זיינען טרעהרען געשטאנען.

— וואס קלאגסט דו, ממזר! — האט רויב בייז געזאגט — האסט דו היינט ניט געפרעססען?

— איך האב געגעסען א שטיקעלע ברויט.... — האט דאס אונשולדיגע ארעמעס קינד, שלינגענדיג זיינע טרעהרען גיענטפערט — איך וויל צו דער מוטטער ראחיל!

— שווייג, פערפלוכטער ציגיינער! — האט דער הערצלאזער רויב געדאנערט אונ מיט זיין בייטש זויא שטארק דעם אונגליקליכען קינד איבער דיא פלייצעס געגעבען, דאס עס האט זיך געוויזען א בלויער צייכען אויף זיין צארטען נאקעטען קארפער — איך וועלל דיך וויא א הונד ערשטיקען, ווענן דו וועסט נאך איין מאל דיא ווארטער זאגען! הערסט?

— איך וועלל שוין מעהר ניט — האט דאס קינד געיאממערט אונ פון שמערצען זיך אויף דער ערד געווארפען — א, פאטער רויב, מעהר ניט!

— שטעה אויף, אויסוואורף! — האט רויב ערוויעדערט — שטעלל זיך גיכער, אויף דיא האנד, נאר דיא פיסס זאלסטו האלטען גלייך!

דאס ערשראקענע קינד האט זיך אויף זיינע עדלע ציטערענדע האנטעלאך געשטעללט, דיא פיססלאך האט ער אזויא וויא א סטרונע אויסגעצויגען אונ דאס גאנצע בלוט איז איהם אין בלאססען געזיכט געקוממען.

— איינס, צוויא, דרייא! — האט רויב געצאהלט — געה אויף דיא האנד! ניט געריהרט דיא פיסס!

קאררא האט קוים איין שריט געמאכט אונ צום אונגליק זיך איבערגעקערט.

— דאננערוועטטער! — האט רויב געברוהמט אונ אבערמאלס דעם קינד אונגערבארימליך מיט זיין בייטש געשלאגען — ער וואקסט א קינסטלער וויא דיא צוויא אלטע ציעגען..... זאללסט זיך צוויא מאל אין דער לופט איבערקערען, הערסט ממזר!

מיט אללע קראפטען האט דאס ארעמע קינד א האסטיגען שפרונג געטהון, צום אונגליק, איז ער געפאללען מיט דעם געזיכט צוא דער ערד אונ בלוט האט וויא א שטראם געגאסען פון זיין נאז אונ מויל.

— א שאנער ארטיסט — האט דער כאראקטערלאזער דירעקטאר געלאכט אונ דעם קינדס אויערען זויא שטארק געדרעהט, דאס דער אונגליקליכער קנאבע איז פון שמערצען אין דער הויך געשפרונגען אונ שרעקליך געיאממערט — שטעלל זיך אויף יאהאנס אקסעל אונ שפרינג דורך דיא רייפען!

דאס שוואכע קינד איז שנעלל ארויף אויף דעם געזונטען יאהאנס אקסעל אונ געשיקט דורך דיא רייפען געשפרונגען, אבער לייזער, האבען איהם זיינע קראפטען ענטלאססען אונ ער איז וויא א שטיק בלייא אויף דעם וויכען זאמד געפאללען.

— ארויף אויף דעם שטריק! — האט רויב אויסער זיך פון צארען געשריען — אבער דוא זאללסט געהן מיט זיכערע טריטט, אונ ווען דוא וועסט אראבפאללען, ז. יא וועלל איך דיך צום טויט פערשמייסען.... איינס, צוויא, דרייא!

דאס מיעדע פערבלוטיגטע קינד איז ארויף אויף דעם שטריק, צום בעדויערען, האט ער ניט געהאפט דיא גלייכע וואג אונ איז גלייך אראבגעפאללען.

— פיהרט אריין דעם יונגען געפלעקטען! — האט רויב שטרענג בעפאהלען — געדענק, טויגעניכטס, ווען דוא וועסט ניט רייטען, וויא איך וועלל דיר בעפאהלען, דאן וועסט דוא ביי מיר קרא-פירען!

באלד האט מען אריינגעפיהרט „דעם יונגען געפלעקטען פערד", וועלכער וואר עטוואס יונגער פאר זיין פרינציפאל, אבער פיעל מאגערער....

— מאַרש אויף דעם פערד! — האָט דער בעזויפטער דירעקטאָר הייזעריג געשריען און מיט זיין לאַנגער בייטש א שטאַרקען קנאַק געטהון — שנעלל, אבשייליכע קאַנאַליאַ!

דאס מיעדע קינד האט מיט איין האנטעל דעם פערדס גריווע גענומען, מיט דער צווייטער דאס ציימעל און געמאַכט א שלייף, אין וועלכען ער האט זיין פיסעלע אַריינגעזעטצט און געוואָללט ארויף אויפ'ן פערד, אבער „דער געפלעקטער", וועלכער האט זיך ערשראָקען פאַר זיין נוטען ווירטס בייטש, האט גענומען לויפען איבערן צירק און מיט געשלעפט דעם מיעדען קנאבע, וועלכער איז מיט פיעלע שוועריגקייטען קוים אַרויף אויף דעם געפלעקטען און געבליעבען זיטצען ווי א איין סטאַטוע.

זיין הערצעלע, זיינע ווייסע ציינדעלאך, האבען געקלאַפט זיין בלאַסעם געזיכט וואַר פערבלוטיגט און זיין קאָרפער האט פיבערליך געציטערט.

— שטעלל זיך געראָטענער רייטער! — האט רויב מיט א טייפלישען געלעכטער געזאָגט — שפרינג דורך דיא פאַפירענע רייפען, נאָר פאַלל ניט אַראָפ פון געפלעקטען, וועלכער וועט דיך ווי א וואַנץ צוטרעטען....

— איך האב מורא! — האט דאס קינד געיאָמערט — איך וועלל זיך ברעכען, איך וועלל דעם קאָפ נעהמען צווישען ביידע פיסס, איך וועלל זיך איבערקערען פיער מאָל אין דער לופט, איך וועלל געהן אויף דעם שטריק, אבער רייטען שטעהענדיג קען איך ניט... איך....

— שטילל, אונפערשעמטער ציגיינער! — האט רויב געוויטהעט און ניט געלאָזט דעם קינד ענדיגען זיינע וואָרטער — אַראָפ פון פערד! ציהט איהם אַרויף מיט דעם שטריק ביז צום שפיץ פון צירק און דאָרט זאָלל ער ביי דיא פיסס צעהן מינוט הענגען!

דער קראַפטיגער יאהאן האט דאס אונגליקליכע קינד ביי דיא וואַנקענדע פיסלאַך גענומען, וועלכע ער האט מיט א דיקען שטריק אַרומגעוויקעלט, און באַלד האט דער אָרעמער קנאַבע גאַנץ הויך ביי דיא פיסלאַך געהאַנגען, דאס ער האט אויסגעזעהען ווי א קליינע פילקע (באַל).

— איך-וועלל-רייטען-איך - וועלל - שפרינגען! — האט דאס קינד מיט א פערדומפענער שטימע געיאָמערט — עס-וואָרגט-מיך! איך-ווער-דער-שטיקט!

לאסט

די יו״צ ח״ד)

— לאסט איהם אראפ ! — האט רויב באז געשריען אונ גלייכגילטיג געקוקט, וויא פון קינדס מויל זעטצט בלוט, וויא פון א פאנטאן . . . .

אבערמאלס איז דאס קראפטלאזע לייבענבלאססע קינד ארויף אויף דעם „יונגען געפלעקטען״, אונ קוים איז ער געשפרונגען דורך דער ערשטער רייף, איז ער מיט אהערצרייסענדען געשרייא אויף דעם זאמד געפאללען אונ געבליעבען ליעגען אהן א צייכען פון לעבען.

6.

מיטלייד בייא א וואלף.

עס וואר פיער אוהר נאך מיטטאג, שטילל, רוהיג, איז אין טורנאוועקער שלאסס; אללע ארבייטער זיינען אין פעלד; לעאן לעווינשטיין מיט זיין פרויא, אונ אויך זיין ברודער זימאן מיט מלכהן אונ בעריש סאקאלאווסקי, וועלכער איז מיט א שטונדע צוריק נאך טורנאוועקע געקוממען, זיטצען אין א ליכטיגען שאנעם זאלל אונ זיינען פערטיעפט אין א אינטערעסאנטען געשפרעך:

— עס פרייד מיך זעהר, וואס שארלאטא איז זויא גליקליך, — האט מלכה געזאגט — זיא האט נעביך גענוג געליטען פון איהר געוועזענעם געמאהל, דעם פערדאמטען באנדיט, וועלכער האט אונז אללע זויא פיעל אונגליק פערארזאכט. איך בין זעהר נייגעריג צוא וויסען, וואס שרייבט שיינע? ווען איז זיא געקוממען פון לאנדאן? וואס הערט זיך מיט איהר אונגליקליכען געמאהל, מרדכי? האט איהם דזשעק, שארלאטעס מאנן, ניט געפונען אין אמעריקא?

— צום אונגליק האט דזשעק באלד נאך דער האכצייט ניט געקענט פאהרען — האט הדסה טרויעריג געענטפערט — אונ ערשט מיט איינע מאנאטען צוריק, וויא דיר איז שוין בעוואוסט, וואר דזשעק אין נויארק, וואו ער האט ערפאהרען, דאס דער ארעמער אונגליקליכער מרדכי איז אין נויארקער קערקער געזעסען אונ ביז יעטצט איז מען פון איהם קיין שפיר דער נאנגען. — מיין שיינע שרייבט מיר, דאס

פארינע וואבע איז זיא מיט מיין פאטער צוריקגעקוממען אונ וועט דיא צייטען זיין ביא מיר, אויך שארלאטע וועט אלוסטרייזע נאך רוססלאנד מאכען.

— איך שרעק מיך זעהר, זיא זאלל זיך, בעהיטע גאטט, ניט בעגעגנען מיט דעם באנדיט פייפקע ריקער.... אויף איהם איז אללעם צוא גלויבען. —

קיינער האט ניט בעמערקט, וויא בעריש סאקאלאווסקי איז ביא דיא ווארטער שרעקליך בלאסס געוואָרען.

— ווער איז דער פייפקע ריקער? — האט בעריש שטילל געפרעגט, אלס ער האט זיך עטוואס בערוהיגט — וויא קוממט ער צוא אייער שארלאטען?

— א רבי בעריש, — האט הדסה מיט אזיפץ געזאגט — דער שורקע האט אונז זויא פיעל קראפטען גערויבט, דאס עס איז ניט צום אויס־דריקען. —

— מיין שוועסטער שיינע האט גליקליך געלעבט מיט איהר ער־דענטליכער געמאהל מרדכי בלוממענטהאל, וועלכער האט אין קעלץ א גרויסען טוכהאנדעל געהאט אונ געשפיעלט א גרויסע ראלע, צום אונ־גליק, האט זיך אין זייער קליינער פריעדליכער פאמיליע אריינגעמישט אשלאנג, וועלכער האט זיא אללע פערגיפטעט. מיט איינינע יאהר צוריק האט זיך זייער זיעבענצעהן יאהריגע איינציגע טאכטער שארלאטא פער־ליעבט אין דעם באנדיט פייפקע ריקער, וועלכער האט זיך פארגעשטעללט פאר א קורלאנדער קויפמאן, מיט דעם נאמען, אווגוסט פעלהאנדלער; מיין לייכטזיננינע אונגליקליכע שוועסטער האט געהאלפען איהר יונגער אונוויסענדער טאכטער אויספיהרען דעם שאנדליכען ראמאן אונ געצווינ־גען איהר ערליכען געמאהל, ער זאלל איינוויללינען צוא דעם ניעדעריגען פארטייא, אונ ווייל מרדכי וואר פון דער נאטור ארוהיגער מענש מיט א שוואכען כאראקטער, אונ אום צוא פערמיידען דיא צאנקערייא, האט ער זייער קאפריז נאכגעגעבען, אבער באלד נאך דער האכצייט, אלס מיין שוועסטער מיט דער יונגער פאאר זיינען מיט דעם שאנעם קויפמאן נאך גירא געפאהרען, האט ער זייא אויף דעם וועג אין עססאד בערויבט, אונ זייא געלאזען אין איין העמד....

וויפיעל ביידע פרויען האבען געליטען, קען איך אייך ניט אב־שילדערען, אבער מעהר פאר זייא האט געליטען מיין ארדענטליכער שוואגער, וועלכער האט צוליעב זייא באנקראטירט אונ פון שאנדע איז ער מיט זיין איינציגען פינפיאהריגען זאהן, שלמה׳לע, אוועק נאך

אויסלאנד, צום אונגליק, איז אויף דעם וועג דאס שיף „לעבא" אונטערגעגאנגען, דאס אונגליקליכע קינד האט דער אקיאן איינגעשלונגען אונ מיין ארעמער שוואגער האט זיך דורך א צופאלל גערעטעט, אבער זיין לעבען איז ערגער פון טויט אונ וואו ער איז יעטצט איז אונז אונבעוואוסט.

זיין טאכטער שארלאטע איז פון שאנדע נאך לאנדאן געפאהרען, וואו דאס גליק האט איהר געפיהרט צוא איהר פאטערס פערלארענעם ברודער דייווים לעווי, וועלכער איז איינער פון דיא בעוואוסטע לאנדאנער מיליאנערען אונ האט גליקליין געהייראט מיט איהר גוטען אנקעלס זאהן דזשעק, וועלכער איז א זעלטענער ארדענטליכער געבילדעטער מאן, אונ זיא איז יעטצט איינע פון דיא גליקליכסטע. —

איהר געוועזענער מאן אווגוסט, אדער פייפקע ריקער, וויא איך איז שוין בעוואוסט, האט ניט לאנג מיין שוואגער זימאן בערויבט אונ דאס צווייטע מאל מיין געמאהל מיט א מעססער געשטאכען. —

— שרעקליך! — האט בעריש אויסגערופען — איז אונמעגליך דעם געפאהרליכען באנדיט צוא פאנגען?

— דאס איז א טייפעל אין מענשען געשטאלט — האט לעאן זיך אבגערופען — איך האב איהם איין מאל, מיט עטליכע יאהר צוריק, אין ווארשיווער וואגזאל געהאפט, וואו ער האט מיך מיט א מעססער געשטאכען, דאס צווייטע מאל האב איך איהם געפאקט אין לאדז, ביי מיין זימאנס שוויגער פאטער, וואו מען האט איהם ארעסטירט אונ פערשיקט אויף פונפצעהן יאהר קאטארגא, דען ער האט שוין פיעל מענשען ערמארדעט, ליידער איז ער פון דארט ענטלאפען אונ מיך אבערמאלס בעפאללען. — נאר גענוג וועגען דעם צוא ריידען, וואס הערט זיך, רבי, בעריש, מיט דעם אונגליקליכען פראפאגאטאר עזרא אונ מיט זיין פאמיליע?

— זעהר ניט פרעהליך — האט בעריש טרויעריג געענטפערט — פיער וואכען זיינען זיא אין קראסנעבראדער הקדש געלעגען אונ אלס זיא זיינען געזונד געווארען, האט מען אין קייטען געשמידט אונ אוועקגעפיהרט אין נולבילער קרימינאל, (קערקער) דען פעסאווסקי האט זיא אלס מערדער אנגעקלאגט, דאס זיא זיינען איהם בעפאללען, זיין געלד גערויבט אונ איהם געוואללט ערמארדען....

— זעהר ניט גוט — האט זימאן געזאגט — עס שנייד מיך ביים הערצען אויף דער ארדענטליכער פאמיליע. ערשט מיט איין יאהר צוריק

טאר איך מיט דער צופאלליגע רייזע מיט אונזער ליעבען פאטער אויף עזרא'ס זאהנס האכצייט ; א, וואס פאר א גוטהערציגע מענשען זייא זיינען! וויא שאן וויא מילד האט דאן זייער יונגע שוויעגערטאכטער אויסגעזעהען! ניט אומזאנסט איז דעם ניעדערטראכטיגען פעסאווסקי געפעללען . . .

— עס וואונדערט מיך זעהר אויף אייך, רבי בעריש — האט לעאן ערוויעדערט — וויא מיר איז בעוואוסט, האט איהר מיט פעסאווסקען גרויסע געשעפטען, קענט איהר ניט אויספיהרען, דאס דער אלטער הונד זאלל מיט דער ארעמער פאמיליע פריעדען שליססען? איך האב אייך זאגאר איינייגע מאל געזאגט, דאס ווען עס וועט זיך וועגדען אין געלד, וועללען מיר ניט פון ווייטען שטעהען, אם ענדע, וויא עס זעהט אוים, האט איהר פערגעססען, דען איך ווייס געוויס, דאס פאר געלד וועט דער פערדאמטער פערשווענדער זיין אייגענעם פאטער פערקויפען . . . . בעזאנדערס, האט איהר איהם בעדארפט אויפקלערען, דאס עס געפיגען זיך גענוג עדות, וועלכע וועללען שווערען, דאס ער האט געוואללט א אונגעהערטען ניעדעריגען פערברעך בעגעהן . . . .

— גלויבט מיר, הערר לעאן, — האט בעריש מיט א פארוויירפע גיענטפערט — דאס איך האב מיט דיעם אלטען סויגעקראל (שונא ישראל) וועגען דעם ניט איין מאל גערעדט אונ עס העלפט קיינע רייד, ער האט מיך נאך גוט אנגעזידעלט . . . . איהר קענט מיך, דאכט זיך, שוין איינייגע יאהר אונ איהר דארפט וויסען, דאס פאר א יוד בין איך געווייט זיך מקרב צוא זיין, איך האב צוליעב דעם אוועק געווארפען מיינע געשעפטען אונ געקוממען אהער, זיך מישב זיין מיט אייך, וואס צוא טהון . . . .

מיין עצה איז, דאס איהר אדער הערר זימאן זאלל צוא איהם פאהרען, וויל פאר אייך האט ער דעך הערץ (דרך ארץ) אונ איהר האט אויף איהם א גרויסען איינפלים.

— מיר ביידע קענען צוא פעסאווסקען ניט פאהרען — האט זיך זימאן אבגערופען — איך מיט מיין לעאנען זיינען צוויא קאנטראסטען: ער איז א רוהיגער מענש, מיט א שטיללען בעראקטער, ער ווערד פון קיין זאך ניט איבערראשט, וואהרענד איך בין א היציגער אונ איך ווייס זיכער, דאס ווען פעסאווסקי זאלל מיר א שלעכט ווארט זאגען, וואללט איך איהם וויא א הונד ערשיסען, אדער איך וואללט איהם א זעלכע חראבישע פעטש געשאנקען, דאס ער וואללט זיך זעגענען מיט זיינע פוילע ציין אונ זינדיגער זעעלע . . . .

— דוא האסט רעכט , זימאן — האט לעאן געלאכט — אזעלכע צודוללטע וויא דוא, קענען גאר פיעל שאדען מאכען , אלזא איך פאהר באלד .

— נימפעל ! נימפעל ! זאלל מען איינשפאננען דיא פערד — האט לעאן בעפאהלען .

— מיין קאטצעלע , מיין ציעגעלע , מיין צוקערפושקע , מיין קאפ זאללסט דוא איבערלעבען .... דיא כפרה זאלל איך פאר דיר ווערען — האט זיך אונטער דער טהיר געהערט א הייזעריגע שטיממע אונ באלד איז אריין דער אמעריקאנער עקס פרעזידענט , וועלכער האט געטראגען א שאן פינפיאהריגעס מעדכען — מיין פאסס-טוער (יפת תואר) — האט ער וויעדערגעהאלט אונ דאס קינד צום הערצען געדריקט — קראנקען זאלל איך פאר דיר ....

— חא ! חא ! חא ! — האבען אללע שרעקליך הויך געלאכט .

— נימפעל — האט בעריש לאכענד געזאגט — גיעב מיר דאס קינד אונ געה איינשפאנען דיא פערד .

— איך וועלל אייך דאס קינד ניט געבען — האט נימפעל אידיאטיש געשמייכעלט — עפעס זיינט איהר צופיעל מחותן מיט דינה'לן ...

בעריש איז פלוטצלונג בלאסס געווארען אונ ווער אומשטאנד א ווארט אוים צוא ריידען , צום גליק , האט עס קיינער בעמערקט , אונ לעאן האט מיט א געמאכטער שטרענגער שטיממע בעפאהלען :

— נימפעל ! גיב רבי בערישען דאס קינד אונ זעה דער פוהרמאן זאלל גלייך איינשפאנען דיא פערד , איך מוז באלד נאך ליווקע פאהרען .

— אללרייט (גוט) — האט נימפעל אויף ענגליש געזאגט — אונ דאס קינד בערישען געגעבען — איי עם סמאט בוי (איך בין א קלוגער יונג) .

נוייטער האבען אללע געלאכט , אונ אין אפיערטעל שטונדע ארום איז לעאן אבגעפאהרען .

— דינה'לע האט בעריש דאס קינד געפרעגט אונ עם צום הערצען געדריקט — ליעבסט דוא מיך ?

— ניין , — האט דאס קינד אונשולדיג געענטפערט — איך האב ליעב מיין פאפא אונ מאמא ...

— איך בין דיין פאפא.... — האט בעריש שטילל געזאגט אונ קיינער האט ניט געזעהען זיינע טרעהרען, וועלכע ער האט אונ-בעמערקט אבגעווישט — ווערסט דוא פאהרען צוא מיר? איך וועל דיר געבען שאנע שפיעלזאכען....

— איהר בינט ניט מיין פאפא... איך וויל ניט צוא אייך פאהרען — האט דאס קינד ערוויעדערט — אונ זיא האט זיך פון זיינע האנד פרייא געמאכט — איך וויל ניט זיין בייא אייך איך צוא דער מאמא!....

— קום צוא מיר, מיין טהייערע טאכטער, — האט הדסה געזאגט אונ דאס קינד אויף איהר שויס גענוממען — ווארום ווילסט דוא ניט זיטצען ביים אנקעל?

— ער בין ניט א גוטער.... איך וויל צוא איהם ניט פאהרען....

א שטיללער טיעפער זיפץ האט זיך פון בערישעס הערץ ארויסגע-ריססען וועלכען קיינער האט ניט געהערט, ענדליך, האט ער פון אללע אבשייד גענוממען אונ איז ארויס פון צימער.

— זעהר איין אפטער גאסט איז בייא אייך דער קראסנעבראדער ראש הקהל — האט זימאן געלאכט — שטענדיג זעה איך איהם בייא אייך.... א, וואס פאר איין אדעל מאן ער איז! עס איז א פערגעניגען מיט איהם צוא פערברענגען, זיינע רייד זיינען וויא פערעל....

— ענטשולדיגט, שוואגער, — האט הדסה מיט א פארוואורפע גע-זאגט — איהר האט פון יעדען איינעם א שלעכטען מיינונג.... איך דענק דאס בעריש קען זיין א פיינער ארדענטליכער מענש, אבוואהל ער איז א אונוויססענדער אונגעבילדעטער מאן, ווייל אויך מיט בילדונג קען מען פערדארבען זיין...

— דינה'לע איז פיעל קלינגער פון דיר, מיין ליעבע שוועגערין, — האט זימאן מיט א שמייכעל ערוויעדערט — זיא האט גלייך געזאגט: „ער בין ניט א גוטער" אונ מיט דער זעלבער מיינונג בין איך אויך.... ער קוממט מיר זעהר רעטזעלהאפט אונ אויך פערדאכטיג פאר.

— שווייג שוין א מאל, מיין קלוגער מאן, — האט מלכה געשמייכעלט — איך וואללט שוין וועללען אלטער זיין מיט איינינע שטונ-דען אונ איך וואללט וועללען וויסען, וואס לעאן האט דארט געמאכט.

— איך קען עס דיר שוין זאגען — האט זימאן זיך אבגערופען — איך גלויב, דאס לעאן וועט דארט גאר ניט אויספיהרען: איך קען דעם פערדאמטען חראביע בעססער פון איך.... דאס קוממט ביא מיר פאר, וויא בעטען מיטלייד ביא א וואלף. —

7.

דער אלטער הונד.

אין פאן פעסאוסקיס הויף איז איין עקיפאזש אריינגעפאהרען, פון וועלכען צוויא פארנאהמע הערין האבען אויסגעשטייגט, אונ דער אלטער פראניק האט זיא מיט עהרע פורכט דיא קארידאר טהיר גיעפענט.

— איז דער הערר חראביע צוהויזע? — האט איינער פון דיא קוממענדע געפרעגט.

— יא, מיין הערר — האט פראניק דעמיטהיג גיענטפערט אונ זיך טיעף פערנייגט.

— קען מען מיט איהם יעטצט שפרעכען?

— זאג איהם דאס דער נאיאבער סלעדאוואטעל מיט זיין סעקרעטאר זיינען געקוממען — האט דער הערר בעפאהלען.

פראניק איז שנעלל אוועק אונ באלד צוריק געקוממען מיט דער אנטווארט:

— דער פאן חראביע ערווארטעט איך מיט אונגעדולט.

פראניק האט זיא אריינגעפיהרט אין זאאל, וואו פעסאווסקי איז מיט א פערבונדענעם קאפ אויף א בעטט געלעגען.

— ווילקאממען — האט פעסאווסקי העפליך געזאגט, אונ דיא געסט זיין ציטערענדע האנד גערייכט — ביטטע, זיטצען זייא.

דער סלעדאוואטעל מיט זיין סעקרעטאר האבען זיך לעבען טיש געזעטצט אונ ארויסגענוממען איינינע פאפירען, אויך טינט אונ פעדער.

— דוא קענסט געהן אונ פערמאכען דיא טהיר — האט דער ריכטער פראניקען בעפאהלען.

(די יו״צ ח״ר)

דער אלטער דיענער האט גלייך דאס צימער פערלאססען.

— יעטצט, הערר חראביע, ערצאהלט אונז פון דעם איבערפאלל האט זיך דער סלעדאוואטעל צו פעסאווסקען געווענדעט — מיר וועללען אללע אייערע ווארטער פערשרייבען.

— א, פאניע סענדזיע (הערר ריכטער), — האט פעסאווסקי טרויעריג געזאגט — שוין פיער וואכען ליעג איך צו בעטט, איך פיהל מיך זעהר שוואך, דאך וועלל איך אייך מיט מיינע לעטצטע קראפטען דיא טרויעריגע געשיכטע ערצאהלען:

— מיט איין יאהר צוריק האב איך מיין ליוזקער פראפינאציע דעם זשידיק עזרא רייז אויף איין יאהר פערדונגען. באלד אין איניגע וואכען ארום, האב איך געהערט פון איניגע בויערען, דאס דער ניעדערטראכטיגער גיעריגער יוד קויפט אויף אללע געשטוילטע זאכען, ער רייסט דיא הויט פון דיא ארעמע בויערען אונ פערקויפט זייא וואססער אנשטאדט בראנטוויין, דאס דער יונגער בענציא רייז האט געמאכט איין אויפשטאנד צווישען דיא אונוויסענדע בויערען, וועלכע ער האט פארגעלעזען איניגע פערבאטענע אונצענזורירטע שריפטען אונ זייא אויפגעקלערט, דאס מען דארף ניט צאהלען קיינע שטייער, דאס עס איז ניט נאטהיג צו דינען אין מיליטער א. ז. וו.

איך האבע נאך פיעל זאכען געהערט, לייגער האב איך גאר ניט געקענט טהון אונ געמוזט ווארטען ביז דער קאנטראקט וועט זיך ענדיגען.

— מיט א מאנאט צוריק האט זיך דאס יאהר גיענדיגט אונ איך האב דעם פערפלוכטען זשיד דורך מיין אלטען דיענער בעפאהלען, דאס זייא זאללען גלייך מיין דארף פערלאססען. —

דער אלטער פערדארבענער זשיד איז גלייך אין הויף געלאפען, אבער איך האב מיט איהם ניט געוואללט רייען.

דער שלויער אלטער האט איין אנדערען מיטטעל געפונען אונ אויף דעם צווייטען טאג, האט ער צו מיר זיין יונגער שוויעגערטאכטער געשיקט.

— דיא ווארהייט צו זאגען האב איך איהר ניט געוואללט עמפפאנגען, נאר זיא איז פאסט מיט געוואלד אריין אין מיין קאבינעט.

אין אנפאנג איז זיא צו מיינע פיסס געפאללען אונ פיעל פאלשע טרעהרען פערגאסען.... זיא האט זויא געיאממערט, דאס איך האב שוין

עטוואס מיטלייד געהאט. אין א פערטעל שטונדע ארום, אלס זיא האט זיך עטוואס בערוהיגט, האט זיא מיך פעסט אומגעארעמט אונ מיך זויא ליידענשאפטליך געקושט, דאס איך וואר אומשטאנד א ווארט אוים צוא ריידען אונ דיא פערדארבענע זשידאוויקע (יודען) האט זיך געפלייסט מיט אללע מיגליכקייטען מיך אין איהר נעץ צוא פערשטריקען.... זיא האט אנגעווענדעט אללע שאנדליכע מיטלען אום מיין הערץ צוא געווינען....

איהר גיעדערטראכטיגער געמאהל, וועלכער האט אויף איהר אין הויף געווארט, האט געזעהען, דאס זיין פרויא פערברענגט זויא לאנג ביא מיר, איז פלוטצלונג מיט געוואלד אריין אונ אלס ער האט אונז געזעהען אין דער פאזע, האט ער זיך אויף מיר זויא א גערייצטער טיגער געווארפען אונ מיט אשארפעם מעססער האט ער מיר איינינע מאל איבערן קאפ געגעבען, דאס איך בין טויט אויף דער דיעלע געפאללען....

היער האט איהר א שיין פון שטאדט-ארצט, וועלכער בעשטעטיגט דאס ווען דער מערדער וואללט מיר עטוואס טיעפער מיט זיין מעססער טרעפען, דאן וואללט ער מיר גלייך ערמארדעט. — אם ענדע, ווען איך בין בעזינונגסלאז געלעגען, האט מיך דער שרעקליכער מערדער בערויבט אונ פון מיין טאש פינף טויזענד רובעל ארויסגענוממען.... דאס אללעס, וואס איך קען אייך, שאנאווניע סענדזיע (גיעהרטער ריכטער), איבערגעבען, מעהר געדענק איך ניט.

דער סעקרעטאר האט אללעס אויסגעהערט אונ ווארט אין ווארט פערשריבען.

— קענט איהר מיר, הערר הראביע, צייגען דאס צימער, וואו דער איבערפאלל איז געשעהען? — האט דער ריכטער נאכדענקענד געפראגט — איז עס פיללייכט דיעזעס צימער?

— ניין, פאניע סענדזיע, — האט פעסאווסקי געציטערט אונ געקלאפט א צאהן אהן א צאהן, — דאס איז גאר אזייטיגער צימער......

— ווארום האט איהר דער זשידאווקע עמפפאנגען אין א זייטיגען צימער?

פאן פעסאווסקי איז לייכענבלאסס געווארען, וועלכעס דער קלוגער ריכטער האט בעמערקט, דאך האט זיך טאמאש געשטארקט אונ קוים גיענטפערט. —

— עס וואר זאנטאג, איך האבע ערווארטעט פארנאהמע געסט,

(די יו״צ ח״ד) זעלבכט

זעלבסט פערשטאנדליך, דאס פאר מיר נאר אונפאססינג אונ װאללט דיא גרעסטע שאנדע האבען, װען מיינער א בעקאנטער זאלל ביא מיר דער פערדאמטער זשידאװקע טרעפען....

— זעהר פיין — האט דער שלויער סלעדאװאטעל גיפטיג געשמייכעלט — דאך מוז איך זעהען דאס צימּמער.... זייט אזויא גוט אונ בעפאהלט אייער דיענער, ער זאלל מיך אהין פיהרען וואו דער איבערפאל איז געשעהן!

— פראשע — פרא־שע — האט פעסאװסקי קוים אויסגעשטאממעלט — הע, פראניק! פראניק!

פראניק איז אריין אין זאלל אונ געבליעבען שטעהן ביא דער טהיר.

— פראניק! — האט פאן פעסאװסקי בעפאהלען, אונ מיט זיינע קליינע היהנערישע איינגעלאך צום אלטען געװאונקען.... — פיהר דיא הערן אין יענעם צימּמער, וואו דער איבערפאלל איז געשעהען!

— סלוחאם, פראשע פאנא (איך הער, מיין הערר), — האט דער אלטער דיענער דעמיטהיג געזאגט אונ דיא ריכטער אין א זייטיגען צימּמער געפיהרט.

— א, וויא שרעקליך! וויא טרויעריג דאס צימּמער איז! — האט דער סלעדאװאטעל אויסגערופען — מען זאלל דא א מענש ערמארדען װאללט מען ניט געקענט הערען.... א װאהרער קערקער.

— זאג מיר, פראניק, — האט זיך דער ריכטער צום אלטען דיענער פראניק געװענדעט — קוממט דיין װירטה אפט אין דעם צימּמער?

— זעהר זעלטען....

— דיענסט דוא שוין לאנג ביים חראביע?

— פון מיין יוגענד אן. איך האב אויך ביא זיין זעליגען פאטער א צייט געדיענט.

— וויפיעל ביזט דוא אלט?

— זעכציג יאהר.

— הערר טשופרין! — האט דער ריכטער זיין סעקרעטאר בעפאהלען — פער־שרייבט אללעס װארט אין װארט.

— יעטצט, פראניק, ערקלער מיר דיא אורזאכע, װארום האט דיין פרינציפאל דער זשידאװקע היער עמפפאנגען? האט ער אויסער דעם קיין אנדערען צימּמער געהאט?

— דָאס איז מִיר אוּנְבֶּעוואוּסְט , פַאניע סענדזיע (הֶערְרן ריכְטֶער).

— גֶעדֶענְקְסְט דוּא גִיט אַלְס דוּא הָאסְט דֶעם פְּרָאפָאנאטָארְס שְׁווִיגֶער טָאכְטֶער בַּייא דַיין הֶערר גֶעמֶעלְדֶעט , וָואס הָאט דִיר דַאן דֶער חראביע בֶּעפָאהלֶען ?

— עֶר הָאט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט , צוּא אִיז וֶוער מִיט אִיהר גֶעקוּמֶען ... אוּנ אַלְס אִיךְ הָאבּ אִיהם גֶיעֶנְטְפֶערְט , דָאס זִיא אִיז אַלֵיין , הָאט עֶר מִיר בֶּעפָאהלֶען , אִיךְ זָאלל אִיהר אִין דֶעם צִימֶער פִּיהרֶען , אִיךְ זָאלל קֵיינֶע גֶעסְטֶע צוּגֶעהמֶען , אוּנ זָאלל אִיךְ נִיט וַואגֶען אִין דֶעם צִימֶער צוּא קוּמֶען ....

— לַאנְג הָאט דִיא זְשידאווקע דָא בַּייא אִיהם אִין צִימֶער פֶערְבְּרַאכְט ?

— מֶעהר וִויא אֵיין שְׁטוּנְדֶע .

— הָאסְט דוּא אִין דֶער צֵייט גָאר גִיט גֶעהֶערְט ?

— אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ פְּעֶרְדוּמְפֶּעגֶע פְּרוֹיעֶנְשְׁטִימֶע ....

— קֵיינֶע וֶוערְטֶער הָאסְט דוּא נִיט גֶעהֶערְט ?

— גֵיין , וַוייל דָאס צִימֶער אִיז וַוייט פוּן קָארִידָאר , וואוּ אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען .

— וֶוען אִיז גֶעקוּמֶען דֶער זְשידאווקעס גֶעמַאהל ?

— בֶּענַאהֶע אִין אַ שְׁטוּנְדֶע אַרוּם .

— הָאסְט דוּא אִיהם עֶרְלוֹיבְּט אַריין צוּא גֶעהן אִין דִיזֶעס צִימֶער ?

— גֵיין , עֶר אִיז מִיט גֶעוואַלְד אַריין אִין קָארִידָאר , אוּנ אַלְס עֶר הָאט דִיא פֶּערְדוּמְפֶּעגֶע שְׁטִימֶע גֶעהֶערְט , אִיז עֶר גְלַייךְ צוּא דִיעזֶען צִימֶער גֶעלָאפֶען ....

— הָאסְט דוּא בַּייגֶעוואוֹהנְט דִיא סְצֶענֶע , וֶוען דֶער זְשִׁיד אִיז דַיין הֶערר בֶּעפַאללֶען ?

— אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אִין צֶעהן מִינוּטֶען אַרוּם , וֶוען בּענציא מִיט זַיין וַוייבּ זַיינֶען אַרוֹיס פוּן צִימֶער .

— וואוּ בִּיזְט דוּא אִין דֶער צֵייט גֶעווֶען ?

— אִיךְ בִּין גֶעלֶעגֶען אוֹיף דֶער דִיעלֶע , דֶען דֶער אוֹיפְגֶערֶעגְטֶער זשידיק הָאט מִיר אַ שְׁטַארְקֶען שְׁטוֹיס גֶעטְהוּן אוּנ אִיךְ בִּין גֶע-פַאללֶען .

— אִיז וַואהר דָאס דִיא זְשִׁידֶעס הָאבֶּען דִיא בּוֹיעֶרֶען בֶּערוֹיבְּט אוּנ גֶעהַאנְדֶעלְט מִיט גֶעשְׁטוֹילֶעטֶע זַאכֶען ?

(דִי יו"צ ח"ד)

— אִיךְ הָאבּ עֶס נִיט גֶעהֶערְט , נָאךְ מַיין מֵיינוּנְג אִיז דֶער אַלְטֶער עזרא מִיט זַיין פַאמִילְיֶע דִיא פַיינְסְטֶע מֶענְשֶׁען .

— גְלוֹיבְּסְט דוּא דָאס דַיין הֶערר הָאט גֶעוָואלְלְט דֶער שֶׁאנֶער יוּדֶען עֶנְטְעֶהרֶען ?

— אִיךְ קֶען עֶס נִיט זָאגֶען . . .

— וָוארוּם ?

— וַוייל אִיךְ בִּין אִין צִימֶמֶער נִיט גֶעוֶועֶן .

— וֵוייסְט דוּא נִיט , וִויפִיעל גֶעלְד דֶער חראביע הָאט דַאן אִין זַיין טַאשׁ גֶעהַאט .

— גְלוֹיבְּסְט דוּא , דָאס דֶער בֶּעשׁוּלְדִיגְטֶער בענציאַ הָאט גֶעוָואלְלְט דַיין פְּרִינְצִיפַּאל דֶעם חראביע , עֶרְמָארְדֶען , אוּם זַיין גֶעלְד צוּא רוֹיבֶּען ?

— נֵיין . . . . בענציא אִיז אַיין עֶהרְלִיכֶער מַאן , עֶר וֶועט עֶס נִיט טְהוּן , בֶּעזָאנְדֶערְס , וֵוייסְט עֶר , דָאס דֶער חראביע אִיז נִיט רַייךְ אוּנ מַאנְגֶעלְט זִיךְ אִימֶמֶער אִין גֶעלְד . . . . .

— אִיז וַאהר , דָאס דֶער הראביע הָאט בַּייא דֶעם שֶׁענְקֶער אַכְט הוּנְדֶערְט רוּבֶּעל אָהן אַ וֶועכְּסֶעל גֶעלִיהֶען ?

— יאַ .

— הָאט אִיהם דֶער חראביע אָבְּגֶעגֶעבֶּען ?

— דָאס וֵויים אִיךְ נִיט . . . .

דֶער סֶעקְרֶעטָאר הָאט אַלֶעס פֶערְשְׁרִיבֶּען , אַם עֶנְדֶע , הָאט דֶער רִיכְטֶער פוּן חראביע אָבְשֵׁייד גֶענוּמֶמֶען אוּנ קוֹים זַיינֶען זַייא אַרוֹים פוּן קַארִידָאר , אִיז לֶעאָן לעווינשטיין גֶעקוּמֶמֶען אוּנ בֶּעפָאהלֶען פראניקען , דָאס עֶר זָאלל אִיהם מֶעלְדֶען בַּיים פַאן חראביע .

— אִיךְ קֶען יֶעטְצְט נִיט גֶעהן — הָאט פראניק פוּיל גֶעזָאגְט — דֶער חראביע אִיז יֶעטְצְט זֶעהר צוּשְׁטְרֵייעֶט . . .

— אִיךְ דַארְף אָבֶּער מִיט אִיהם נֶאטְהִיג שְׁפְּרֶעכֶען — הָאט לֶעאָן עֶרְוִויעדֶערְט אוּנ פראניקען אַ פַּאפִּיעֶרֶעל אִין הַאנְד גֶעגֶעבֶּען — גֶעה , פראניק !

— דֶער אַלְטֶער הָאט דֶעם רוּבֶּעל בֶּעהַאלְטֶען אוּנ אִיז שְׁנֶעל אַוֶועק .

8.

פארזעטצונג.

— יאסנא וועלמאזשנע, פאן חראביע! — האט פראניק געמעלדעט דיא ריכטער זיינען אבגעפאהרען אונ דער רייכער זשידיק לעאן לעווינשטיין איז געקוממען .... ער דארף מיט אייך נאטהיג שפרעכען.

— סוויניא מאלפא! — האט פעסאווסקי וויא אימער געשריען — ערשט זיינען אוועק דיא שווייגען, אונ יעטצט איז ווייטער א הונד געקוממען .... א, איך האבע שוין קיין געדוללט! זאלל ער אריינגעהן.

פראניק איז ארויס פון חראביעס צימער, אונ געזאגט לעאנען דאס ער קאן אריינגעהן.

— דזיען דאברי (גוטען טאג), פאן חראביע! — האט לעאן, אריינקוממענדיג אין זאאל, העפליך געזאגט — וואס מאכט איהר? וויא פיהלט איהר זיך?

— איהר זעהט דאך, דאס איך בין קראנק — האט פעסאווסקי טייפליש געשמייכעלט — אייערע ברידער שלאגען גוט ....

— יא, איך זעה ערשט, דאס מיינע ברידער שלאגען גוט — האט לעאן אין א בייסענדער איראניע ערוויעדערט — אבער איך בעוואונדער, וויא קוממט צו זייא אזא העלדענטהאט, בעססער געזאגט, אזא פרעכהייט (עזות) צו שלאגען אחראביע ...? איך האב זייא אימער געזעהן פאר פייגלינגע (טרוסען) .... אבער אין דער ווירקליכקייט, האט מען זייא פיעל בעססער געשלאגען .... פרעגט אייערע בויערן, וועללען זייא אייך אללעס ערצעהלען ....

— א שאנער העלדענטהאט — האט פעסאווסקי ביטער געלאכט — צו בעפאלען א שוואכען מענשען אונ איהם בערויבען איז איהם שטאנד דער גרעסטער פייגלינג, אבער מען וועט זייא צאהלען, וויא זייא האבען פערדיענט!

— פאנ'ע חראביע! — האט לעאן זיך אבגערופען — איך בין ניט געקוממען מיט אייך דיספוטירען, אין געגענטהייל, איך בין געקוממען מיט דער אבזיכט, איך זאלל צווישען אייך פריעדען שליסען, וועלכעס וועט גלייכער זיין פאר אייך ביידען .... פאר אייערע שמערצען אונ בעליידונגען, וויל אייך דער אלטער עזרא זיין גאנצען קאפיטאל אוועק געבען

(די יו"צ ח"ד)

געבען, אונ ווען איהר וועט ניט איינווילליגען, זויא האט ער גענויג צייגען (עדות) וועלכע וועללען שווארען, דאס איהר האט געוואללט זיין פרויא....

– איהר זיינט א געמיינער זשידאווסקער פאקטאר! — האט פעסאווסקי ווילד אויסגעשריען אונ זיינע קליינע אייגעלאך זיינען געווארען מיט בלוט פערלאפען – איך וועלל פריעדען שליססען, מיט אייערע זשידעס, מיט דיא וואמפירען, בלוטזויגער, מיט דיא פערדאמטע מערדער אונ רויבער? פערגעסט איהר ווער איך בין? וואס פערגלייכט איהר מיך מיט דיא פיאווקעס, מיט דיא בעטריגער! איז חראביע פון טאמאש פעסאווסקי גלייך מיט אייך?...

— געווים ניט! — האט לעאן געדאנגערט אונ זיך פון זיין שטוהל אויפגעהויבען – דוא ביזט א געמיינער לומפ, איין אונפערשעמטער שורקע! דענק ניט, דאס עס איז יענע צייטען, ווען אזעלכע לומפען, אזעלכע וואהנזיניגע הינד האבען געהערשט אונ פיעל מענשען ערמארדעט! עס איז אונטערגעגאנגען דיין שלאכטעטסווא (אדעללייט) צוזאממען מיט דער פערפלוכטער פאנשטיזנא (קנעכטשאפט)! אללע ווייסען, דאס דוא אלטער טייפעל, האסט געוואללט דער עהרליכער רחלען ענטעהרען! דוא האסט אונשולדיגע מענשען בערויבט, צוליעב וועלכען דוא האסט זייא פון דיין דארף ארויסגעטריבען! אומזאנסט בעשולדיגסט דוא זייא, דאס זייא האבען פון דיין טאש פינף טויזענד רובעל ארויסגע- נוממען! דוא האסט ניעמאלס אזא סוממע געהאט.... איך קען דיך, געמיינער בעטריגער, פערפלוכטער פערדארבענער פאן!

ביי דיא ווארטער האט איהם דער אויפגערעגטער לעאן גלייך אין געזיכט געשפויגען אונ דאס צימער פערלאססען.

— פראניק! דעם רעוואלווער! שיסט דעם פערדאמטען זשיד! ער האט מיך בעליידיגט! שמייסט איהם! הענגט דעם געמיינעם אונגלויבער! – האט געקייכט דער אלטער הונד....

ענדע 4–טער טהייל.

פון הערויסגעבער.

דיא לעזער וועלכע אינטערעסירען זיך מיט דעם שיקזאל פון דיא פערזאָנען, פון דיזען ראָמאַן, זאָלען פאָדערען דעם קינפטיגען ראָמאַן, „דער געוועזענער ציגיינער„ אָדער „דער גר צדק״ וועלכער איז שיין ערשיינען אונ איז אַייך אינטערעסאַנט פון אָנפאנג ביז ענדע׳ דאַצוא איז ער דיא אַיין פאָרזעטצונג אונ אויך דיא ענדע פון דיזען ראָמאַן, אַויך פון דער ראָמאַן, „דיא ציגיינער״. — אין דעם ראָמאַן דער גר צדק, אָדער דער געוועזענער ציגיינער וועלען דיא לעזער בעגעגען דיא אַללע פערזאָנען, פון דיאביידע ראָמאַנען. דיא ציגיינער, אונ דיא יודישע ציגיינערין, האָפפע דאָס דיא יודישע לעזער וועללען דאַנקען פיר דיזען ראָמאַן דעם פערפאַסער אויך דעם הערויסגעבער: